STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09403

DER BAL SEYKHL

Stanislaw Przybyszewski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער בעל שכל

א ראָמאַן אין דריי טהיילען

פ ו ן

ס. פשיבישעווסקי

איבערזעצט פון ר. זווילינסקי

אונטער דער רעדאַקציאָן און מיט א פאָררעדע

פון

ש. יאַנאָווסקי

באַנד 2

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

1917

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

424 GRAND ST.
NEW YORK

Copyright, 1917
Max N. Maisel, Publisher

דריטער טהייל.

אין קעסעל-גרוב

.1

יאנינא האָט לאַנג געקוקט אויף פאלק'ן מיט אַ פערטראַכטען טרויעריגע בליק. ווי שטאַרק ער האָט זיך אומגעביטען פאר דער לעצטער צייט! עפּעס ווי ער וואָלט יעדע מינוט ערוואַרטעט וועל־כען גרויסען אונגליק. און צייטענווייז איז ער שטונדען־לאַנג גע־ווען פערזונקען אין אזא טיעפער אַפּאַטיע, אז ער האָט פערגעסען אָן אַלץ ארום... טו וואס האָט מיט איהם געטראָפען.

אָך, ער איז איצט ניט אָפענהערציג מיט איהר. מעגליך, אז ער איז גאָר קיינמאָל ניט געווען אָפענהערציג... ווען זי פלעגט פרואווען צופרעגען זיך ביי איהם, האָט ער אָדער אין גאַנצען ניט געענטפערט, אָדער ער האָט זי אָפּגע'פטר'ט מיט אַ פּאָר פּוסטע פראַזען... אָפט האָט זי בעמערקט אַ נערוועזען ציטער אויף זיין געזיכט, און צייטענווייז פלעגט זי זיך שרעקען פאר'ן פּלוצלונגען פּיהר פון זיין האנד, אדער אַ מין מאָדנעם שמייכעל אויף זיינע ליפּען.

דיזען האלב־גיפטיגען, האלב־פערצווייפעלטען שמייכעל האָט ער געבראַכט מיט זיך פון פאריז.

פאלק האָט זיך עפּעס ווי אויפגעכאַפּט פון טיעפע רעיונות. האָט זיך אויפגעהויבען פון זאָפע און אריינגעוואָרפען עטליכע שטיקלעך צוקער אין גלאָז אריין.

— דו האָסט הייסע וואַסער?

— דו טאָרסט ניט טרינקען אזוי פיעל גראָג, דאָס צורודערט נאָך מעהר דיינע נערוועזן.

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! פערקעהרט — האָט פאלק געענטפערט אונגעדולדיג.

יאנינא האָט געשווינד געבראַכט וואַסער.

פאַלק האָט גענומען לאַנגזאַם צוגרייטען זיך גראָג. ער האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר; זי האָט געפּאַרעט ארום איהם; מיט איהר בערייטקייט צו העלפען איהם אין אַלץ האָט זי געגאַרט צו פערגלעטען איהר שולד, וואָס זי האָט כאַטש אויף איין מינוט גע־וואַגט צו ווידערשפּרעכען איהם.

איהם האָט דיזעס גערירט. ער איז געוואָרען צו איהר זעהר צערטליך.

— ניין, יאַנינאַ, דו האָסט אַ טעות. דיזעס ווירקט אויף מיר זעהר בערוהיגענד. דאָ, ביי דיר, פערברענג איך מיינע בעסטע, מיינע רוהיגסטע מינוטען... עס איז אַזוי אַנגענעהם צו זיצען דאָ און טרינקען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז... יאָ, יאָ, מיר איז גוט נעבען דיר...

מיט אַ מאָל איז ער געבליבען שטיל. איבערהויפּט איז זיין אויסזעהן געווען אַזאַ, עפּעס ווי ער וואָלט געטראַכט וועגען אַ גאַנץ אַנדער זאַך.

— עריק?

— וואָס?

— דו האָסט זיך שטאַרק אומגעביטען נאָך דעם ווי דו ביסט געקומען פון פּאַריז.

— יאָ? אַזוי רעכענסטו?

— אַזעלכער ווי איצט ביסטו נאָך קיינמאָל ניט געווען. דו ביסט געוואָרען שרעקליך אומרוהיג און נערוועז.

פאַלק האָט געוואָרפען אויף איהר אַ לאַנגען בליק, נאָר האָט קיין זאַך ניט געענטפערט. האָט אויסגעטרונקען דעם גראָג, דער־נאָך ווידער אַ קוק געגעבען אויף איהר, און מיער זיך אָבגעוואָרפען אויפ׳ן ווענטעל פון זאָפע.

— וואונדערבאַר ווי פריינדליך און גוט דו ביסט — האָט ער ליעבליך אַ שמייכעל געטהאָן צו איהר — מיר איז אַזוי גוט נעבען דיר.

— דו זאָגסט עס ערנסט?

— דו זעהסט דאָך, ווי אַזוי איך קעהר מיך צוריק אַלע מאָל צו דיר.

— יא, יא, דו קומסט צוריק, אָבער נור דאן, ווען דו פיהלסט זיך שוין צו מיעד. וואָס בין איך דען פאַר דיר? א קישען אונ־טער דיין מיעדען קאָפּ. אָה, עריק, עריק, ניט קיין פאָרוווּרפע וויל איך דיר מאכען, עס איז אָבער נישט גוט געווען פון דיין זייט איבערצולאָזען מיר דאָ אויף גאַנצע דריי יאָהר פון אזעלכע שרעק־ליכע ליידען. און קיין איין וואָרט האָסטו מיר ניט געשריבען.

— חא, איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט אין גאַנצען פערגעסען אָן מיר...

— פערגעסען אָן דיר? ניין! דאָס קאָן איך ניט, און קיי־נער וואָלט עס ניט געקאָנט.

לאַנג האָט ער געקוקט אויף איהר, ניט רעדענדיג קיין איין וואָרט.

— זאָג מיר, יאַנינא — איז ער פּלוצלונג לעבעדיג געוואָרען

— אָבער זאָג מיר גאַנץ אָפענהערציג: איז ביי דיר ווירקליך גע־ווען וועלכע פערהעלטניסע מיט טשערסקי׳ן? אָבער זיי פאָלשטענ־דיג אָפענהערציג. דו ווייסט דאָך, ווי אזוי איך קוק אויף אזעלכע זאכען...

— קיין שום פערהעלטניסע איז אייגענטליך ניט געווען. מיר זיינען פערליבט געוואָרען — דאָס איז אלעס. און איך האָב עס דיר שוין אזוי פיעל מאָל געזאָגט...

— נו, יא, יא, אָבער פאַר מיר איז דאָס אלעס פון גרויסער וויכטיגקייט, — און דו ווייסט דאָך, ווי גרינג איך פערגעס אלץ.

— דיין ברודער האָט דיזע פערלאָבונג אודאי שטאַרק הנאה געטהאָן.

— דו ווייסט דאָך, ווי שטאַרק ער ליעבט טשערסקי׳ן!

— נו, און דו?

— איך? גאָט מיינער, ווענען דיר האָב איך שוין אפילו קלעהרען ניט געוואגט. דו האָסט מיך אין גאַנצען פערלאָזען. און טשערסקי איז געווען אזוי גוט צו מיר. טו אויף וואָס נאָך האָב איך געקאָנט וואַרטען? דערצו פיהל איך דאָך גרויס אַכטונג צו איהם.

— ווען מען וואָלט איהם ניט געוועזן איינשפּאַרען אין גע־פענגניס, וואָלסטו שוין איצט געווען א גאַנץ לייטישע בעל־הבית׳־

טע... הם... הם... ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסען אויף וויפיעל דיר וואָלט עס געפּאַסט....

יאַנינאַ האָט גאָר ניט געענטפערט. עס איז ענטשטאַנען אַ לאַנגער שווייגען.

— האָסטו איהם בעזוכט אין געפענגניס?

— יא, גאָר אין אָנפאַנג, צוויי מאָל.

— און דיין ברודער איז געלונגען אריבערצוכאַפּען זיך איבער דעם גרענעץ?

— דו ווייסט דאָך.

— הם, הם... פאַלק האָט זיך אויפגעהויבען און נערוועז דורכגעשפּאַצירט עטליכע מאָל איבער'ן צימער.

— האָט איהר ווען גערעדט פון מיר?

— ווער? ווער וואָלט עס געוואַגט רעדען?

— אָט, דיין ברודער, טשערסקי...

— נו, געוויס זעהר אָפט. דו פלעגסט דאָך שיקען געלד טשערסקי'ן. האָסט שוין פערגעסען?

— און זיי האָבען געוואוסט וועגען אונזערע בעציהונגען?

— ניין. איך האָב זיך געמאַכט קאַלט און גלייכגילטיג, אַקוראַט ווי איך וואָלט דיך גאָר קיינמאָל ניט געקאַנט. איך האָב פאַר זיי מורא געהאַט, זיי זיינען דאָך אַזוינע פאַנאַטיקער.

— האָבען זיי, אַלזאָ, קיין זאַך ניט געוואוסט?

— דאַכט מיר, אַז קיין זאַך ניט. און דו האָסט ניט גערעדט מיט מיין ברודער אין פּאַריז וועגען מיר? איהר פלעגט דאָך דאָרט גאַנץ אָפט טרעפען זיך.

— יא, מיר פלעגען זיך בעגעגענען, אָבער כמעט שטענדיג האָבען מיר גערעדט פון אַגיטאַציע... אַך, ריכטיג! איינמאָל האָט ער מיר דערצעהלט, אַז זיין שוועסטער וועט אין גיכען הייראַטען; און דערנאָך בין איך גאָר אין גיכען אַוועקגעפאָהרען פון פּאַריז...

— אָבער לאָמיר דאָס לאָזען...

וויעדער האָט ער גענומען אונרוהיג שפּאַנען איבער'ן צימער.

— הער אויס, עריק... דו האָסט גאָר קיינמאָל ניט געבענקט נאָך מיר?

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— צייטענווייז האָב איך געבענקט.

— נור צייטענווייז?

— ער האָט ווידער אַ שמייכעל געטהאָן.

— אָט בין איך דאָך שוין צוריקגעקומען צו דיר.

— יאָ! צוריקגעקומען, אָבער דו האָסט מיך ניט ליעב.

איהר שטים האָט געציטערט.

— איך ליעב קיינעם ניט, נאָר נאָך דיר האָב איך געבענקט.

ער האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר.

איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט טיעפען פיין.

„זי וועט זיך זיכער באַלד צושיינען“, האָט ער אַ קלער געגעבען.

ער האָט זיך געזעצט נעבען איהר.

— הער אויס, יאנינא, איך קען ניט ליעבען. איך האָס יענע, וועמען איך מוז ליעבען.

— צו האָסט, אָבער, געליעבט ווען?

— איינמאָל נאָר. און צו דערזעלבער צייט האָב איך אויך געהאַסט.

— אַך, לאָמיר ניט רעדען פון דעם.

פאַלק איז מיט אַ מאָל געוואָרען ערנסט. איהם האָט געדריקט דער געדאַנק וועגען זיין פרוי.

— ניין, ניין, ניין. קוים פאַנגט מען אָן ליעבען, אַזוי פערלירט מען די פרייהייט. אומעטום דרינגט אריין די פרוי. וועגען טויזענדע קלייניגקייטען מוז מען דאָן געדענקען. מ'מוז זיין איהר געליעבטער, איין שלאָפצימער מיט איהר האָבען, — דיזעס איז איבריגענס ניט פון אונבעדינגטער נויטווענדיגקייט, אָבער... מיט איין וואָרט, דו פערשטעהסט דאָך, וואָס איך מיין... איך מוז זיין פריי; יעדער געפיהל, ווען אפילו ער פערבינדט מיך נאָר וועניג, וועקט ער אויף אין מיר פיינדשאַפט, האַס און צאָרן...

ער האָט גענומען איהר האַנד און אָנגעהויבען צערטליך גלעטען.

— ס'איז פשוט צום בעוואונדערן, ווי דו ליעבסט מיך, יאַנינאַ.

— פאַר וואָס איז עס צום בעוואונדערען?

— מיין האַרץ איז דאָך אזוי קאַלט, אזוי קאַלט...

יאַנינאַ האָט געשלונגען די טרעהרען.

— כ'ליעב דיך, ווי דו ביסט. קיין זאַך פאָדער איך פון דיר ניט.

— אָט דאָס איז גוט. דערפאַר פיהל איך מיך טאַקע ביי דיר אזוי אנגענעהם.

ער האָט לאַנג געשוויגען. דערנאָך, מיט א מאָל ווי אויפגעכאַפּט זיך.

— ווי רעכענסטו, בין איך נאָך איבערהויפּט אימשטאַנדע צו ליעבען?

— מעגליך, אז פריהער ביסטו געווען אימשטאַנד.

— און ווי א שטייגער ווען איך וואָלט איצט, פערשטעהסט, א י צ ט... ווען איך וואָלט געליעבט איינעם אזוי... אז יענער איינער, לאָמיר זאָגען א פרוי, וואָלט געשפּיעלט פאַר די ראָלע פון א שיקזאַל, פון א שווערען, שרעקליכען שיקזאַל...

יאַנינאַ האָט מיט שרעק א קוק געגעבען אויף איהם.

— פערשטעהסטו מיך? ווען איך וואָלט אזוי געליעבט יענע פרוי, אז איך וואָלט איין מינוט ניט געקענט לעבען אָהן איהר.

איהרע אייגען זיינען אַלץ ברייטער געוואָרען פון נישט פערשטעהן.

— נו, טאָ קוק ניט אויף מיר אזוי, זיי ניט קיין קינד.

— עריק, זאָג מיר, דערצעהל מיר אַלעס. וואָס איז מיט דיר? דו מיינסט איך זעה ניט ווי דו ליידסט, ווי דו בעהאַלטסט עטוואָס פון מיר?

איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען. פּאַלק איז מיט א מאָל לעבעדיג געוואָרען.

— כ'פערשטעה ניט וואָס דיך פּלאָגט אזוי. קיין זאַך פערבאָרג איך ניט פון דיר. און איך בין גאַנץ רוהיג. שוין לאַנג בין

איך ניט געווען אזוי רוהיג און פרעהליך. ניט איך קען זיך אפילו איצט פארשטעלען אזא ליידען. ניין, ניין... צייטענווייז וואכט אין מיר אויף א מין ווילדער וואונש, צו מאכען שפאס, לוסטיג מא־כען זיך איבער די מענשען, זיי צו פלאגען א ביסעל. און איך טהו עס מיט גרויס פערגעניגען. כ'שפיר א שרעקליכע דורשט צו ליע־בען. אבער אם שטארקסטען פיהל איך דיעזע ליעבע גראדע דע־מאלט, ווען איך פלאג די מענשען, וואס ליעבען מיך. כע, ליעב קינד מיינס, ווען איך וואלט נאר געוואלט, ווען איך וואלט דיך ניט געזשאלעוועט אזוי, וואלסטו געזעהן צו וואסערע מאטערניס איך וואלט דיך אונטערווארפען. און געטהאן וואלט איך עס נאר צוליעב דעם, כדי איך זאל אין דיינע ליידען פיהלען דיין גרויסע, טיעפע איבערגעבענהייט צו מיר. זאנדערבארע זאכען וואלט איך דיר געקענט דערצעהלען. נו, צום ביישפיעל, אז איך בין פער־הייראטעט, און האב שוין א געזעצליכען זוהן, וועהרענד דיין קינד איז אן אונגעזעצליכעס. צו פערשטעהסטו דען ניט אזא אינסטינקט? נעחם עס נאר ניט צו נאהענט צום הארצען. ביי מיר איז דאך די קאפ ניט שטענדיג אין ארדנונג.

אבער בערוהיגען איהר האט ער ניט געקענט.

— אך, ניין, ניין, עריק. דאס אלעס פערשטעה איך גאנץ גוט. עס איז אבער נאך אלץ ניט דאס, וואס דריקט ווירקליך דיין נשמה. צו גוט פערשטעה איך דעם אונטערשיעד.

זי האט זיך פערטראכט.

— דו זאג נאר אפענהערציג: אפשר בעאונרוהיגט דיך טשער־סקי אזוי?

פאלק האט אויפגעציטערט.

— טשערסקי? טשערסקי? הם... וואהרשיינליך ניט ווענינ אונאנגענעהמליכעס וועט נאך פארקומען ביי מיר מיט איהם.

— ווארום?

— נו, געווים האב איך שוין אביסעל איבערגעכאפט די מאס, אבער דאך... — ער האט מיט א מאל איבערגעהאקט.

ביידע האבען געשוויגען.

— טשערסקי איז אנדערהאלבען יאהר געזעסען אין טורמע?

— כמעט אזוי פיעל.

— מערקווירדיג, וואָס גראָד איצט האָט מען איהם בעפרייט. יאַנינאַ האָט פערוואונדערט געקוקט אויף איהם.

— פאַרוואָס איז עס מערקווירדיג?

— כ'האָב דען געזאָגט, אז ס'איז מערקווירדיג? וואהרשיינ־ליך האָב איך דאַן געקלעהרט פון עטוואָס אַנדערעס. אָבער וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען?... הם... טשערסקי מוז זיך אודאי זעהר שלעכט פיהלען.. נו, געווים, איך פיהל זעהר מיט מיט איהם. דאָס איז א שטאַרקער מענש, אונערשראָקען ביז וואהנזין. איצט איז ער אודאי שוין גאָר געוואָרען אַן אַנאַרכיסט? יא, יא... הער אוים, יאַנינאַ, האָט ער געוויינט ווען ער האָט זיך פון אַלעם דערוואוסט?

— ניין, ער איז געווען זעהר רוהיג. ר'האָט געזאָגט, אז ער איז געווען צוגעגרייט דערצו. ער האָט מיר בלויז פירגעהאַלטען פאַרוואָס איך בין ניט געווען אָפענהערציג מיט איהם. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס קינד אויף די הענד און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין פאָטער.

— האָסט איהם געזאָגט ווער דער פאָטער איז? געווים, און פאַר וואָס דען ניט? בע, בע, איך דאַרף דאָך זיך נישט שעהמען דערמיט, וואָס איך האָב געהאָלפען אזא וואוילען בירגער צו קו־מען אויף דער וועלט פון דעם תהו ובהו... בע, בע, טו קוק ניט אויף מיר מיט אזא שרעק... אָפּטמאָל בעפאַלט מיך דיעזער נער־ווענזער געלעכטער גאָר געגען מיין ווילען דאָס איז דערפאַר, ווייל איך בין אזוי אויסגעמוטשעט... אַך, דאָס לעבען איז גאָר ניט אזוי לייכט, ווי דיר, קען זיין, דוכט זיך אין דיין קינדערשער, אָדער גי־בער מיידעלשער לייכטזיניגקייט... נו, טו לאַך־זשע, לאַך... איך האָב דאָך אזא געלונגענעם וויץ געזאָגט.

אָבער יאַנינאַ האָט ניט געלאַכט. זי האָט געקוקט גלייך פאַר זיך פערזונקען אין טיעפער, טרויעריגער פערטראַכטקייט.

פאַלק איז געוואָרען בייז.

— וואָס ביזטו אזוי טרויעריג? ווירקליך, מיר פערפאָלגט אפּנים א מין בייזער שיקזאַל. וואוהין איך זאָל ניט קומען, טרעף איך אומעטום לויה־צורות. איך מוז זיך א פּנים אויסווייזען,

אז אין מיין אַנוועזענהייט קען מען זיך גאָר אַנדערש ניט האַלטען.

יאַנינאַ איז געווען דערשראָקען. שוין לאַנג האָט ער זיך ניט געבייזערט אזוי.

ער האָט זיך פון דעסטוועגען באַלד בעהערשט.

— איז דער קליינינקער עריק געזונד? זיכער אזוי. צו וואָס וועט ער עפּעס קראַנק זיין? נאָר דו מוזט נאָך אודאי זיין שוואַך. הם, ס'איז נישט אזוי גרינג צו געבוירען אַ קינד.

ער האָט אַ קוק געגעבען אויפ'ן בילד, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן בעט.

— דאָס האָסטו דאָן געצייכענט מיט מיר צוזאַמען... געדיינקסט? ס'איז געווען אַ שרעקליך הייסער טאָג. אין אַ רויט דין העמדעל איז דער הימעל געווען אָנגעטהאָן; און ווען דו האָסט זיך דאָן אָנגעבויגען... כע, כע, כע... דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער ענדע...

יאַנינאַ האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט אַ לאַנגען, טרויעריגען בליק.

— ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען כ'וואָלט דיך קיינמאָל ניט געקענט.

— יאַ? ווארום איז עס אזוי?

— כ'וויים ניט... און דאָך, גאָט מיינער — איז דאָך געווען אַ צייט, ווען איך בין מיט דיר געווען גליקליך, אזוי גליקליך.

— נו, אַלזאָ?

— איך האָב מורא פאַר דיר. כ'וויים ניט ווער דו ביסט, איך קאָן דיך לחלוטין ניט, כ'וויים ניט וואָס דו טהוסט, וואָס דו טראַכסט. — שוין צעהן יאָהר ציהען זיך אונזערע פערהעלטניסע.

יאַ, יאַ, אָט וויפיעל צייט עס איז שוין פאַראיבער. אַ היבשע צייט האָב איך דאָך געוואוינט מיט דיר צוזאַמען. דאָך ווייס איך קיין זאַך ניט, אבסאָלוט גאָרנישט פון דיר. דו ביסט זעהר, זעהר ניט אָפענהערציג מיט מיר... צום מאָהל ווייזט זיך מיר אויס, אז דו רעדסט מיט מיר בלויז מעכאַניש, ווייסט אַליין נישט וואָס דו רעדסט. און דו ביסט דאָך אזוי אונגליקליך, אזוי שרעקליך אונ-

גליקליך. דאָס קענסטו פון מיר ניט בעהאַלטען. דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס איך ווייס אויף זיכער.

אַך, ווי איך וואָלט געוואָלט אַריינדרינגען אין דיר, צונויפ־גיסען זיך מיט דיר, און וויסען וואָס עס טהוט זיך אין דיין נשמה. איך ווער משוגע פון פיין, וואָס איך וועל עס קיינמאָל ניט ערריי־כען. שוין צו גוט ווייס איך, אז דו ליעבסט מיך ניט, און ניט דו לייקענסט עס אפילו. און דאָך קען איך זיך ניט שטעלען דיר דאַ־גענען. איך פיהל אזא בענקשאַפט נאָך דיר, כ'פיהל אז איך בין דיין שקלאַפין — א שוואַכע, בעדויערענסווערטהע בעשעפעניש, אָהן א ווילען, אָהן א געדאַנק... אין וואָס ליעגט דיין קראַפט, דיין מאַכט?

פאָלק האָט געהיימניספאָל א שמייכעל געטהאָן.

— איך בעזיץ א שטאַרקערען ווילען פון דיינעם.

— מעגליך, אז דו וואָלסט אפילו מיך ליעב בעקומען, ווען איך וואָלט געוועזען שטאַרקער, ווען איך וואָלט זיך ניט אזוי אונ־טערגעגעבען צו דיין טייפעלשען איינפלוס?

— ערשט דעמאָלט וואָלט איך דיך ניט ליעב געקראָגען.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך קען ניט דולדען קיין שום ווילען נעבען מיינעם.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אויפגעציטערט. ער איז ווי ערשטוינט געוואָרען פון דער שרעקליכער, געהיימניס־פאָלער שטילקייט פון דער נאַכט.

— דאָ איז שטענדיג אזוי שטיל?

— יא, ביינאַכט...

פאָלק האָט געקוקט אויפ'ן ברייטען געפלאַסטערטען הויף: פון אַלע פיער זייטען גרויסע זעקס־שטאָקיגע הייזער. א ריכטיגער פריזאָן־הויף. אנטקעגען אין איינעם פון די פענסטער האָט געבלים־טשעט א פייערעל.

ער האָט זיך געזעצט און זיך שטאַרק פערקלעהרט. דערנאָך מיט א מאָל:

— וואונדערבאַר איז, וואָס דיין ברודער... ווי רופט מען איהם?

— סטעפאַן.

— אַך, ריכטיג, סטעפאַן. וואונדערבאַר איז, וואָס סטעפאַ־

נען איז געלונגען אריבער די גרענעץ. און דער אָרימער טשערסקי, מיט איהם נעבעך האָט מען זיך אָבגערעכענט. די פּאָליציי האָט מסתמא ביי דיר אויך געמאַכט א דורזוך?

— יא, זי האָט אָבער קיין זאַך ניט געפונען.

— הם, הם... עס טהוט מיר לייד, וואָס טשערסקי... ער האָט דיך זיכער זעהר געליעבט?

זי האָט גאָר ניט געענטפערט.

פאַלק האָט א ווײַלע געקוקט אויף איהר, דערנאָך מיט א מאָל אויפגעשפּרונגען.

— איצט געה איך.

יאנינא האָט מיט געבעט געקוקט אויף איהם.

— געה ניט, געה ניט, — היינט בלייב מיט מיר, נור היינט, — היינט בלייב...

פאַלק איז געוואָרען אויפגערעגט.

— ניין, יאניא, ניין... בעט עס ביי מיר ניט. קיין זאַך בעט ניט. איך וויל זיין פריי. פאַר מיר איז דאָס בעסטע, ווען איך קען קומען צו דיר און אַוועקגעהן ווען איך וויל. פערבינד מיך ניט מיט קיין זאַך.

יאנינא האָט טיעף אָבגעזיפצט.

— וואָס זיפצסטו?

זי האָט אויסגעבראָכען אין שלוכצען.

פאַלק'ען האָט עס שטארק אויפגערעגט, דאָך האָט ער זיך ווידער געזעצט.

זי האָט מיט גרוים מיה זיך בעהערשט.

— דו ביסט גערעכט, עריק. געה, געה, — דאָס איז געווען בלויז א מינוט פון שוואַכקייט. איך בין געווען אַזוי אונרוהיג ווע־גען דיר... איצט וועל איך דיך שוין מעהר קיינמאָל ניט אויפ־רעגען...

איהר שטים האָט געציטערט.

עס איז ענטשטאַנען א לאַנגער שווייגען, עפּעס ווי דורכגע־וועבט מיט שטילען טרויער.

— דער קליינינקער עריק שלאָפט, הא? מאָרגען וועל איך

איהם זעהן. איך וועל ווידער קומען צו דיר מארגען אדער אי־בערמארגען.

ער איז אויפגעשטאנען.

— סטעפאן שרייבט צו דיר?

— זעלטען.

— מערקווירדיג איז, וואס ער האט קיין זאך ניט געוואוסט פון אונזערע בעציהונגען...

— טו פון וואנען האט ער געקענט וויסען? ווען מיר האבען געוואוינט צוזאמען איז ער דאך דאן געווען אין אמעריקא.

— אך, ריכטיג, ריכטיג... וואונדערבאר איז, וואס איך פער־געס אזוי אלץ. — א גוטע נאכט, יאנינא. מארגען וועל איך וואהר־שיינליך ווידער אריינקומען צו דיר.

.2

ווי ער איז נאר ארויס אויפ'ן גאס, האט ער זיך אנגעטראפען מיט טשערסקי'ן.

זיי האבען זיך אבגעשטעלט, און לאנג געקוקט איינס אויפ'ן אנדערען אין א בייזען שווייגען.

— דאכט זיך איהר דערקענט מיך ניט? — האט טשערסקי דורכגעצויגען דורך די צייהן.

— דאכט זיך איך האב דעם פערגעניגען צו זעהן פאר זיך דעם הערן טשערסקי? זעהר אנגענעהם. אבער וואס דארפט איהר פון מיר?

— באלד וועט איהר עס וויסען.

— יא?... נו, זעהר גוט. די נאכט איז אזוי שעהן, און מיר קענען זיך אביסעל דורכשפאצירען, כאטש איך מוז מודה זיין, אז איך וואלט בעסער געוואלט איצט בלייבען אליין.

לאנג זיינען זיי געגאנגען איינס נעבען אנדערען, נישט רעד־דענדיג קיין ווארט. פאלק איז געווען שטארק אויפגערעגט, נור ער האט מיט אלע כחות געפרובט צו בעהערשען זיך.

— טו זאגט שוין א מאל וואס איהר ווילט פון מיר!

— כע, וואָס איך וויל? גאָר ניט. נור איהר ווייסט דאָך, אז איך בין געווען פערלאָבט מיט יאַנינאַ׳ן.

— יאָ? ניט איך האָב געוואוסט דערפון און ניט איך וויים עס איצט. ערשט היינט האָב איך עטוואָס געהערט פון דעם, אזוי — מיט׳ן שפיץ אויער. און דאָס ניט פאר געוויס, נאָר אלס א סברא, אז איהר זיינט יאַקבי כמעט ווי פערלאָבט.

— גוט, נו. לאָמיר זאָגען: כמעט פערלאָבט. דאָס געהט דאָך אונז ניט אָן. יאַנינא האָט דאָך געהאַט דאָס רעכט צו אויס־קלייבען צווישען מיר און אייך.

— געוויס.

— יא, זי איז געווען פול בערעכטיגט דערצו, — האָט טשערסקי וויעדער א זאָג געטהאָן און איז אנטשוויגען געוואָרען.

לאנג האָט מען געשוויגען.

— אָבער הערט, האָט טשערסקי מיט א מאָל אנגעהויבען, — איהר האָט דאָך א פרוי און א קינד.

פאַלק האָט אויפגעציטערט און איז געבליבען שטעהן.

— וואָס האָט עס צו אייך? צום טייפעל!

— וואָס האָט עס צו מיר? זעהר און זעהר פיעל. איך רעד שוין ניט דערפון, וואָס איהר האָט מיין גאַנץ לעבען צובראָכען — ניט וועגען מיר האנדעלט זיך דאָ, נאָר איהר האָט געבראַכט שאנד אויף א מיידעל, וועלכע איך האָב שטאַרק געליעבט. יא, איהר האָט געבראַכט שאַנד אויף איהר. די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען אונ־זערע זיינען דאָך אזעלכע, אז די גאַנצע שאַנד פאַלט אויף דער פרוי, ווען זי ווערט פערפיהרט פון א פערהייראַטהען מאַן! און איך פרעג ביי אייך: פאַרוואָס האָט איהר, א פערהייראַטהער מענש, פערפיהרט און צושאנד געמאַכט דיעזע מיידעל?

פאַלק האָט זיך ציניש צולאַכט.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? אויף אזעלכע קשיות, טהייערער מיינער, איז ניטאָ קיין תירוץ. דיעזע פראַגע איז אַלט ווי די וועלט, דאָך האָט נאָך קיינער אויף איהר ניט געפונען קיין ענטפער. פאַר וואָס איך האָב פערפיהרט און צו שאנד געמאַכט יאַנינא? — אזוי,

דאכט זיך, האָט איהר זיך אויסגעדריקט ? נו, איז אָט דאָס זעלבע האָב איך זיך שוין אַליין אויך געפרעגט טויזענד מאָהל...

טשערסקי האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט ווילדען האַס.

— איהר זיינט אַ שמוציגער מענש און אַ לומפּ... אַ לומפּ־

פאַלק האָט זיך גוטמוטהיג צולאַכט.

— אַלע זיינען מיר דאָך לומפּען ! אָדער, מעגליך, אַז איהר זיינט אפשר ניט קיין לומפּ ? ווי די זאַך איז, זיינט איהר אָבער אַן אונערטרעגליכער מענש. און איך וואָלט מיט פערגעניגען צו־שלאָגען אייך די צורה, ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי מיעד. געהט אייך צו אַלדע שווארץ יאָהר, ווייל איהר האָט מיר שוין שרעקליך דערעסען.

— לאָזט איבער פאַר זיך אָט די אַלע כוואַטסקע חן'דלעך. פאַר אייך וואָלט זיך דאָס אַלעס געקענט ענדיגען זעהר שלעכט, און פאַר געבען אַ פּאַטש וואָלט איך אפשר אויסגעקומען צו בעצאָהלען טהייער. אָבער הערט אויס. איך האָב געוויסע מאָראַלישע פליכ־טען צו יאַנינאַ, און דעריבער וויל איך וויסען וואָס איהר רעכענט צו טהאָן. אָדער ניין ! פאַר מיר איז אייגענטליך אַלץ איינס וואָס איהר זאָלט ניט דענקען צו טהאָן, ווייל טהאָן מוזט איהר דאָס, וואָס איך וויל.

פאַלק איז געבליבען שטעהן, האָט פערוואונדערט אַ קוק גע־געבען אויף טשערסקי, און האָט זיך הויך צולאַכט.

— זאָגט נאָר, ליעבער טשערסקי, זיינט איהר ניט פון זינן אראָפּ, זיצענדיג אין טורמע ? ס'איז אפילו גאָר קיין וואונדער ניט, פערקעהרט... כע, כע... אין אַזאַ שרעקליכער איינזאַמקייט איז זעהר נאַטירליך צו ווערען עטוואָס געריהרט. איהר זיינט דאָך געזעסען אין אַן איינצעלנער קאַמער ?! הא ? איך מוז טהאָן דאָס, וואָס איהר ווילט ? ! איך ? איך ? כאַ, כאַ, כאַ !

— יאַ, איהר, גראַדע איהר וועט מוזען טהאָן דאָס, וואָס איך וויל, וואָס איך הייס אייך.

— כאַ, כאַ, כאַ... הייגט זיינט איהר טאַקע פּשוט פאַר־טרעפליך, און איהר געפעהלט מיר זעהר. נו, אַלזאָ, וואָס־זשע בע־פעהלט איהר מיר ?

— איהר מוזט חתונה האבען מיט יאנינא.

— אבער איהר ווייסט דאך, אז איך בין שוין פערהייראט, און איהר מוזט אויך אודאי וויסען, אז פאר ביגאמי בעשטראפט דאס געזעץ זעהר שטרענג. צו איהר האט אפשר זיצענדיג אין טורמע אייער גאנצען פערשטאנד פערלארען?

— איהר מוזט זיך גט'ען מיט אייער ווייב און חתונה האבען מיט יאנינא.

פאלק איז ווי בעטויבט געווארען. ערשט אין א מינוט ארום האט ער ארויסגערעדט:

— איהר זיינט ווירקליך פון זין אראפ.

קיין אנדער זאך האט ער ניט געפונען צו ענטפערען.

— ניין, פון זין בין איך ניט אראפ. איבער דעם אלעם האב איך זעהר לאנג געקלעהרט. אבער קיין אנדער אויסוועג זעה איך ניט. איהר מוזט עס טהאן, ווען ניט וועל איך אייך מיט געוואלט צווינגען דערצו. אייער ווייב וועט אייך ניט שטעלען קיין הינ־דערניסע. איך בין אפילו אין ספק צו זי וועט גאר איבערהויפט וועלען וואוינען מיט אייך, ווען זי וועט זיך דערוויסען, אז איהר מאן האט א געליעבטע.

פאלק'ן האט בעפאלען א שטארקער, פיבערהאפטער ציטער. ער האט קוים געקענט געהן. אזוי שוואך זיינען מיט א מאהל גע־ווארען זיינע פיס, אז ער האט זיך אבגעשטעלט און האט שטום געקוקט אויף טשערסקי'ן. דערנאך איז ער ווידער געגאנגען מיט מיעדע טריט.

— פון ווענען וועט עס מיין ווייב געוואהר ווערען וועגען דעם?

— פון מיר.

— פון אייך? פאר וואס ווילט איהר עס איהר דערצעהלען?

ער האט זיך אבגעהוסט און מיט גרויס מיה בעהערשט די שרעקליכע אונרוהיגקייט, וועלכע איז איהם דערביי בעפאלען.

— ווייל דאס איז דער איינציגער אויסוועג.

— איהר האט א טעות! איך וועל עס ניט טהאן; כ'שווער אייך ביי וואס איהר ווילט אליין, אז כ'וועל עס ניט טהאן. און

איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז צווינגען מיך דערצו קען מען ניט.

ער האָט געערדט ערנסט און רוהיג.

— דאָס איינציגע וואָס איהר וועט פועל'ען דורך אייער נאַרישען פּראָיעקט, איז, וואָס איהר וועט רואינירען מיין ווייב און מיך. איהר האָט אַלעם זעהר גוט בעקלעהרט. ווירקליך, מיין ווייב וועט מיך אוועקוואַרפען אַזוי שנעל ווי זי וועט פון דעם אַלעם געוואָהר ווערען. אין דעם צווייפעל איך ניט. אָבער וואָס אָנבעטרעפט די רעזולטאַטען פון דעם, האָט איהר אַ גרויסען טעות. קיינמאָל אין לעבען וועל איך ניט חתונה האָבען מיט יאַנינאַ.

— פאר וואָס ?

— ווייל איך וויל ניט, אַז איהר זאָלט כאָטש אויף איין מינוט קענען דענקען, אַז איהר האָט געקענט צווינגען מיך, מיט גוואַלט ברענגען מיך צו טהאָן עטוואָס. טהוט ווי איהר ווילט, — איהר האָט אַ רעכט צו רואינירען מיך, צו צוברעכען מיין לעבען. איך אָבער זאָג אייך נאָך אַ מאָל, און מיין עהרען־וואָרט גיב איך אייך דערצו, אַז יאַנינאַ וועט קיינמאָל ניט זיין מיין ווייב. איהר וועט, אַלזאָ, דורך דעם קיין זאַך ניט אויספיהרען, סיידען דאָס, וואָס איך וועל זיך זיכער אָפּרעכענען מיט אייך פאר דעם אַלעם, און וועל קיין מיטלען ניט איבערקלייבען. איהר ווייסט, מיר געפעהלען זעהר די ווערטער פון דעם פאַרצייטיגען יהוה: אַן אויג פאר אַן אויג, אַ צאָהן פאר אַ צאָהן. טאַ הערט: איהר געהערט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אָבער דאָרט טרויט מען אייך ניט פיעל. מען האַלט אייך פאר אַן אַנאַרכיסט. און אייך מוז דאָך זיין בעקאַנט, אַז אין די אויגען פון סאָציאַליסטען איז יעדער אַנאַרכיסט ניט מעהר ווי אַ פּאָליצייסקער שפּיאָן. איהר זיינט געזעסען אין טורמאַ ? כאַ, כאַ, כאַ... וואָס פאר אַ בעטרעף האָט עס ? אַזאַ קלייניגקייט וועט ניט אָבשטעלען קיין איינציגען סאָציאַליסט.

טשערסקי האָט געקוקט אויף איהם שטאַרק פערוואונדערט.

פאַלק האָט בייז און גיפטיג געלאַכט, אָבער אינעווייניג האָט אין איהם אַלע געקאָכט פון ווילדען צאָרן און אונרוהיגקייט.

— איהר מוזט דאָך אודאי וויסען, הערר טשערסקי, אַז איך

בין פאַרזיצענדער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט. און אויך איז בעוואוסט, אַז איך געניס דעם גרעסטען צוטרויען פון דער פאַרטיי. וועגען אייך, ווידער, ווייס די פאַרטיי זעהר וועניג. און צו דעם אַלעם האָט איהר נאָך אין דער פאַרטיי אַ שטאַרקען שונא, וועלכער וואַרפט אויף אייך אַלערליי פערדאַכטען און וועקט מיסטרויען צו אייך. שוין איצט זיינען אייך דאָרט אַלע חושד אין עטוואָס... יאָ, יאָ, דאָס איז אַלץ קוניצקי'ס אַרבייט. — געדענקט איהר ווי איהר זיינט געוועזן אַזוי נאַאיוו און האָט אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל קוניצקי'ן אויסשליסען פון דער פאַרטיי פאַר זיין נאַרישען דועל... טו העך אוים. — פאַלק האָט זיך אָבגעשטעלט. — כע, כע... איהר זיינט געווים אין דעם אַלעם זעהר פעראינטערעסירט, — כע, כע.. דאָס פערשטעה איך גאַנץ גוט טו הערט: אויב מען וועט מיך פרעגען וועגען אייך — און עס קען דאָך לייכט טרעפען, אַז מען זאָל ביי מיר אָנפרעגען וועגען אייער ווערטהפאָלער פערזענליכקייט — יאַ, איז ווען מען וואָלט מיך געפרעגט וועגען אייך, וואָלט איך געדאַרפט זאָגען נאָר איין וואָרט. און אפילו איהם, ריעזען איין וואָרט, וואָלט אויך געוועזן איבעריג צו זאָגען; בלויז דעם שטערען וואָלט איך געדאַרפט אַ קנייטש טהאָן, די אַקסלען אַ הויב טהאָן און אַ שאָקעל טהאָן מיט'ן קאָפּ... פערשטעהט איהר דאָך, אַז אין פאַרטיי־אַנגעלעגענהייטען האָט עס אַ סך אַ גרעסערען ווערטה פון טויזענד ווערטער, — איהר פערשטעהט?

— דאָס וואָלט געוועזן נידערטרעכטיג! — האָט טשערסקי אויסגעשריען מיט ווילדען כעס.

— פאַר וואָס? — האָט פאַלק אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט אַ קאַלטען פערעכטליכען בליק. פאַר וואָס? איך קען דאָך אייך לחלוטין ניט. מיט קיין זאַך בין איך ניט פערפליכטעט צו אייך. אמת, איך האָב אייך געשיקט געלד פאַר אגיטאַציאָנס־צוועקען, אָבער אפילו אויך אין דעם רעדען די פאַקטען אַליין געגען אייך. קיין זאַך האָט זיך אייך ניט איינגעגעבען. יעדעם מאָהל וואָס איהר האָט געפרופט אַריבערפיהרען איבער דער גרענעץ ליטעראַטור, איז עס אַלץ געוועזן אַ דורכפאַל, און איהר האָט נור געמאַכט אונמעגליך יעדע ווייטערע אָנשטרענגונג צו טהאָן עס. און

דערנאָך, אין דער צייט פון אַרבייטסלאָזיגקייט אין סלעזיען, זיינט איהר געווען אַזוי נישט פּאַרזיכטיג, אַז איהר האָט געהעצט די אַרבייטער צו בענוצען זיך מיט געוואַלט, דאָס הייסט — איהר האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ טיפּישען פּראָוואָקאַטאָר...

עס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי באַלד וועט זיך טשערסקי אַרויפ־וואַרפען אויף פאַלק׳ען.

פאַלק האָט פערעכטליך געשמייכעלט.

— זייט ניט אַזוי שרעקליך בייז. איך פיהל דאָך צו אייך גרויס צוטרויען. איך ווייס ניט וועמען איך וואָלט געקענט מעהר גלויבען. איך וויל אייך בלויז געבען צו פערשטעהן, אַז אין דעם איצטיגען פאַל וועל איך זיך קענען נוקם זיין אָן אייך.

— איהר זייט דער נידעריגסטער לומפּ! — האָט טשערסקי אויסגעשריען.

— דאָס האָט איהר מיר שוין איינמאָל געזאָגט, און איך האָב אייך געענטפערט, אַז איך קעהר אייך אום צוריק דיעזען עהרענ־האַפטען טיטעל. און איבערהויפּט בעט איך אייך זעהר איהר זאָלט ניט זיין אַזוי געפעהרליך אין כעס. פערלירענדיג אייער זעלבסט־בעהערשונג, פערליערט איהר אויך צו דער זעלבער צייט אייער שטאַנד־האַפטיגקייט געגען מיר. ס׳איז געווען אַ מינוט אַזאַ, ווען איך האָב געמיינט, אַז אַט פאַל איך דאָ באַלד אויפ׳ן גאַס. אַזוי ערשטוינט בין איך געוואָרען פון אייער סטראַשונאָק. איצט אָבער בין איך גאַנץ רוהיג, און אויף מיין זייט איז איצט דאָס איבער־געוויכט. יאָ, איהר זיינט אויך זעהר ניט פּאַרזיכטיג אין אייערע רייד. אַזוי האָט איהר געזאָגט, אַז איהר בעפעהלט מיר, איהר וועט מיך צווינגען צו טהאָן דאָס, וואָס איהר ווילט. און דיעזעס איז דאָך שוין גאָר אַ העכסט אויגענשיינליכע משוגעת. איהר ווייסט דאָך זעהר גוט, אַז צווינגען מיך צו עטוואָס קען מען ניט... וואָס, איהר ווילט שוין אַוועקגעהן? ניין, געהט ניט אַוועק. מיר קענען זיך דורכשמועסען גאַנץ רוהיג, וויבאַלד איהר האַלט אַז דאָס אַלעס איז ניט ווענינער וויכטיג פאַר מיר ווי פאַר אייך. איבריגענס קען איך דאָך אייך אַ ביסעל בעגלייטען...

— איך וויל מיט אייך ניט האָבען קיינע געשעפטען, — האָט טשערסקי טרוקען אַרויסגערעדט.

זיי זיינען געשטאַנען נעבען אַ לאַמטערנע.

פאַלק איז געוואָרען זעהר ערנסט.

— הערט, איהר האָט מיך אַרויסגערופען אויף אַ געשפּרעך, און איצט האָב איך דאָס פולע רעכט צו פאָדערען, אַז איהר זאָלט מיך רוהיג אויסהערען.

— איך האָב אייך שוין אַלעס געזאָגט.

— אָבער צו פערשטעהט איהר דען ניט, אַז דאָס איז פּשוט אַן אונזין ? איהר זעהט אויס זעהר שלעכט. וואהרשיינליך קראַנק. כ'האָב אייך געזעהן מיט צוויי יאָהר צוריק אויפ'ן קאָנגרעס. שוין־זשע פערשטעהט איהר ניט, אַז דאָס איז ווילד־משוגע ? וואָס וועט איהר דערמיט פועל'ן ? אבסאָלוט קיין זאַך ניט. בלויז איהר וועט מיך צווינגען צו בעגעהן וועלכע ניט איז נידערטרעכטיגקייט... כאַ, כאַ, כאַ !... אַ שלעכטער פסיכאָלאָג זיינט איהר, טשערסקי. און דערצו ווערט איהר נאָך אַ ביסעל אָפּהענגיג פאַר מיר. — האַ ? ניט אזוי ? מיינט נאָר ניט, אַז איך וויל ביי אייך בעטען וועלכע ניט איז טובה. איהר קענט אייך רוהיג אויספיהרען דאָס, וואָס איהר האָט בעשלאָסען. מיר וועט זיין זעהר אַנגענעהם צו זעהן, אַז איהר זיינט פעהיג אויסצופיהרען ביז'ן סוף אייערע פּלענער. ביז אַהער האָב איך עס נאָך ניט בעמערקט. און דערצו, צום טייפעל, מוז איך נאָך צוזעצען, אַז איהר זיינט אַ פאָלקאָמענער דום־קאָפּ.

פאַלק האָט זיך צולאַכט מיט אַ לאַנג, בייז געלעכטער, אָפּ־שטעלענדיג זיך פאַר טשערסקי'ן, וועלכער האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ צומישטען, כמעט משוגענעם בליק.

— איהר האָט זיך אויפגערעגט איבער אַ נאַרישען, זעהר גע־וועהנליכען פאַל. יאַ, אַ געוועהנליכער, אַ זעהר געוועהנליכער... שוין־זשע האָט איהר ווירקליך געגלויבט, אַז איך, איך, פאַלק, בין פעהיג צו אַטעסטירען אייך אַלס אונפערטרויענסווערטהען מענשען?

ער איז מיט אַ מאָהל געוואָרען אזוי ניעדערגעשלאָגען און גלייכגילטיג.

— און איבעריגענס בין איך דאך גאר ניט קיין מיטגליעד פונ'ם צענטראל־קאמיטעט. אייער גאנצע פארטיי האט מיר שרעקליך דערעסען, פונקט ווי איהר האט מיר דערעסען מיט אלע אייערע סטראשונקעס און מיט אייער נארישען פאנאטיזם איבער אמת.

טשערסקי האט ווי אנגעהויבען צו ערוואכען פון א שווערען חלום.

— ליעבט איהר, אלזא, ניט יאנינא'ן?

פאלק האט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט.

— ניין.

— דאן האט איהר געהאנדעלט ווי דער ערגסטער לומפ. איך האב עס קיינמאל פון אייך ניט ערווארטעט. איך האב אייך טיעף געאכטעט. נאך צו קיינעם האב איך ניט געפיהלט אזא טיעפע אכטונג, ווי צו אייך און צו יאנינא'ס ברודער, סטעפאן...

ער האט מיט ט מאהל איבערגעהאקט זיינע רייד און טיעף פערטראכט זיך.

— מיך פלאגט עס זעהר, וואס איך האב זיך אזוי אריינגעריסען אין אייער לעבען...

טשערסקי האט באלד אונטערבראכען פאלק'ן.

— און איהר ווילט אויך אויף ווייטער לעבען צווישען דיעזע ליגענס? אויך אויף ווייטער ווילט איהר אפנארען אייער פרוי?

פאלק האט איהם אבגעמאסטען מיט א קאלטען, פערוואונדערטען בליק.

— טהייערער מיינער, אייך ווילט זיך ניט אנדערש, ווי צו נעהמען אויף זיך די ראליע פון א שופט און אורטהיילען מיינע האנדלונגען. דאס איז שוין צו לעכערליך. פאר קיינעם פערענטפער איך זיך ניט פאר מיינע טהאטען, און נאך ווייניגער פאר אייך. און ס'איז איבערהויפט גענוג דיעזע פלוידעריי. שוין איבער גענוג. טהוט וואס איהר ווילט. איהר זיינט א זעהר שטארקער מענש, מעגליך דער איינציגער, וועמען מען קען ניט אנרופען לומפ. ס'איז זעהר אנגענעהם צו בעקענען זיך מיט א פיינעם מענשען. איצט אבער, צום טייפעל, ווינש איך אייך א גוטע נאכט. — פאלק איז געווען זעהר אויפגערעגט. — געהט שלאפען, הערר טשערסקי, ארער

צו אַל־דע שווארץ יאָהר, אפילו אין נהינם אריין... נאָך א מאָל זאָג איך אייך: געהט שלאָפען!

טשערסקי האָט געקוקט אויף איהם מיט פעראַכטונג.

דער נאַכט־פּאַטרול איז פערבייגעגאַנגען, די פּאָליציי האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין זיי.

— געהט שלאָפען! — האָט פאַלק אויסגעשריען.

דערנאָך האָט ער זיך אָבגעקעהרט און מיט לאַנגזאַמע טריט פערשוואונדען הינטער'ן ווינקעל פון גאַס. די כחות האָבען איהם אין גאַנצען פערלאָזען. די גאַנצע צייט האָט ער זיך ווי עס איז קאָנטראָלירט, איצט אָבער האָט ער דערפיהלט שרעקליכען אַנגסט. א קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין שטערן, און ער האָט געשפּאַנט אַלץ האַסטיגער, דערנאָך שוין פּשוט געלאָפען, און אַזוי ביז ער איז געבליבען אין גאַנצען אָהן כחות.

— אַן אונגליק רוקט זיך אָן, ס'רוקט זיך אָן... איצט וועט מיך שוין קיין זאַך ניט אָפּראַטעווען. די ראָד האָט זיך גענומען קייקלען פון א מין הויך, און קיין זאַך איז ניט אימשטאַנדע צו פערהאַלטען איהר שוואונג. יאַ, ס'זעהט אויס, דיעזען נאַרישען פאַנאַטיק קען מען מיט קיין זאַך ניט אָבהאַלטען פון זיין ווילדען פּלאַן.

פאַלק האָט געפּרואווט צו בענעהמען מיט'ן געדאַנק די שרעקליכע גרויס פון זיין געפאַהר, אָבער זיין מאַרך איז געווען צו מיעד דערפאַר. בלויז איין געדאַנק האָט איהם פייניליך געבויערט, — באַלד, באַלד וועט ער פערניכטעט ווערען, צומאָהלען ווערען, רואינירט ווערען אויף אייביג...

עפּעס א פּרוי איז פאַרבייגעגאַנגען נעבען איהם, און פערבייגעהענדיג איהם אַ שטופּ געטהאָן מיט'ן עלענבויגען; צוויי שכור'ע סטודענטען זיינען איהר נאָכגעלאָפען.

— הינט, לומפּען! גאָט מיינער, ווי העסליך, ווי עקעלהאַפט דאָס אַלעס איז! צום טייפעל! ווי מיאוס, ווי מיאוס! ווי דום! צו שטעלען דאָס גאַנצע לעבען אין קאָן פאַר פינף מינוטען פון טהירישען פערגעניגען. דאָס גאַנצע לעבען? — האָט ער זיך צולאַכט פערעכטליך. וועלכען לעבען! אין קאָן שטעלט מען איינע עטליבע מינוט פאַר אַנדערע עטליבע מינוט... כאַ, כאַ, כאַ... איין פרוי

פערנעהמט אן אנדרערער'ס פלאץ. ווי זאגט דער פראנצויז: „די הערשערין איז טויט, עס לעבע די הערשערין!"

ענדליך איז ער געבליבען שטעהן און האט צומישט געקוקט פאר זיך. אויף א ווײלע איז ער ווי בלינד געווארען. אבער ביס־לעכווייז האט ער אנגעהויבען בעמערקען די ליניען און פארמען פון דעם גיגאנטיש גרויסען צענטראלען וואקזאל. ארום האט זיך געהערט דאס פייפען פון לאקאמאטיווען. לאנגזאם, ווי שלאנגען, זיינען געקראכען די צוגען. זיינע אויגען זיינען פערצוויגען געווא־רען מיט וואלקענס געדיכטען שטיקענדען רויך. ער איז אריבער איבער'ן בריק אויפ'ן צווייטען זייט. ווי ווייט זיין אויג האט גע־קענט גרייכען, האט ער געזעהן פאר זיך אויסגעשפרייט א גלאטען, גרויסען שטח, בעציערט מיט א נעץ פון בלישטשענדע רעלסען, און בעלויכטען מיט רויטע, גרינע און ווייסע לאמטערנעס...

ער האט געזעהן אן אונגעהייער גרויסע צאהל פייערלעך, סיג־נאל־לאמטערנעס, און ער האט אלץ געקוקט אויף זיי אזוי לאנג, ביז וואנען דיעזע אלע פערשיעדענערליי פייערלעך האבען זיך ווי צונויפגעגאסען אין איין גרויסען זיך־בעוועגענדען, פלאמענדען רעגען־בויגען, נור א גיגאנטישע זון, וואו עס גיסען זיך דורך אלע פארבען פון א רעגען־בויגען.

3.

וועו פאלק איז געקומען אהיים איז איזא געלעגען האלב־אויס־געטהאן אויפ'ן בעט און האט געלעזען.

— נו, ענדליך ביזטו צוריקגעקומען. — זי איז אויפגעשטאנען און איז צו איהם צוגעגאנגען. — כ'האב זיך שוין אזוי פערבענקט נאך דיר.

פאלק האט זי געקושט אין שטערען און האט זיך געזעצט.

— גאט, מיינער, ווי מיעד איך בין.

— וואו ביסטו געוועזן?

— כ'בין געוועזן מיט יענעם, ווי מען האט איהם זעהר ריכטיג אנגערופען, טרויר, מיט אילטים'ן אין רעסטאראן־

— נו, טו וואָס איז געווען ?
— גאָר ניט.
— ווי בלאַס דו ביזט, עריק.
— דאָס איז גאָר ניט ; פּשוט, די קאָפּ טהוט מיר שטאַרק וועה.

איזא האָט זיך געזעצט נעבען איהם, האָט מיט ביידע הענד ארומגענומען זיין קאָפּ, און לאַנגזאַם גענומען קושען זיין שטערן, זיינע האָר, זיינע ליפּען.

— פאַר וואָס זעהט מען דיך איצט ניט גאַנצע אבענדען אין הויז ? ס'איז אזוי אונאַנגענעהם צו זיין אַליין.

פאלק האָט געקוקט אויף איהר און האָט געשמייכעלט.

— איך מוז מיך בעפרייען פון דיר.
— פאַרוואָס ?
— אָט, אין פאַל דו וואָלסט מיך פּלוצלונג אוועקגעוואָרפען.
— עך, דו !

און נאָך פעסטער האָט זי זיך צוגעדריקט צו איהם. פאַלק איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך עטליכע מאָל דורכגעשפּאַצירט איבער'ן צימער, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געגעבען אויף איהר מיט אן אונגעוועהנליך טרויעריגען שמייכעל.

— וועגען וואָס טראַכסטו איצט, עריק ?
— דו ביסט אזוי שעהן... אזוי שעהן ביסטו, איזא.
— און דו האָסט עס גאָר ביז איצט ניט בעמערקט ?
— אָך, שוין צו גוט האָב איך עס געזעהן ; וואונדערבאַר איז נאָר, וואָס נאָך אַ פיער־יאָהריגען צוזאַמענלעבען זעהסטו אויס אין מיינע אויגען פּונקט אזוי שעהן ווי אין ערשטען טאָג.

זי האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט גליקליכע אויגען.

— ווייסט, איזא, אונזער צוזאַמענלעבען איז געווען אַ זעהר גליקליכער...

— כ'קאָן דיר ניט זאָגען ווי גליקליך איך בין געווען די גאַנצע צייט און ווי גליקליך איך בין איצט. די שפּירונג פון דיזען גליק איז אזוי פול און טיעף, אז מיך בעפאַלט אַ שרעק פאַר זיין דויערהאַפטיגקייט... אָבער דאָס איז דאָך אַלץ נאַרישקייט — פּשוט

ווייבער׳שער אבערגלויבען... איך ווייס דאך ווי דו ליעבסט מיך, און כ׳ווייס, אז קיינמאל וועסטו ניט אויפהערען צו ליעבען מיך, און דעריבער דארף איך זיך ניט שרעקען. ווען אפילו איך וואלט עס געוואלט, וואלט איך ניט געקאנט פיהלען זיך אונגליקליך, אפילו דאן, ווען דו ביזט אזוי שרעקליך נערוועז, און גאנצע טעג ביזטו אין דער היים ניטא... און ווייסטו, ווייסטו, עריק, לאמיך זיך דיר מודה זיין, אז אפט איז מיר אזוי אנגענעהם, וואס דו ביזט אין דער היים ניטא, און איך קאן זיצען אליין און קלערען וועגען אונזער ליעבע, אונזער גליק.

זי איז געבליבען שטיל. פאלק איז געגאנגען הין און צוריק איבער׳ן צימער און האט געקוקט אויף איהר מיט א רוהיגען דורכ־דרינגענדען בליק.

איזא האט ווידער אנגעהויבען רעדען.

— דיין ליעבע איז אזוי גרויס, אזוי שעהן, און אפט טראכט איך, אז איך בין די איינציגע פרוי, וועמען דו האסט געליעבט און ליעבסט איצט. — כ׳ווייס, אז קיין שום פרוי עקזיסטירט ניט פאר דיר חוץ מיר, און איך שטאלציר דערמיט זעהר... און דו, מעגליך, פערשטעהסט גאר ניט אזא געפיהל ?

— אה, דאס איז וואהרשיינליך א זעהר אנגענעהמער געפיהל.

זי האט אויף איהם א קוק געגעבען מיט א פרעגענדען שמייכעל.

— זאג מיר, עריק, זאג, האסט דאך אויף קיין פרוי ניט גע־קוקט אזוי, אזוי...

— ווי אזוי ?

ביידע האבען זיך צולאכט.

— ווייסט דאך אליין ווי אזוי. אין דעם נייעם טעסטאמענט, דאכט זיך, ווערט דערמאנט אזא בליק, וועלכער ענטבלויזט די פרוי מעהר ווי דער גרעבסטער בעריהרען איהר. חא, חא, חא... אבער ניט וועגען דיזען בליק פרעג איך... ווייל איך בין דאך אזוי אי־בערצייגט אין דיין ליעבע.

— איבערצייגט ? הם, ביסטוווירקליך אזוי איבערצייגט ?

פאלק האט א שמייכעל געטהאן אזוי געהיימניספול,

— כ'ווייס ניט אין וואס איך בין נאך אזוי איבערצייגט ווי אין דעם

— הם, הם, דו דארפסט אלזא פיהלען צו מיר גרויס צוט־־ ען.

— און איך פיהל עס טאקי. זאנסט וואלט איך ניט געקאנט זיין אזוי גליקליך.

פאלק האט געקוקט אויף איהר מיט א לאנגען אויפמערקזא־מען בליק.

— און וואס וואלסטו געזאגט, ווען איך וואלט דיר ווען אונ־טריי געווען?

זי האט געלאכט.

— דו וועסט עס ניט טהאן, ווען אפילו זאלסט עס וועלען.

— ווען, אבער, כ'וואלט עס יא געטהאן?

— כ'ווייס, אז דו וועסט עס ניט טהאן.

— אבער לאמיר זיך פארשטעלען, אז מיין פוס האט זיך אויסגעגליטשט ביי וועלכע ניט איז אונגעוועהנליכע אומשטענדען, פערשטעהסט, ביי אומשטענדען, ווען מען איז פאר די האנדלונגען ניט פעראנטווארטליך.

איזא האט געקוקט אויף איהם מיט אונרוהיגקייט.

— זאנדערבאר איז, וואס דו קאנסט ניט דערלאזען אזא גע־דאנק.

פאלק האט הייזעריג געלאכט.

— עס איז קלאהר, ווי די זון, אז איך האב אזא זאך ניט גע־טהאן. אבער דאך, קאנען מיר דען ניט בעטראכטען זאכען פון א ריין פסיכאלאגישען שטאנדפונקט, — ווייסט, מיר, אלס ליטעראט, איז עס אינטערעסאנט צו וויסען.

— נו, וואס, אלזא?

— הער אויס, איזא. צייטענווייז האס איך דיך פשוט, — כ'האב עס דיר אפט געזאגט. ביז וואהנזין האס איך דיך צייטענ־וויז. דערפאר האס איך, וואס איך ליעב דיך אזוי, דערפאר וואס אלע מיינע געדאנקען זיינען נאר וועגען דיר, דערפאר וואס עס איז ניטא קיין מינוט, ווען דו זאלסט ניט שטעהן פאר מיינע אויגען.

— אבער דערפאר טאקי... גראד דערפאר ליעב איך דיך אזוי!

זי האָט געקושט זיינע אויגען.

— ניין — ניין... וואָרט אוים... וואָרט... אי מיין ליעבע צו דיר, אי מיין האַס זיינען אזוי אונרוהיג... כ'וואָלט אזוי געוואָלט בעפרייען זיך פון דיר... ווייסט, אַז ליעבען איז אַ גרויסער אונגליק...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט גענומען אונרוהיג שפּאַציערען הין און צוריק איבער'ן חדר.

— פערשטעהסטו עס, ביזטו אימשטאַנד צו פערשטעהן עס? צייטענוויוז שפּיר איך אַ ליידענשאַפטליכען וואונש נאָך אַ קישען, אויף וועלכער איך זאָל קאָנען אוועקלעגען מיין מיעדען קאָפּ, חע, חע, חע... אַ קישען... גערעכטער גאָט מיינער! פערשטעהסטו נאָר, אַז אפילו אַ קישען קאָן אַ מאָל זיין אַ שרעקליכע טראַגעדיע.

און ער האָט זיך צולאַכט מיט אַן אונאַנגענאַהמער גרימאַסע.

— יאָ, אָבער וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען.

— ער האָט זיך פערטראַכט.

— אָה... ריכטיג! נו, אָט, צום ביישפּיעל, האָב איך געקאָנט אַ פרוי, בעקאָנט זיך מיט איהר, לאָמיך זאָגען, מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, — אַ פרוי, וועלכע האָט זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען דיעזער ליעבע און נאָר מיט איהר און צוליעב איהר לעבט זי. געה איך אזוי אריין צו איהר איצט, ניט טראַכטענדיג פון קיין זאַך. איך געה פאַלקאָם מעכאַניש, בלויז דערפאַר געה איך, וויל איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זי איז דאָ ערגעץ אויף דער וועלט. נו, און איך געפין איהר ווירקליך. קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי גליקליך זי איז. זי איז ממש אויסער זיך פון פרייד — האָט ער זיך נערוועז צולאַכט. — אָבער הער, דער אויסדרוק אויף דיין געזיכט איז איצט אזוי ווי ביי אַ גימנאַזיסטקע, וועלכע הערט עטוואָס מיט בעזונדערער אויפמערקזאַמקייט... הער דאָך ווייטער... חע, חע, חע... אילטים, זעהסטו, איז אַ ווייסער אין די זאַכען... נו, האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ מאָמענטען, ווען יעדע פרוי איז וואונדערבאַר שעהן און דאָס איז אמת. דו בעקלעהר נאָר: כ'זעה אַ פרוי, וועלכע שטראַהלט פון גליק, פלאַטערט פון גאַרן... צוליעב מיר ווערט זי אומגעוואַנדעלט גאַר אין אַן אַנדער וועזען, אין איהרע

אויגען זעהט זיך דער פייער'ל פון יענער אייביגער, און דעריבער שרעקליכער, נאטור־ציעל — צו שאפען א נייעם וועזען... חע, חע, חע... כדי הערר פאלק זאל קיינמאל ניט אויפהערען צו עקזיסטי־רען.

ער האט מיט א מאל אבגעהאקט. זיינע ליפען האבען זיך אויסגעקרימט מיט וועהטאג.

— נו, און ווייטער ?... וואס איז ווייטער ?

— וואס ווייטער איז ? גאט אין הימעל ! דו ווייסט דאך, אז א מענש קאן פאר קיין זאך ניט זיין פעראנטווארטליך. ער קאן טהאן זאכען, וועלכע זאלען אפילו ניט בעריהרען זיין געוויסען, טהאן, און ניט וויסען, וואס ער טהוט...

פאלק איז אויפגעשטאנען פון ארט און האט ווייטער גערעדט מיט א זעהר ערנסטען טאן :

— דער מענש אונטערשיידעט זיך אזוי ווייניג פון דער חיה. דער חילוק איז בלויז אין זיין ביסעלע שכל, וועלכעס איז קוים גע־נוג אויף קאנסטאטירען דאס, וואס האט געטראפען. אין זיין נשמה קאן זיך געפינען וועלכער ניט איז קליינער פינטעל, א קליינינקע וואונד, פון וועלכער ער האט גאר פריהער ניט געוואוסט, און קיין זאך האט ער ניט חושד געווען... און מיט אמאל : די קליינינקע וואונד צינדט זיך אן. דאס קליינינקע פינטעלע ווערט גיגאנטיש גרויס, די אונבעדייטענדע אונקלאהרע שפירונג ווערט אומגעוואנ־דעלט אין א מין משוגע'נער אידעע פיקס, וועלכע כאפט ארום די גאנצע זעעל... אט, למשל, זעה איך א טראפען בלוט, און מיט א מאל, ביי וועלכע ניט איז אונגעוועהנליכע אומשטענדען דערשפיר איך א שטארקען וואונש צו זעהן גאנצע שטראמען בלוט, ניין... א ים מיט בלוט, א שמוציגען קנויל פון צודריקטע, צוהאקטע מענש־ליכע גליעדער פערגאסען מיט בלוט... פונקט אזוי איז געשטאר־בען נארשין... חע, חע, חע...

ער האט א קוק געגעבען אויף איזא'ן מיט טיעפער אונרוהיג־קייט און האט זיך ווידער צולאכט מיט א געלעכטער, אין וועלכען עס האט געקלונגען שווידער.

— איזא, איזא, איך זעה שרעק אין דיינע אויגען !

— ניין, ניין, דו אָבער, ביסט געוואָרען אַזוי ערנסט... דיינע אויגען זיינען איצט אַזוי ברייט, — אויך דיך האָט בעפאַלען אַ שרעק...

— שרעק ? שרעק... ווייסט... איך האָב ווירקליך מורא פאַר יענעם פרעמדען מענשען אין מיר... יא, יא, אין מיר איז פאַראַן עטוואָס פרעמדעס, וועלכעס איך קאָן ניט, און פאַר וועלכען איך שפּיר טויט־שרעק, חע, חע, חע... מערקווירדיג איז, וואָס איך מוז איצט שטענדיג אַזוי לאַכען... אָבער וואַרט, איזאַ, איך האָב נאָך ניט געענדיגט... איך קוק, אַלזאָ, און קוק אַלץ אויף דיזער פרוי, וועלכע איך האָב מיט גרויס מיה געפונען. מיר דוכט זיך אויס, אַז זי איז וואונדערבאַר שעהן, און מיט אַ מאָל הייבט אָן וואַקסען אין מיר אַ מין נייגעריגקייט, אַ מין ליידענשאַפטליכער ווּאונש צו בע־זיעגען די טיעפסטע געהיימנים אין איהר לעבען...

— נו, און ווייטער ?

— חע ! אַלץ ווערט פערגעסען : דער מענש איז ניט מעהר דער זעלבער. אין זיין נשמה ערוואַכט דאַן יענער פרעמדער, האָ... האָ... און ער נעהמט זי... איז דען דאָס ניט שרעקליך ?

— שרעקליך, — שרעקליך !...

— וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען דאָס וואָלט פּאַסירט מיט מיר ?

— עריק, עריק, רעד ניט אַזוי, איך וויל עס אפילו ניט הער־רען בלויז איין מאָל האָב איך געטראַכט וועגען דעם, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל משוגע ווערען.

פאַלק האָט געקוקט אויף איהר פערוואונדערט.

— ווען ? ווען ?

— אייגענטליך האָב איך אפילו ניט געקלעהרט וועגען דעם, בלויז אַזאַ געדאַנק איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען.

— אָבער ווען ? ווען ?

— געדענקסט, ווען דו ביסט געפאָהרען צו דיין מוטער און ביסט דאָרט קראַנק געוואָרען ? איך דעמאָלט האָט זיך אַ מיידעל דערטרונקען. — אָבער וואָס איז מיט דיר ? שרעק איז אין דיינע אויגען דורכגעלאָפען. ביסט אַזוי בלייך געוואָרען...

קוים בעהערשענדיג זיך האָט פאַלק געקוקט אויף איהר.

— חא, חא, חא ! נו, טו וואס האסטו דאן געטראכט ?

— דו ווייסט, נאך איצט אפילו בעפאלט מיך אזא שרעק...

— איינפאך דערפאר, ווייל מיר דערצעהלען איינס דעם אנדערען אזעלכע אונגעוועהנליכע מעשות, — אבער זאג דאך, וואס האסטו דעמאלט געטראכט ?

— איך בין געזעסען נעבען דיין בעט ; דריי נעכט האב איך ניט געשלאפען, כ'בין געווען שרעקליך מיעד, און מיט אמאל האב איך איינגעדרעמעלט...

— נו, טו וואס, וואס... איז געווען ?

— איך האב זיך מיט א מאל אויפגעכאפט : דו ביסט געזעסען אויפ'ן בעט און האסט געקוקט אויף מיר מיט אזעלכע שרעקליכע אויגען : א גאנצער לעגיאן מיט גייסטער האט פון זיי ארויסגעקוקט...

— איך ווייס דערפון קיין זאך ניט...

— טו פון וואנען האסטו געקאנט וויסען ? אז איך אליין בין אויך ניט זיכער, אויב דאס אלעס האט זיך מיר ניט אויסגעדוכט אין שלאף... דעמאלט אבער איז ביי מיר געבוירען געווארען אזא מין מאדנע זיכערהייט, אז יענע מיידעל האט זיך איבער דיר דערטרונקען.

— איזא, איזא, צו ביסטו פון זינען אראפ ? דו ווייסט דאך, אז זי איז דערטרונקען געווארען באדענדיג זיך. פון וואנען האט זיך ביי דיר גענומען יענער געדאנק ?

— כ'ווייס ניט. כ'ווייס גאר ניט. איך בין געווען שרעקליך מיעד — דיין מוטער האט מיר דערצעהלט, אז דו פלעגסט די גאנצע צייט מיט איהר פערברענגען ?

פאלק איז געווען שטארק אויפגערעגט.

— זאנדערבאר איז, וואס דו האסט געקאנט קלעהרען וועגען מיר אזעלכע זאכען.

— איך האב זיך ניט געקאנט בעפרייען פון דיזען געדאנק. כ'האב געליטען ווי נאך קיינמאל אין לעבען ניט. אין מיר איז פלוצלונג בעשאפען געווארען אזא שרעקליכע איבערצייגונג, אז אויב

דאָס איז אזוי, דאַן מוז איך באַלד אוועקגעהן פון דיר, — קיין סעקונדע וואָלט איך מיט דיר ניט פערבליבען.

פאַלק האָט מיט שרעק געקוקט אויף איהר.

— איצט האָב איך מיט איינמאָל פערשטאַנען, אז דו וואָלסט ווירקליך אוועקגעגאַנגען. אמת, הא ? באַלד... אין דער זעלבער מינוט.

— יא !

—יא, דאָס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך — איך האָב באַלד פערשטאַנען.

— ווען דו האָסט עס מיר געזאָגט, האָט זיך מיר געדוכט, אז מיט דיינע ליפּען רעדט דער שיקזאַל מיינער אליין, א מערק־ווירדיג גרויזאַמער שיקזאַל.

— דיין שיקזאַל ?

— שרעקט זיך נאָר ניט... אָבער אין דיין שטים איז דאָ עפּעס א מין נבואה... זעהסטו, ווען מיר האָבען זיך בעקאַנט, האָב איך ניט געוואוסט, אז דו ליעבסט מיך, אין דיין שטים, אָבער, האָב איך דיזע ליעבע דערהערט. דו רעדסט אַנדערש ווי אלע מענשען, — און אויך איצט האָב איך נאָך דיין שטים פערשטאַנען, אז א מין שרעקליכע פאַטאַלע צוקונפט ערווארט מיך — צו קאָן איך עס דען ערקלערען...

מיט גיכע שפּאַן איז ער געגאַנגען איבער'ן צימער.

אזוי מאָדנע זיכער בין איך, אז דו וואָלסט קיין איין מינוט זיך ניט געקווייקעלט, אָהן טרויער, אָהן באַנג וואָלסטו אוועקגע־גאַנגען...

ער האָט זיך צולאַכט.

— און צו וואָס, א שטייגער, רעדען מיר גאָר פון דעם ? וואָס פאַר דומהייטען ! נישט אמת, איזא, דומהייטען, חע, חע...

— און וואָס מאַכט עפּעס מיין וואונדערשעהנער זוהן ?

— ער איז געווען זעהר אונרוהיג ; איז ארומגעלאָפען ווי אַן אָבגעבריהרטער און האָט געשריען, — און ווען איך האָב איהם געפּרעגט, וואָס ער שרייט אזוי, האָט ער אלץ געענטפערט, אז ער מוז שרייען, ר'מוז !

— מערקווירדיג !

פאלק איז מיט גיכע אונרוהיגע שפאן אומגעגאנגען איבער'ן צימער.

— א מערקווירדיג נערוועז קינד ; ווארשיינליך א מין צור־קינפטיגער זשעני. ביי אלע זשעניען זיינען די קעפ הייס און די פיס קאלט, אזוי ווי עניגסטענס זאגט לאמבראזא... חא, חא, חא ! ביי איהם וואלט מען אויך געמעגט אויסשניידען פון זיין מארך וועלכען ניט איז איבריגען טהייל... ווייסט, איזא, מיר דאכט זיך, אז ביי יעדען מענשען איז דא אזא איבריגער טהייל, און ווען עס וואלט זיך איינגעגעבען דאס אויסשניידען, וואלטען מיר אלע גע־ווען „אזעלכע געטער", ווי עס האט פערשפראכען דער שעהנסטער פון אלע געטער... דער שטן.

ער האט ווידער געלאכט.

— אבער ווייסטו, איזא, א זשעני — דאס איז א מערקוויר־דיגע חיה... אט גיב א קוק אויף מיר : דו, קען זיין, מיינסט, אז איך בין ניט קיין זשעני ? מעגסטו מיר גלויבען, אז גראד איך בין טאקי דער אמת'ער זשעני.

— ווי נאריש דו ביסט, פאלק !

אבער לאמיר זאגען, אז איך בין ווירקליך א זשעני און אז איך בעזיץ אן אונגעהויערע אינערע קראפט. אויף 500 מיליאנען מענ־שען געפינען זיך 400 מיט 99 מיליאנען אידיאטען, און דעריבער ליגט דאך טאקי אויף מיר, דעם זשעני, דער טיעף מאראלישער חוב אויסצובעסערען דעם מענשליכען דור...

— אבער ווי אזוי ?

— דורך דעם, נאטירליך, וואס איך וועל ברענגען וואס א גרעסערע צאהל קינדער אויף דער וועלט, און דורך וואס א גרעסערער צאהל פרויען.

— דו אליין אבער האסט דאך מיר אזוי שטארק און איבער־צייגענד בעוויזען, אז אלע קינדער פון זשעניען זיינען אידיאטען.

פאלק האט זיך געצוואונגען צו אן אפגעהערציגען געלעכטער.

— און דו האסט אזא וואונדערליכען זכרון. אונזער יאניק'ען וואלט אבער געווען זעהר אינטערעסאנט צו שטודירען אויף לעבע־

דיגע עקזאמפּליארען אַלע אינדיווידועלע, בעזונדערע שטריכען פון זיין וואונדערבארען פּאטער. דו וועסט דאָך צוגעבען, אז די הונ־דערט קינדער, וועלכע איך וואָלט געקאָנט ברענגען אויף דער וועלט פון הונדערט פרויען, וואָלטען אַלע געמוזט ירשה'ענען יענע אונגע־וועהנליכע מעלות, וועלכע איך בעזיץ, און מיט וולכע איך שטאָלציר אזוי.

— דו רעדסט פשוט פון וועג, יא, פון וועג, טהייערער עריק!

זי האָט א גלעט געטהאָן זיין געזיכט, געקושט זיינע אויגען און לאַנגזאם זיך אָנגעהויבען אויסטהאָן.

— א גוטע נאכט, איזא; איך וועל נאָך שרייבען היינט.

— בלייב היינט, בלייב מיט מיר... איך וויל ניט זיין אליין...

— זיי ניט קיין קינד. פון אונזער היינטיגען געשפּרעך וועל איך א גאנצען קאפּיטעל שאפען פאר מיין נייעם ראָמאן.

— טו, געה, אָבער גיב מיר א קוש...

— ניין, כ'וועל דיך ניט קושען, ווייל איך מוז שרייבען. און מיין טהייערע הערשערין ווייס, אז דיזעם צוזעעט מיינע געדאנקען... א גוטע נאכט.

4.

פאלק איז אריין צו זיך אין קאבינעט. זעצענדיג זיך צום טיש, האָט ער ארומגעכאפּט דעם קאָפּ מיט ביידע הענד און האָט טיעף אָבגעזיפצט.

די גאנצע רוהיגקייט, וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ווייזען אין איזא'ס אנוועזענהייט, איז איצט פערשוואונדען אָהן א שפור, און איהם האָט ווידער בעפאלען א פיינליכער ציטער פון אונרוהיגקייט און שרעק. עפּעס ווי א שארפער עגבוייער האָט גע־בויערט זיין מארך, ווי די ענדע פון דער וועלט איז געקומען און אלעס איז געפאלען, צו גרונד געגאנגען...

ער איז אויפגעשפּרונגען, און זיך צוריקגעזעצט — און האָט קיין זאך ניט געקאָנט צוקלעהרען.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי אַלץ ארום וואָלט זיך געבראָכען און

צופאַלען געוואָרען. ער האָט ווי געפיהלט אַרום זיך אַ מין ווילדע אָרגיע פון פערניכטונג און צושטערונג.

איהם האָט געפּרעסט די שטיקענדע לופט פון דער זומער נאַכט. צום מאָל האָט ער געפיהלט, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו אָטהעמען.

האָט געעפענט דאָס פענסטער און אין שרעק זיך צוריק אָפּ־געוואָרפען.

דיזער הימעל! דיזער שרעקליכער הימעל! נאָך קיינמאָל האָט ער אַזאַ הימעל ניט געזעהן. די שטערען זיינען ווי געלאָפען ערגעץ אָבגעריסענע פון די ערטער, אויף וועלכע ער פלעגט זיי שטענדיג זעהן — זיי האָבען געשטרעבט ערגעץ אין דער אונענד־ליכקייט, און האָבען געפינקעלט, גאָר מיט אַן אַנדער שיין האָבען זיי איצט געברענט דאָרט.

עפּעס ווי גרויסע בראַנד־פלעקען אויפ׳ן בלויען קערפּער פון הימעל האָבען זיי איצט אויסגעזעהן. און דער הימעל, דיזער שרעק־ליכער הימעל האָט עפּעס ווי געלעבט, געאָטהעמט מיט ליידען, מיט פערצווייפלונג, מיט גרענצלאָזער גהנים־שער פערצווייפלונג.

שוויים האָט אַרויסגעטראָטען אויף זיין שטערען. די אויגען האָבען זיך ברייט געעפענט עפּעס ווי זיי וועלען אָט באַלד אַרויס־שפּרינגען פון זייערע אָרביטען.

און עס איז ענטשטאַנען אַ לאַנגע, לאַנגע מינוט פון קלעהרען אָהן געדאַנקען, פון עראינערונגען אָהן זכרון...

און מיט אַ מאָל איז זיין גאַנץ לעבען דורכגעגאַנגען פאַר זיינע אויגען מיט זעלטענער קלאָרהייט, אונגעוועהנליך שנעל איז פער־ביינעלאָפען איין פּעריאָדע פון זיין לעבען נאָך דער אַנדערער — דאָס אַלעס איז אַזוי שרעקליך, אַזוי פּיינליך... איין צערשטרייאונג נאָך דער אַנדערער. בלויז נאָך איין מאָל האָט ער אַזוי געזעהן פאַר זיך זיין לעבען — דעמאָלט, ווען ער האָט אומגעבראַכט מאַריט׳ס ריינע טויבען־זעעלע. גאָט מיינער — מאַריט, מאַריט... דיעזער מיאוס׳ער, צוועקלאָזער מאָרד...

ער איז געקומען צו זיך און האָט זיך בייז צולאַכט. צום טייפעל! בין איך משוגע געוואָרען, צו וואָס? צו אפשר לייד איך

שוין פון עלטער־שוואכקייט ? וואָס געהט מיך אָן דער פערבּרע־
כען, וועלכען די נאַטור בּעגעהט ?

חאַ, חאַ, חאַ !... גאָר אַזוי ? איך מוז עס טאַקי ליידען און
מוטשען זיך דערפאַר, וואָס דיזע פערפּלוכטע, פערברעכערישע נאַ־
טור איז געווען אַזוי פריינדליך מיך אויסצוקלייבען אַלס איהר גע־
וועהר ? ניין, ניין, — איין גאָט ווייס, אַז איך וויל מעהר ניט ליי־
דען, — גענוג !

ער האָט זיך שטאַרק געקאָכט.

געעהרטעס און פיעל געשעצטעס פּובּליקום ! אמת איז, אַז
איך פיהל טאַקי אַ שטאַרקען וואונש אָנצושפּייען אייך מיט פער־
אַכטונג אין אייער צורה — דאָס אָבּער איז נאָר צווישען אונז רע־
דענדיג, חע, חע... אַלזאָ, ווילט איהר הערען, געעהרטעס פּובּליקום?
יאַ ? טו הערט־זשע ! וויל אַ נייע לעהרע טראָג איך אייך, איך
לערען אייך צו כאַפּען די נאַטור אין איהרע נאַרישע חכמה'לעך.
קוקט איהר אויף די הענד, ווען זי הויבּט אָן מאַכען איהרע לעבּער־
ליכע, דאָך געלונגענע פּאָקוסען. הערט אויס, איך וועל אייך קלאָר
מאַכען דיזע אַלע קאָרטען־פּאָקוסען איהרע. הערט, וויל דעריין
ליגט אייער ערלייזונג פון דעם שטן־נאַטור'ס נעגעל, די נייע ער־
לייזונג... הערט, הערט מיין נייע לעהרע ! פון אָנפאַנג איז גע־
ווען בּלויז די געמיינע, בּייזע, טייפּעלשע נאַטור... איך האָט מען
געזאָגט, אַז זי איז גרויס, שרעקליך, גלייכגיטיג, קאַלט, שטאָלץ, נור
אַז זי איז ניט גוט, און ניט שלעכט, ניט קיין שמוץ, און ניט קיין
גאָלד... אַ ליגען, געעהרטעס פּובּליקום, אַ לעבּערליכער ליגען !

די נאַטור איז שלעכט, טייפליש שלעכט, זי איז פאַלש און
גרוייזאַם ! אָט דאָס איז די נאַטור. חע, חע, חע... דאָס געעהרטע
פּובּליקום האָט אַזוי בּרייט צועפענט דאָס מויל מחמת גרוים חדוש,
אַז אהין וואָלט געקאָנט אריינפאָהרען אַ וואָגען שטרוי מיט פיער
פערד... וואָס פאַר אַ כיטרער, בּייזער פוקס דיזע נאַטור איז ; אַ
בּייזער שד. וואָס בּין איך ? — צו ווייסטו ? צו ווייסט ער ?
געוויס, געוויס... דיזע אינדיווידואַליסטען, דיזע קלוגע מענשען,
וואָס קלאַפּען זיך אין הארצען און שרייען : איך בּין — איך !
אָה, זיי, די אינדיווידואַליסטען, ווייסען עס, — חאַ, חאַ, חאַ !

איך ווייס ניט וואָס איך בין ! ווער בין איך, פון וואַנען בין איך געקומען, וואוהין גיה איך ? אָך, ווי שרעקליך דאָס איז ! שרעקליך !

נישט אמת, איזא ? בלויז דו אַליין ביזט אימשטאַנד צו זעהן דיזעס שרעקליכע, זעהען עס אין זיין גאַנצער שוידערליכער, גרונד־לאָזער טיעפקייט... איך פיהל, דאָס מיינע בעוועגונגען ווערען ארויסגערופען דורך וועלכע פּראָצעסען אין מיינע געשלעכטליכע אָרגאַנען — און אַט ־ — ס'איז געשעהן ! וואָס איז געשעהן ? אַן אונגליק ! חי, חי, חי, איהר הערט ווי אַזוי דער שטן לאַכט ? ווער האָט עס געטהאָן ? איך ? איך ? איך ? ווער בין איך ? וואָס בין איך ?

און אין זיין ווילדען צווייפעל דערגעהט פאַלק ביז וואהנזין.

ניט איך האָב עס געטהאָן ! ווי אַזוי קאָן איך צוריקהאַלטען דאָס, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג אָן געגרייט אין מיר, און האָט בלויז געוואַרט אויף אַ פּאַסענדער געלעגענהייט ארויסצורייסען זיך אויף דער פרייהייט, און אַלץ פאַרגיסען מיט זיין אַלעס־פערניכטענ־דער לאַווא ? צו האָב איך דען געוואוסט, אַז אַזעלכעס טליהעט אין מיר ? האָב איך דען געקאָנט שטערען אימיצענ'ס אַ בליק אריינ־צודרינגען אין מיין נשמה און ארויסרופען פון דאָרט קרעפטע, פון וועלכע איך האָב קיין אַהנונג ניט געהאַט ? און דערפאַר, וואָס יע־נעם פרעמדע אין מיר, וועלכעס איך קאָן גאָר לחלוטין ניט, רופט ארויס אונגליק, דערפאַר מוז איך עס ליידען, מוז איך איבערטראַ־גען פאַרווירפע פון וועלכען נארישען געוויסען ?

ניין, מיין ליעבע נאַטור, דו פּרואוו בעסער דיינע קונצען אויף אַנדערע, איך אָבער קאָן שוין צו גוט דיינע וועגען, דיינע איינפּאַ־לען, דיינע חכמה'לעך — ניין, ניין, דיר וועט ניט געלינגען צו פערמוטשען מיך !

ער האָט אַנגעגאָסען אַ גרויסען בעכער קאָניאַק און האָט אויס־געטרונקען.

וואונדערליך גוט האָט ער בעקלעהרט דיזע גאַנצע אַפּערע. פּשוט ער וועט גיהן צו איזא'ן און וועט איהר זאָגען העכסט רוהיג; גנעדיגע הערשערין, אייער מאַן איז אַ לומפּ ; מיט אַ פרעמדער

פרוי האָט ער בערייכערט זיין שטאָם־בוים אויף נאָך איין צווייג — ניט קיין געזעצליכען. איהר וועט, נאַטירליך, איינוויליגען אויף א גט, כדי אייער מאַן זאָל קאָנען חתונה האָבען מיט יענער מיידעל, דורך וועלכעןביידע געניאַלאָגישע ליניען וועלען ווערען גלייכבע־רעכטיגטע, חאַ, חאַ, חאַ...

אָבער טהייערסטער, כאָטש זעהר נארישער הערר טשערסקי! מיר האָט זיך אָפילו ניט גע'חלום'ט צו בעזאָרגען זיך מיט צוויי גלייך־בערעכטיגטע געניאַלאָגישע ליניען!

אַלץ איינס, איך וועל עם דערצעהלען אייער ווייב, כדי צו בע־פרייען אייך פון אייביגען ליגען: פונקט ווי טאָלסטאָי, ווי בירנ־סטערנע־בירנסאָן קעמפף איך אויף פאר'ן אמת, איך לעב כדי צו בעפרייען די וועלט פון ליגען...

ווי גאָט איז אייך ליעב, הערר טשערסקי! וואָס פאר נארישר קייטען איהר רעדט עם א ביסעל! צו פערשטעהט איהר דען ניט, אז דיזע ביידע הערצען זיינען פשוט אידיאָטען, וועלכע ליידען פון על־טער־שוועכע, און אז פון אמת ווערט ליגען און פערברעכען, ווען ער פעראונגליקט מענשען? צו קענט איהר ניט פערשטעהן, ווי גליקליך איך אליין וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקאָנט געהן צו איזא'ן און איהר אַלץ דערצעהלען? צו פיהלט איהר דען ניט, ווי שרעקליך איך אליין לייד פון דיעזען ליגען, צו דער זעלבער צייט וויים איך אָבער, אז אין דעם פאַל וואָלט זיך דער אמת אומגעוואַנ־דעלט אין א שרעקליכען פיין, אין א פערברעכען. יא, הערר טשער־סקי, אין א פערברעכען, ווייל ער וואָלט אומגעבראַכט אי מיך און אי איזא'ן. שוין־זשע זיינט איהר אזוי שטומפף, אז איהר קאָנט ניט פערשטעהן, דאָס אין דעם פאַל וואָלט דער אמת געווען א וואהנ־זין, א נוצלאָזער, ווילדער משוגעת.

געוויס, די שטומפע קעפ פון אייערע פילאָזאָפען זיינען ניט אימשטאַנד צו פערשטעהן עס. און עס רוקט זיך אָן אן אונגליק, אָט שפיר איך איהם שוין אַרום זיך?... איזא? יא, איזא וועט אוועקגעהן פון מיר, אין דעם בין איך זיכער, ווי אין טויט... פשוט, זי וועט פערשווינדען, — ניין! זי וועט מיר אויסשטרעקען איהר האַנד צום זעגענען זיך, און אפשר וועט זי דאָס אויך ניט טהאָן,

ווייל איך האָב זי בעליידיגט דורך מיינע פערהעלטניסע מיט אַן אַנ־דער פרוי. יא, זי וועט זיך זעגנען מיט מיר, — גו, און דערנאָך וואָס ? גאָט מיינער, וואָס וועט דערנאָך זיין ?

ער האָט געבראָכען זיך די קאָפּ, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען דעם פילאָזאָפישען שטיין, אָבער דאָרט האָט בלויז געווירבעלט אַ כאַאָס פון געדאַנקען, און קיין איינציגען פון זיי איז ער ניט געווען אימשטאַנדע צו בעקלעהרען ביז׳ן סוף.

ער איז אין גאַנצען אָבגעשוואַכט געוואָרען, און אָהן קרעפטען אַראָפּגעלאָזט זיך אויפ׳ן זאָפע.

עס איז קיין צווייפעל אין דעם. יענעס פרעמדע אין איהם, וועלכעס ער אַליין האָט ניט געקאָנט, נור וועלכעס האָט זיך שטענ־דיג געריסען פון איהם אויף דער פרייהייט, דיזעס האָט איהם איצט אונטערגעשניטען די פיס, אומגעבראַכט איהם.

די קראַפט פון אַ זאָנדערבאַרען צוזאַמענשטויס פון אומשטענ־דען האָט פערניכטעט פאַלק׳ען מיט זיין גאַנצער חכמה, אָדער, מעג־ליך, אַז גראָד דערפאַר איז געקומען זיין אונטערגאַנג, ווייל ער איז געווען שוין צו־קלוג. אָבער פאַלק׳ס אונטערגעהן איז גאָר אַנאַנ־דערער, ווי, צום ביישפּיעל, דאָס אונטערגעהן פון דער ליעבער קליי־נער מאַריט, וועלכע האָט זיך געטרונקען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ גרויס גליק עס איז צו זיין די מוטער פון אַ זייטיגען געניאַלגישען צווייג פון הערר פאַלק׳ן.

מיינע געדאַנקען זיינען גראָב, ווי די געדאַנקען פון אַ פויער, אָבער דיזע גראָבהייט פּלאָגט מיך, און דיזער פּלאָגען ווערט מיין פערגעניגען... און דערצו נאָך, ווען פאַלק פאַלט שוין אפילו אין אָבגרונד, קאָן ער מיט די הילף פון זיין מאַרך דיזען פאַלען קאָנ־טראָלירען פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל, ער קאָן איהם עהרליך בעציי־כענען... חע, חע, חע... איצט, ווען איך האָב שוין אַרונטערגע־ריסען פון דער נאַטור איהר מאַסקע, בלייבט מיר נאָך בלויז פאַרטיג צו ווערען מיט מיין געוויסען. אייגענטליך האָב איך איהם שוין ניט, מיר איז געלונגען בייצוקומען איהם...

ווילסטו אפשר וויסען פאַר וואָס, דו נאַרישער פאַנאַטיק פון אמת, ווילסט וויסען ? טו עפּען־זשע דיין מויל, צועפּען ברייטער

דיינע אויגען און אויערען, כדי זאָלסט קענען גוט זעהן די גאַנצע גרענצלאָזיגקייט פון דיין דומהייט... הער אויס א קלוגען, בעל־ישוב'טען מענשען, וועלכער האָט ארונטערגריסען די מאסקע פון דער נאַטור.

די נאַטור צושטערט. זעהר גוט. כ'בין פאָלקאָם איינפערשטאַנדען. ניט אמת אפשר? און פאר דעם צערשטערען בענוצט זי זיך מיט אלערליי מיטעל, צווישען וועלכע עס ווערען אויך ארייגערעכענט די זאָגענאַנטע נאַטור־קרעפטע: דונערען, שטורעמס, וואסער־און־זאמד שטורמס א. ז. וו., א. ז. וו.

דערצו נאָך בענוצט זי זיך אויך זעהר גערן מיט באצילען — מיט דיזער זאַנדערבארער, טייפעלשער ענטדעקונג...

דריטענס: אך, צום טייפעל! קיין שום דריטענס. איך בין ניט קיין טרוקענער קלאסיפיצירער, א פילאָסאָף בין איך, און דעריבער האָב איך איבער דיזען ענדלאָזען אויסרעכענען פון אלע בעזונדער פיינע געוועהר פון מאָרד און פערניכטונג, אין פערגלייך מיט וועלכע די שוידערליכסטע מאטערניסע זיינען בלויז א שפיעלבעלע, און מיט א מאָל געה איך אריבער צו דער הויפט־טהעמא, צום מענשען...

דער מענש! חא, חא, דער מענש! אָט ערלויבט מיר נאָר צו בענעצען די ליפען מיט א ביסעלע קאָניאק, נור א קליינינקע דאָזע ניקאָטין איינגעהמען, און איך וועל באלד צוטרעטען צו דער זאך.

דער מענש, אלזאָ! דער בעל־שכל לויט דער סיסטעם פון ליינעי: א נאטירליכער, מעכאנישער אפאראט איז ער, בעשאָנקען מיט א זייגער־מעכאניזם אין דער פאָרם פון א מאָרך, וועלכער רעגיסטרירט און קאָנטראָלירט.

אויסגעצייכענט!

אָבער הערט מיט קאָפ. דאָס וועט זיין א פאָרטזעצונג פון מיין נייער לעהרע, פון מיין ערלייזונג טהעאָריע.

די נאַטור האָט זיך אָנגעהויבען צו שעהמען פאר איהרע נאַרישע ציעללאָזע מאָרד־טהאטען. די נאַטור איז ביטרע און שלעכט, זי וויל אראָפוואַרפען פון זיך די שולד פאר אלע איהרע עקעלהאפטע פערברעכענס, האָט זי דעריבער געגעבען דעם מענשען א מאָרך.

ווייסט איהר וואָס אַ מאַרך איז ?

דאָס איז אַ זעהר שלעכטער אַפּאַראַט, מיט וועלכען מען קען זיך ניט בענוצען. אין בעסטען פאַל איז ער בלויז פעהיג צו בעמערקען, אָדער גיבער קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, דאָס אין מענשען'ס נשמה קומט פאָר עטוואָס, אָבער וואָס ? — דאָס קען ער קיינמאָהל ניט אויסגעפינען.

דעם מאַרך נאַרט מען שטענדיג אָפּ, און שטענדיג כאַפּט זיך דער מאַרך און זאָגט צו זיך אַליין : אָהאָ, די כיטרע נאַטור האָט מיר ווידער אָנגעפייפט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

אין ענגער פערבינדונג מיט דיעזען זעהר שלעכטען אַפּאַראַט געפינט זיך נאָך אַ זאַך, וועלכע מען האָט זעהר געלונגען אָנגערופען געוויסען. כאַ, כאַ, כאַ... שטעלט אייך נאָר פאָר, הערר טשערסקי, אַזאַ זאָנדערבאַרע חיה'לע, וועלכעס די פערפלוכטע נאַטור לערנט און אונצעהליגע יאָהרען, און אַלץ מיט'ן צוועק צו פערשאַפען מענשען שרעקליכע יסורים פאַר פערברעכענס, וועלכע זי אַליין איז בעגאַנגען. ווי פערפיינערט דאָס איז ! כע, כע, כע...

אָבער דאָס איז נאָך אויך ניט אַלעס.

מיט אויסעראָרדענטליכע אָנשטרענגונג האָט דער מאַרך געזעהן אריינהאַקען אין דעם מענשען'ס קאָפּ די אידעע, אַז זיין געוויסען גיט איהם אַ פיעל העכערען שטאַנד איבער אַלע אַנדערע גאָט'ס בעשעפעניסען.

גאַנץ שאַרפזיניג, ניט אמת ? ווייל וואָס איז טאַקע דער אונטערשיעד צווישען מענש און חיה ?

דער מענש ווייס, אַז ער האַנדעלט ווי אַ מאַלפע, ווערענד די חיה ווייסט עס ניט. און דאָ האָט איהר אייך דעם גאַנצען אונטערשיעד, הערר טשערסקי ! כאַ, כאַ, כאַ !...

בערעכענט נאָר ווי נאַריש איהר זיינט. אַ מענש קלעטערט ארויף אויף די העכסטע שטאַלצען, האַלט דרשות איבער יושר, פאָדערט כ'זאָל חתונה האָבען מיט אַ פרוי, מיט וועלכער כ'האָב, גאָט ווייסט דורך וועלכען צופאַל, מיט אַ מאָהל דערלעבט אַ זוהן. —

איז עס ניט לעכערליך? אויב דערפון לאכט איהר אויך ניט, טא טהוט זיך א קיצעל אין די פיאטעס.

פאלק האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו זיך זעלבסט און האט געלאכט מיט א נערוועזען, קאנוואולסיווען געלעכטער. ביס־לעכווייז האט ער אנגעהויבען צופלאנטערען די פעדים פון זיין פערפלאנטערטען קנויל געדאנקען. דעם מענשען האט מען, אלזא, געגעבען א מארך, כדי ער זאל קענען ערלערנען די נאטור, איהר דאנקבאר זיין, בוקען זיך פאר איהר מאכט: וואס פאר א העלי־שער שווינדעל!

אלזא, הערט אויס, הערר טשערסקי, אבער אביסעל ברייטער צועפענט אייערע אויערען, כדי איהר זאלט פערשטעהן וואס איך רעד צו אייך. איז עס דען ניט דאס גרעסטע געלעכטער וואס דער חילוק צווישען דעם מענש און חיה איז בלויז אין זיין מארך און געוויסען, דיזען מיסטהויפען, וואוהין די נאטור ווארפט אלע איהרע מיאוסע פסולות? און לעכערליכער פון אלץ איז דאס, וואס איך, ארימער, בעדויערנסווערטהער מענש, מוז נאך זיין דאנקבאר דער נאטור פאר אלע איהרע מעשים! צום טייפעל אזא געדאנקען און אזא געוויסען. איך בין אייך מוחל די עהרע פון זיין מענש; איך וואלט שוין ליבערשט אומוואנדלען זיך אין א מיקראב, וועלכער, אויב שוין יא פערדארבען, שפירט כאטש ניט קיין פיין, קיין גע־וויסנביסע.

אך, דיעזער חכם פון א פראפעסאר, ווי רופט מען איהם דארט? אהא, ניטשע. כא, כא, כא! ניטשע! דער ארימער פראפעסאר האט געוואלט שאפען אן איבערמענש, אבער דיעזעם אונגליקליכעס וועזען וואלט אודאי באלד אויפ'ן צווייטען טאג אויסגעגאנגען פון צופיעל יושר און שכל!

פאלק האט זיך מיט א מאהל דערזעהן אויף דער ביהנע. און דיעזעס האט איהם אפילו ניט געוואונדערט, פערקעהרט, — איהם איז עס גאר געווען אנגענעהם; ער האט ליעב געהאט אלע זאלען אויף איהם קוקען. ער פלעגט דאן אננעהמען א מינע פון א גרויסען מאן. ניין, נישט קיין מינע. דאס איז נישט געווען בלויז א מינע. ער פלעגט אננעהמען א פאלקאם נאטירליכען אויסזעהן פון א

גרויסען מאַן. און דער עולם האָט מיט ענטציקונג נעקוקט אויפ'ן גרויסען מאַן, וועלכער קען זיין אַזוי נאַטירליך און אַזוי אונענדליך „ערהאַבען“.

אַך, דו דומער עולם! ווען דו וואָלסט אָבער געוואוסט איבער וואָס פאַר אַ געפעהרליכע וועגען איך געה, און נאָר כדי אויסצו־לאַכען זיך פון דיר און אַרויסשטעלען דיר אַ פייג אויף יעדען טריט! — טהייערסטער עולם, וועלכער דורך אַ פשוט'ן צופאַל בעשטעהט ניט פון לויטער בהמות...

נאָט מיינער, כ'וועל אודאי אויסגעהן פון לאַכען...

ער האָט מיט אַ מאָהל אויפגעציטערט. אַ שרעקליכע אונרו־היגקייט האָט אַלץ געוואַקסען אין איהם, האָט איהם אַרומגעכאַפט ווי מיט אייזערנע נעגעל — און געשטיקט איהם, געוואָרגען איהם... אָבער וואָס קען זיין, צום טייפעל, וואָס? וואָס? וואָס? כע, כע... וואָס? ס'וועט זיין, אַז טשערסקי וועט מיר דעם קאָפּ אַראָפּ־דרעהען.

מוזט אָבער זיין ערנסט, פאַלק. דו טאָרסט עס ניט דערלאָזען, — ס'איז נאָך צו פריה פאַר דיר אונטערצוגעהן — נאָך צו פריה! צו פריה! מען מוז אָפּהאַלטען טשערסקי'ן פון דיעזען ווילדען שריט... איך מוז איהם גוט ערקלעהרען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט, מיט לאָגישע בעווייזע איבערצייגען איהם, דאָס ער איז זיך שטאַרק טועה, ווען ער וויל אויף מיר אַרויפוואַרפען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַ טהאַט, בעגאַנגען פון אַ מין קראַפט, וועלכע איז גאַנץ פרעמד צו מיר. לעכערליך, זעהר לעכערליך: אויב איהר, הערר טשערס־קי, ווילט בעשטראָפען די פאַלשקייט, טו בעשטראָפט איהר ניט אין מיין פערזענליכקייט, נאָר אין דער פערזענליכקייט פון דער נאַ־טור, וועלכע האָט דורך מיר געהאַנדעלט. וואָרים ווען איך פערדאַרב און פערניכטע, בין איך בלויז אימשטאַנד צו קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז איך טהו דאָס, אָבער פאַר מיין האַנדלונג טראָג איך ניט די מינדעסטע פעראַנטוואָרטליכקייט, אַקוראַט ווי יענער מיקראָב וואָס צופרעסט אייערע לונגען.

יאַ, מען מוז איהם איבערצייגען, אַלעס קלאָהר מאַכען פאַר איהם... מען וואָלט עס אפשר בעדאַרפט טהאָן גאָר אָט ווי אַזוי.

פאלק האט זיך אבגעהוסט. ווי אין האלוצינאציע האט ער פאר זיך געזעהן טשערסקי'ן, און זאנדערבאר: — דיעזעס האט איהם אויף א האר ניט בעאונרוהיגט. אינטערעסאנט איז יענע האלוצינאציע, וואס רופט ניט ארוים קיין שום אונרוהיגקייט.

כ'בין איצט הונדערט מאהל רוהיגער ווי מיט א שעה צוריק... איך פערזיכער אייך.

ער האט אויסגעטרונקען א גלאז קאניאק.

איהר פערליערט אודאי אייער געדולד, הערר טשערסקי, זאל אייך ניט וואונדערען וואס איך ציה אפ אזוי מיינע ערקלעהרונגען. דאס, פערשטעהט איהר מיך, איז דערפאר, ווייל מיר ועט אויס־קומען אפט צו בעריהרען זאכען, וועלכע זיינען פאר מיר זעהר אונ־אנגענעהם און פיינליך. דעריבער טאקע אייל איך מיך ניט.

אבער וואס קנייטשט איהר אזוי דעם שטערן? אייך אינ־טערעסירען דען ניט אזעלכע פסיכאלאגישע פארשונגען? איך אבער האב זעהר ליעב צו גריבלען זיך אין מיין אייגענער נשמה, און נישט ווענינער אין א צווייטענס: ס'איז א מין וואונדערבאר מיסט־הויפען! אלזא, אלע מיינע געמיינע פערברעכענס — אזוי, דאכט זיך, האט איהר העפליך אויסגעדריקט אייער וואונש אנצור־רופען מיינע עהרענהאפטע האנדלונגען — בין איך בעגאנגען אוים א מין פסיכאלאגישער נייגעריגקייט, — א נייגעריגקייט, מיט וועל־כער עס האט זיך אויסגעצייכענט ביז גאר א גרויסען גראד איפא־ליט טען, דיעזער זשעניע אונזערער פון דער ליבעראלער בורזשר־אזיע.

איהר מוזט דאך אודאי וויסען, אז דיעזער איז אויך געווען אזא פראפעסאר, וועלכער האט געהאט א זאוואד צום פראדוצירען בירגערליכע טוגענד: נו, איז עס דען ניט א זשעניאלער געדאנק, — פראדוצירען טוגענד, פונקט ווי אזא מעטהאד און אין אזא צאהל ווי מען פראדוצירט וויטריאל? בע, כע... נאר אזוי איז עס שוין מיט אונזער ליבעראליזם, הומאניטאריזם און סאורנאליזם פון דער מענשליכער דומהייט... אה, דיעזע הערען ליבעראלער, איז דען דא א זאך וואס זיי זאלען ניט וויסען?

אבער זעצט אייך צו א ביסעל, ביטע, ביי אייך, ווי איך זעה,

ציטערען די קניע. ווילט איהר אפשר א סיגארעט, אָדער אפשר א גלעזעלע קאָניאק? כע, כע... איהר מוזט אודאי ניט רויכערען און ניט טרינקען... אייערע מאָראַלישע שטאָלצען פערבאָטען עס אייך; אָבער זעהט, פאסט אויף אייערע פּיס זאָלען זיך גאָר ניט פערפלאָנטערען. איהר זיינט א פילאנטראָפּ. איהר שוועבט אין דער אונערדרייכבארער הויך פון מענשליכער טוגענד און, כדי אויס־צוהאלטען סטיל, פעראכטעט איהר סיגארעטען און שנאַפּס, כא, כא, כא... אָבער צו וואָס זיך חמורענען אזוי, — פערגעסט ניט, אז א מענש וואָס קען זיך בעגעהן אָהן רויכערען און אָהן טרינקען, איז פאר מיר א מין אונבעגרייפבארעס וועזען, א מין קרייז א פיער־עקיגער. ניין, ערנסט גערעדט: נישט בענוצענדיג קיין אלקאָהאָל, זיינט איהר דערמיט געגען דעם אָרגאַנישען געזעץ פון בעפריעדי־גונג.

כ'זעה אייער ערשראָקענעם פראַגע־בליק: פארוואָס? פאר־וואָס? הם... פארוואָס? דאָס איז דאָך אָבער קלאָהר ווי די זון. דער פרימיטיווער מענש, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דער מענש אָהן א מאַרך, ד. ה. דער סתם־מענש, ניט דער בעל־שכל, איז אונטער־וואָרפען צו גוואַלטיגע פלוצלונגע אינערע טריגען, וועלכע מיר רו־פען אָן אינספּיראַציאָן, עקסטאַז, נבואה א. ז. וו. אמת איז, אַז אַזא נבואה איז מאָדנע נאָהענט צו וואַהנזין, פאר וועלכען אונזער לי־בעראל־פילאַנטראפּיש־דעמאָקראטישע געזעלשאפט זעצט נאָך ביז היינטיגען טאָג דיעזע נביאים אין משוגעים־הויז, אָבער דאָס איז גאָר ניט — ווי די זאך איז, שטעלט פאָרט אַזא אינערער שטורם־דראַנג פאָר מיט זיך אַ מין שרעקליכע קראַפט. אָבער גראדע דיע־זער וואַהנזין האָט דאָך טאַקע געשאפען אונזער גאַנצע קולטור. דיע־זע גלייך־געריכטעטע, פאַנאַטישע בלינדהייט האָט געטריבען פעל־קער קיין ירושלים, רעליגיעזע מלחמות האט זי אויפגעהויבען, האָט געבראכט דעם אומשטורץ פון דער באַסטיליע, האָט געקעמפפט פאר קאָנסטיטוציעס, האָט געבויט באַריקאַדען און האָט גאַראַנטירט אונ־בעשטראפטקייט צו די פערדאָרבענע רוצחים פון פען.

אָבער קנייטשט זיך ניט אַזוי שטאַרק.

צו קענט איהר דען ניט פערשטעהן יענע קראפט פון אינ־

ספּיראַציאָן און עקזטאַז, וועלכע האָט געגעבען די מעגליכקייט שמשון'ען צו פערניכטען מיט אַן עזעל־באַק אַ גאַנץ חיל פון די פּלשתים, און וועלכע האָט צו דער זעלבער צייט געשטויסען ראַוואשאַל אויף דעם פאַנאַטישען גערדאַנק אָוועקצושיקען מיט דער הילף פון עטליכע באָמבעס עטליכע צעהנדליגע גוטע פרומע נשמות צו אברהם אָבינו.

אָה, איהר שמייכעלט, הערר טשערסקי. מיר שיינט, אַז ניט אומזיסט זיינען אייך די סאָציאַליסטען חושד אין סימפּאַטהיע מיט אַנאַרכיזמוס.

מיר זיינען, אלזאָ, איינפערשטאַנען, דאָס די אינספּיראַציאָנס־קראַפט, יענער ווילדער איננערער טריעב פון אַ שטורמיגער גייסטיגער מאַכט, וועלכע מיר האָבען, איבריגענס, שוין אין גאַנצען פערלאָרען, דיעזעס איז אַ זעהר וויכטיגער עלעמענט אין דעם מענשען'ס לעבען; דער געזונדער שכל פון דער זאַטער סטאַטעטשנער בורזשואַזיע האָט געטויטעט אין אונז יענע מאַכט, וואָס בעשאַפט און צושטערט וועלטען. מיר אָבער... מיר... הערר טשערסקי, וואָס שוועבען אין דער סאַמע הויף פון דער מענשהייט, מיר זיינען פערפּפליכטעט צו היטען יענעם הייליגען פייער פון אינספּיראַציאָן. אָבער ווי אַזוי קען מען זיך דאָ העלפען? אָט גאָר פּשוט — גיסען אין זיך אַלקאָהאָל! אָט, צום ביישפּיעל, דער קלוגער סוּוואָראָוו, — ער האָט עס גוט פערשטאַנען. ערב יעדער שלאַכט האָט ער ערלויבט זיינע סאָלדאַטען צו טרינקען בראָנפען, — נו יאָ, בראָנפען. פלעגען זיי טאַקע דעריבער אַרויסווייזען וואונדערבאַרען מוטה און טאַפּפערקייט.

איהר זאָגט, איך פלוידער נאַרישקייטען? איהר אַליין מוזט אוודאי זיין דער בעל הבית פון יענעם ליבעראַל דעמאָקראַטישען מאַרך, וועלכער האָט דעם רבונו של עולם פון זיין טהראָן אַרונטערגעשליידערט, און וועלכער האָט אַלע זאַכען ערפאָרשט, אַלע געהיימניסע ענטדעקט... כע, כע, כע. געדאַנק — דאָס איז פונקט אַזאַ פּראָדוקט ווי שוועבעל... אָבער אייך איז, ווי איך זעה, ווירקליך לאַנגווייליג. נו, וועל איך אַריבערגעהן צו אונזער הויפּטטהעמאַ, אייגענטליך צום עיקר.

ענטשולדיגט וואָס איך האָב אזוי לאנג אָבגעצויגען. עס איז אָבער אזוי שווער אויפ׳ן הארצען.

איך בין, אלזאָ, א פערהייראטהער מאן. גליקליך? ניין! אונגליקליך? ניין! נו, טו וואָס־זשע?

אָבער אפשר וואָלט איהר פאָרט אויסגעטרונקען אביסעל קאָניאק? דאָס איז זעהר גוט ווען מען איז נערוועז. עס פערשווינדט די שפּירונג פון ניעדערשלאָגענהייט, די לעבענס־ענערגיע ווערט שטאַרקער, און איבערהויפּט פערשטאַרקט זיך דער גאַנצער אָרגאניזם.

איהר ווילט ניט טרינקען? אך, ריכטיג: איך האָב גאָר פערגעסען, אז איהר זיינט אויף שטאָלצען. נו, פאַר אייער געזונד!

פאַלק האָט אויסגעטרונקען. הם... הם... מיר איז שרעקליך אונאַנגענעהם צו רעדען מיט אייך וועגען דעם.

ער האָט אונרוהיג געשפּאַנט הין און צוריק איבער׳ן צימער.

האָט איהר זיך ווען פערקלעהרט איבער דער שרעקליכער רעטעניש, וועלכע רופט זיך מענש? ניין! איהר האָט א פּנים ניט געקלעהרט וועגען דעם. איהר זייט אן אַנאַרכיסט, פאָלגליך האָט איהר אויך גע׳ירשה׳ט דעם ליבעראַלען מארך, וועלכער האָט בעשאַפען דעם מאטעריאליזם און די הומאַניסטישע עטהיק. יאָ, יאָ: איהר האָט גע׳ירשה׳ט דיעזע וועלט־אַנשויאונג, וועלכע... אָבער וואַרט א ווייַלע — געדענקט איהר יענע שורות ביים הייליגען אויגוסטין:

„און אָט געהען מענשען. זיי בעוואונדערען די הויכע בערג, די ברייטע ימים, די וואַסער־פאַלען פון בערג־שטראָמען, די אָקעאַנען, די פליסונגען פון הימעל־שטערען, און אָן זיך זעלבסט האָבען זיי פערגעסען."

נו, זעהט איהר דאָך: דער ליבעראַלער, סטאַטעטשנער, בורזשואַזער מארך האָט פערגעסען אָן דעם מענשען. אָבער, כדי נאָך א מאָל צו ענטדעקען דעם מענשען, מוז מען פערגעסען אָן אַלע ענטדעקונגען פון נאַטור־וויסענשאַפט, מען מוז צוריק אָננעהמען א קינדישען מארך, פאַר וועלכען אַלעס שטעלט זיך פאָר אזוי שרעקליך, אזוי געהיימניספול, און גרונטלאָז — מען מוז זיך לערנען

ווייערער א מאָהל צו פיהלען שוידער און שרעק פאר דעם אַלעם.

כאַ, כאַ, כאַ, — וואָס פאר אַ מורא'דיגער אידיאָט איך בין. איהר האָט פאָלקאָם רעכט, ווען איהר קוקט אויף מיר מיט אזא פערעכטליכען שמייכעל. דאָס איז דאָך גאַנץ פערשטענדליך. וואָרים ווי אַנדערש קענט איהר אויף מיר קוקען, איהר, אנהענגער פון מאטעריאַליסטישע אנשויאונגען אויף דער וועלט

אַלע רעטענישען זיינען דאָך פאר אייך קלאָהר, דעם פאָרהאַנג פון אַלע געהיימניסע האָט איהר אַרונטערגעריסען. — נו, נו, זייט נאָר ניט בייז, הערר טשערסקי.

ווילט איהר, הייסט עס, טאקע ווירקליך ניט טרינקען? א שאָד, א שאָד... דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך נישט ליעב אַזעלכע וואָס טרינקען נישט.

איהר זיינט פעראינטערעסירט? אייך ווילט זיך דערגעהן וועלכע אינטימע איינצעלהייטען וועגען יענעם געהיימניספאָלען פאַלק, וועלכער האָט אייך געשיקט געלד אויף אַגיטאַציע, און האָט געשריעבען פראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבען אויפגעבראכט איין גרויסעןשאַפטליכען קלאַס געגען צווייטען. העצע — כע, כע, כע, — אזוי, דאכט זיך, רופט זיך עס אָפיציעל... אָבער איך וויל מעהר נישט רעדען וועגען זיך. כ'וועל איצט רעדען פון גאַנץ זייטיגע, אזוי צו זאָגען, אָביעקטיווע זאכען... כאַ, כאַ, כאַ...

נו, צום ביישפיעל, האָט איהר ווען געקלעהרט וועגען דעם, ווי ראדיקאַל, ווי שטארק אַ מענש קען זיך אומבייטען אונטער'ן איינפלוס פון וועלכער ניט איז פוסטער פאַסירונג, פון וועלכער ניט איז לעכערליכער, נאַרישער קלייניגקייט. אָט, למשל, בין איך נעבעטען געוועזען ביי אילטוס'ן. איך האָב איהם ליעב און וואָלט געוואָלט פערשטעהן זיין נשמה. ער האָט חתונה געהאַט. זיין ווייב — זי איז די בעסטע פרוי אין דער וועלט. א וואונדערבאַרע פרוי. און דער סך הכל וואָס איז? אונגליק. זי האָט דאָך פריהער ניט געקענט פאַראויסזעהן דאָס אין וועלכע 3-2 יאָהר וועט זי ווערען זיין פרוי. שוין פשוט דערפאַר האָט זי עס ניט געקענט וויסען, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין שום פאָרגעפיהל, אַז אויף דער וועלט איז ערגעץ דאָ אַ אילטוס. דעמאָלט, אַלזאָ, ווען זי

האָט פון אזא זאך קיין שום פאַרגעפיהל נאָך ניט געקענט האָבען, האָט זי זיך איינגעליעבט. און פאר וואס דען ניט? און פאר וואס, א שטייגער, זאָל מען זיך ניט אָבגעבען דעם מענשען וועמען מען ליעבט? דאָס איז דאָך אזוי נאַטירליך. איהר קענט דאָך ניט בייז זיין אויף איהר פאר וואס זי האָט זיך ניט בעוואָרענט אויף פאַראוים מיט אַן אָפיציעלער ערלויבניס.

ווען איך וואָלט געוואָלט אורטהיילען לאָגיש, וואָלט איך געזאָגט, אז דאָס איז זעהר גוט. נאָר אזוי ווי יעדע פרוי עקזיסטירט אויסשליסליך פאר דעם מאַן, וואָס קומט צולעצט, און אזוי ווי דיעזער לעצטער האָט זעהר נישט ליעב דיעזע פריהערדיגע דעכטע פון אַנדערע אויף זיין פרוי, דעריבער גיב איך צו, אז אילטוסעס פרוי האָט געהאַנדעלט ניט פון דערמיט, וואָס זי האָט זיך פריהער אָבגעגעבען אַן אנדערען.

אילטוס, אלזאַ... אָבער בנאמנות, איך אליין בין ניט שטאַרק זיכער, צו דאָס איז געווען אילטיס. מעגליך, דאָס איז גאָר געווען מיט אימיצען אַנדערש. לאָמיר איהם רופען „איינער“. דאָס קלינגט גאָר ניט שלעכט. איך בין פשוט ענטציקט פון דיעזען נאָמען. איהר בעקלערט עס נאָר: „איינער“! איינער, אלזאַ, האָט זיך איינגעליעבט אין אַ פרוי, וועלכע האָט שוין געהאַט פערזוכט פון די פערבאָטענע פרוכט פון דעם עץ־הדעת, — פון יענע בעריהמטע גן־עדן־עפּעל, — נו, און דערנאָך האָט ער מיט איהר חתונה. זי, פערשטעהט זיך, האָט איהם אַלעם דערצעהלט, און ער? עט, אזא קלייניגקייט פערנעהמט קיין שום אָרט ניט ביי איהם, אַ מענשען וואָס שטעהט אויף דער סאַמע הויך פון דער מאָדערנער קולטור, און איז דער פיהרער פון דער שאַרפסטער און לינקסטער באַנעמאַ.

אינטערעסאַנט? ניט אמת?

נאָר ביסלעכווייז הויבט זיך עפּעס אָן „איינער“ פערקלעהרען. אין זיין נשמה עפענט זיך אַ קליינינקע, אונבעדייטענדע, קוים זיכטבאַרע וואונד. „איינער“ זעצט זיך פערוואונדערט, ניין — ער לעגט זיך אויף דער זאָפע און טראַכט, און טראַכט...

דיעזע פרוי, הייסט עס, האָט שוין ביז איהם געהערט צו אַן אַנדערען. אַן אַנדערער, ביז איהם, האָט זי שוין געגלעט מיט די

זעלבע ווערטער פון צערטליכקייט און גערען, און די זעלבע ווערטער, וועלכע זי שעפּטשעט איצט אין זיין אויער, האָט זי פריהער אויך צו יענעם געשעפּטשעט. און גראַדע אין אזא ליידענשאַפטליכער אומאַרמונג האָט זי אויך פריהער זיך צוגעדריקט צום קערפּער פון אַן אַנדער מאַנסביל...

אַבער צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, טו וואָס הייסט עס? ! ס'טהוט אַזוי וועה, אַזוי וועה...

ער איז אויפגעשפּרונגען אין שרעק. איהם האָט זיך געדוכט, אַז דיעזע קליינינקע וואונד האָט זיך אומגעוואַנדעלט אין אַ שרעק־ליכער בראַנד, וועלכע צוגיסט זיך איבער זיין גאַנצער נשמה מיט די פּיינליכסטע שמערצען.

נאַרישקייט!

„איינער" ווערט ווילד־בייז, ווארום איהם קענען אויפרעגען דיעזע נאַטירליכע זאַכען, וואָס דיענען צו וועלכע געהיימניספולע ציעלען פון דער נאַטור. ער פּרוואוט זיך אַליין איבערצייגען, אַז עס איז פּשוט משוגע גאַר צו קלעהרען פון דעם, און אויך אַ מינוט פערגעסט ער אַלץ.

איהם טהוט שוין אפילו הנאה, וואָס ער האָט אַזוי ענערגיש ארויסגעריסען פון הארצען די צו־שפּעט געקומענע פאָדערונגען פון זיין געשלעכטליכען אָרגאַניזם.

ער ציהט זיך אויס אויף'ן זאָפע, פייפט שטיל עפּעס אַ ליעדעל — און דאָך „מיט דען בייזען מאַכטען"... כע, כע... איהר זיינט דאָך בעקאַנט מיט שילער?

„איינער" הויבט וויעדער אָן צו שפּירען אַ מאָדנע אונרוהיג־קייט, אַ מין ווילדע, פּיינליכע נייגעריגקייט בעהערשט איהם אין גאַנצען. און ער געהט אריין צו זיין פרוי, ער איז צו איהר בע־זאָנדערס פריינדליך, קושט איהרע הענד, גלעט איהר געזיכט, רעדט וועגען פערשיעדענעם, און מיט אַמאָהל, אַזוי זיך, אונגעריכט, טהוט ער אַ פרעג מיט אַן אונשולדיגער מינע: נו, און דיין ערשטער מאַן איז געוועזן אַ שאַטין אָדער אַ בלאָנדין? אונבעוואוסט רעדט ער ארויס דאָס וואָרט „מאַן" מיט אזא מאָדנעם אַקצענט, אין וועל־כען עס הערט זיך אי האַס, אי נייגעריגקייט, אי צאָרן — אַך, רופט עס ווי איהר ווילט.

ער איז געווען אַ שאָטין, אָבער מיט בלויע אויגען. „איינער" האָט אויפגעציטערט. ער איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז קיין וואָרט קען ער ניט אַרויסריידען. ער פערשטעהט איינפאַך ניט וואָס מיט איהם טהוט זיך.

כאַ, כאַ... אָרימער „איינער". איך בין מודה, דאָס ער איז נאַריש, אָבער צו איז ער דען שולדיג? ער האָט נאָך אויף אַזוי פיעל קראַפט, אַז ער וויל דערפון ניט קלעהרען. מיט אַמאָל אָבער בעהערשט איהם דער זעלבער געדאַנק מיט נייער און נאָך שטאַרקערער קראַפט. פאַר איהם איז עס איצט שוין געוואָרען כמעט אַ פערגעניגען אַזוי צו פייניגען זיך און קאַלופען זיינע וואונ־דען... און ווידער פאָרשט ער זיין פרוי, ווידער פרעגט ער אויס ביי איהר. געוויס, ער טהוט עס מיט טיעפען, זעהר דעליקאַטען טאַקט. ער זעהט, דאָס זי זאָל ניט פערשטהען ווי שטאַרק ער גאַרט צו וויסען אַלע איינצעלהייטען, — יא, העדר טשערסקי, דיעזע אַלע שרעקליכע, עקעלהאַפטע איינצעלהייטען.

דעריבער צופרעגט ער זיך טאַקע אונטערדעסען — און עס פערשטעהט זיך, אַז פון אַ לויטער פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט טהוט ער עס, — וועגען אַלע איינצעלהייטען, וועגען א ל ע אינ־טימע איינצעלהייטען, העדר טשערסקי. און אויף אַזאַ אופן ווערט ער ביסלעכווייז געוואָהר אַלץ, וואָס מען קען נאָר געוואָהר ווערען. און צו וואָס, אַ שטייגער, וואָלט זי פון איהם בעהאַלטען עטוואָס? ער האָט דאָך אַזוי שעהן גערעדט צו איהר איבער פרייע ליעבע... כע, כע... — און דערצו זיינען זיי דאָך ביידע אויף אַזוי פיעל קולטורעל, אַז זיי האָבען שוין לאַנג בעגראָבען אַלע נאַרישע געשלעכטליכע פאָראורטהיילע.

צו זי האָט יענעם געליעבט? זי האָט זיך פערטראַכט. אָ, יא! געליעבט, נאָך ווי געליעבט. „איינער" ציטערט אויף אין גאַנצען, אָבער ער קאָנטראָלירט זיך. די קלייניגקע איינצעלהיי־טען? אַך, זיי זיינען דאָך שטענדיג אַלץ איינס. זי לאַכט. ער, פערשטעהט זיך, לאַכט אויך. און דערנאָך בעט ער, זי זאָל פון דעסטוועגען דערצעהלען פון אַלץ מיט די סאַמע מינדעסטע איינ־צעלהייטען, ווייל אייגענטליך ווערט זי דאָך דורך דעם נאָך טהייי־ערער און נעהענטער צו איהם, וואָרים ער ווערט דאָך בעקאַנט,

אויף אזא אופן, מיט די פערבארגענסטע געהיימניסע פון איהר הארץ... זי קווינקעלט זיך א ביסעל, און סוף כל סוף דערצעהלט זי איהם אלץ. יענער געהיימניספאלער שאטין, אלזא, האט ביי איהר געבעטען זי זאל איהם געבען א ממשות'דיגען — כע, כע, — שעהנעם בעוויז פון איהר ליעבע. איהר הערט זיך נאר גוט איין, הערר טשערסקי, אין וואס פאר א דעליקאטע, פערשטעלטע אויסדריקע איך וועל עס אייך אלץ דערצעהלען.

זי האט פערשטאנען, אז דאס — צו פערשטעהט איהר נאר דיעזען געהיימניספולען, מיסטישען „דאס" — איז דער איינציגער ממשות'דיגער בעוויז פון ליעבע.

ביי הערר „איינער" האט זיך פון האלז ארויסגעריסען אזעלכע מאדנע אונצוטהיילבארע טענער, א מין פייפען, דער שד אליין וואלט ניט צונומען וואס דאס זיינען פאר א טענער, — נאר ער פערמאסקירט זיי אין א פלוצלונגען הוסט.

יענער, אלזא האט ביי איהר „דיעזעס" געבעטען. זי מוז, געוויס, זיך גוט בעקלעהרען בעפאר זי נעהמט אן אזא שריט, — האט ער איהר אליין געראטהען. איהר בערעכענט נאר וואס פאר א תהום פון חכמה און יושר יענער שאטין בעזיצט.

— און דו, פערשטעהסט זיך, האסט גאר פון קיין זאך ניט געקלעהרט גראדע דעמאלט, ווען דו האסט געדארפט אזוי גרינדליך בעקלעהרען דיין ערשטען „דיעזעס"? „איינער" איז דאך א וואהרער פסיכאלאג.

— ניין, איך האב געפיהלט, אז דאס וועט אלץ איינס געשעהן. ס'איז ניט געווען איבער וואס צו טראכטען, — דאס איז געווען אונפערמיידליך.

— פאר ווע מען? פאר דיר, אדער פאר איהם? און ביי דיעזער פראגע ציטערט ער אין גאנצען פון אויפרעגונג. איהם האט זיך שרעקליך געוואלט אזא ווילדען ברומען ארויסלאזען, אז אלע אדערען אין זיינע לונגען זאלען פלאצען. פאר וואס? דאס האט ער אליין ניט געוואוסט.

זי האט ניט גאר ריכטיג פערשטאנען זיין ציניש פראגע און האט א קוק געגעבען אויף איהם מיט אויגען, ווייסט איהר

מיט´אזעלכע אויגען, וועלכע דריקען אויס בלויז אַ בריהענדען, מיס־טרויליכען, עטוואָס פערעכטליכען פראַגע־צייכען.

אָבער „איינער“ האָט שוין דערווייל צוריק זיך בעהערשט. שיער האָט ער ניט אויפגעוועקט אין איהר וועלכען חשד. ניין, איצט וועט ער שוין זיין פאָרזיכטיגער.

נו, און ער צופרעגט זיך ווייטער. געוויס, מיט גרויס עדעל־קייט, מיט אַ מינע פון אבסאָלוטער גלייכגילטיגקייט. און ענדליך ווייסט ער אַלץ. די דינאַמישע טעכניק פון ליעבע איז דאָך אימער איינע און די זעלבע. עס זיינען פאַראַן אין איהר געוויסע מאָ־מענטען, וועלכע זיינען די זעלבע ביי אַלע, סיי ביים פריץ און סיי ביים פויער... כע, כע, כע...

אָבער דער בעכער ווערט ענדליך איבערפילט. „איינער“ פיהלט אַ ליידענשאַפטליכען, אונבעזיעגבאַרען וואונש זיך אַרויפ־צוואַרפען אויף דיעזער פרוי, צו דער ערד זי שליידערען, מיט די פיס זי טרעטען, ביז טויט מיט די קולאַקעס זי שלאָגען...

— נו, און ער האָט עס געטהאָן?

— ווייס´יך וואָס איהר פרעגט, הערר טשערסקי! ביי איהם איז בלויז אַזאַ וואונש געווען, אָבער דורכצופיהרען איהם אין טהאַט, אָה, דערצו האָט ער צופיעל פערנונפט. כע, כע...

אָך, ענטשולדיגט, איך האָב אייך ניט פערשטאַנען. איהר, אַלס פילאַנטראָפּ, האָט בלויז געפרעגט פאַרוואָס האָט „איינער“ גאָר געוואָלט טהאָן אַזאַ זאַך?

פאַרוואָס? דעם אמת זאָגענדיג האָט ער עס אַליין אויך ניט געוואוסט.

אָט זעהט איהר, דאָס אַלעס וואָלט געווען שרעקליך לעכערליך, ווען דאָס וואָלט צו דערזעלבער צייט ניט געווען אַזוי טראַגיש.

יענע קליינינקע וואונד וואַקסט אונגעוועהנליך שנעל. דיעזער געפיהל ווערט אומגעוואַנדעלט אין אַ מין זאָנדערבאַרע פלאַנצע, וועלכע זויגט זיך אריין מיט איהרע מיליאָנען דיגינקע, לאַנגינקע וואָרצעלאָך אַלץ טיעפער און טיעפער אין זיין נשמה. כאַ, כאַ, כאַ...

פאַרוואָס ער לאַכט אַזוי אונאַנגענעהם? שוין־זשע פערשטעהט איהר ניט, צום טייפעל, אַז מען קען דאָ שטאַרבען פון געלעכטער?

און דיזער זעהר אנגענעהמער געפיהל וואקסט זיך אזוי און ענטוויקעלט זיך גאר אהן א סוף. הערר „איינעם'ס“ פאנטאזיע ווערט אויפגערעגט ביז דער העכסטער מדרגה. זי ווערט מיט א מאל אזוי פרעכטיג, ווי א ווילד צוואוואקסענער וואלד; בויגזאם און ערפינדליך, ווי עדיסאן'ס מארך; שארף און גיפטיג ווי אן אינדיאנער'ס פערגיפטעטע פייל; געדולדיג און איינגעהאלטען, ווי סאקראטוס, וועלכער איז א גאנצע נאכט געשטאנען אונטער'ן אפענעם הימעל מיט בארוויסע פים און האט ניט בעמערקט אז ס'שנעהט.

דענקט איהר ניט, איבריגענס, אז סאקראטוס האט דא א ביי־סעלע פאזירט?...

הערר „איינער“, אלזא, מאהלט זיך זיין בילד מיט אלע ברע־קעלעך. זיי זיינעןביידע געזעסען אין צימער. ער האט פער־שפארט די טהיר אויפ'ן שלאס, האט א פרואוו געטהאן דאס הענ־טעל צו זעהן, אויב די טהיר איז גוט פערשפארט. זי האט דער־ווייל געקאמט איהרע האר, — איזא האט דאך ניט וואס צו איילען זיך — דערנאך האט זי גענומען לאנגזאם אויפשפילען איהר בלוזע, און ער דערוויל, אן אויפגערעגטער, א ציטערענדיגער, האט גע־ווארט און געקוקט אויף איהר מיט דורשטיגע בלישטשענדע אויגען...

ניט קיין שלעכטעם בילד, הא?

אדער, גאר אן אנדער דעקאראציע... ער קוקט אויף זיין קינד. און מיט א מאהל — ווי א בליץ לויפט דורך א געדאנק: דורך וואס פאר א נס האט זיך איהר ניט אפגעשטעלט קיין קינד פון יענעם שאטין? און דיזע פראגע, און די מעגליכקייט, וואס אייגענטליך האט זי געקענט זיין מוטער נאך איידער זי האט צו איהם געהערט, רעגט איהם אויף ביז וואהנזין.

אדער — ער לייענט גאר וועלכען נארישען ראמאן, וואו א געוויסע העלדין האט געליעבט צום ערשטען מאל און האט זיך אפגעגעבען צום העלד מיט'ן גאנצען פייער פון איהר יונגפרוי־ליכער נישט בעריהרטער ליידענשאפטליכקייט... בע, בע... טו פאר וואס איז ע ר נישט געוועזען יענער ערשטער?

און דיזע פראגע ברענגט איהם צו דער שווידערליכסטער פערצווייפלונג.

אָדער, ער קוקט גאָר דורך איהרע פריהערינע פהאָטאָ־בילדער. אָט אזוי האָט זי אויסגעזעהן ביז דעם ווי זי האָט אויפגעהערט צו זיין א מיידעל, אָדער אפשר גאָר נאָך דעם? זיכער — ביז. און שעה'ען לאַנג קוקט ער זיך איין אויף די בילדער, פאָרשט זיי פלייסיג, און ליעבט זי אין זיי אזוי שטארק, ליעבט זי מיט אונ־ענדליכען פיין. ווערט ענטציקט פון איהר, בוקט זיך פאר איהר, און בעט צו איהר אין א מין אַגאָניע פון פערצווייפלונג און ווילדען וואהנזין. פארוואָס? פארוואָס האָט ער זי ניט בעקומען אזא ריינע, וואָס ווייסט נאָך פון קיין זינד ניט?

פון אלץ וואָס איך האָב דאָ אָנגעצייכענט פאר אייך אין גראָבע שטריכען, האָט איהר זיך וואהרשיינליך איבערצייגט, אז דער פסיכישער צושטאַנד פון דעם הערר „איינעם" איז ניט קיין זעהר גלענצענדער.

ער פערליערט יעדעס גלייכגעוויכט. ער וויל ארויסרייסען די גיפטיגע פלאַנצונג; אוןווירקליך, ער רייסט ארויס איינינע וואָר־צעלעך, מיט בלוט פערגאָסענע — עס איז שוין אָבער צו שפּעט. ער קען זיך אין קיין פאל ניט בעפרייען פון יענע שרעקליכע בילדער און געשפּענסטער. אין זיין נשמה קאָכט אלעס פון ווילדער אויפרעגונג. צאָרן פערפינסטערט זיין פערשטאַנד. ער קען זיך שוין מעהר ניט צוריהרען צו איהר, ווייל באלד טרעט ארויס פאר זיינע אויגען יענער שאָטין.

זיין נשמה בעדעקט זיך ווי מיט קנייטשען און ווערט גראָה, און צו דערזעלבער צייט ציהט איהם אלץ מעהר צו זיין פרוי און ווי א קראַנקער הונד קריכט ער פאר איהר. איז אויך דיזעס פער־שטענדליך?

פאלק האָט געשריען וויפיעל כח ער האָט געהאָט.

זיינט איהר אימשטאַנד דיזעס צו פערשטעהן? דאָס איז וואהנזין! דאָס איז שוין ניט מעהר קיין שמערץ. דאָס איז, דאָס איז...

און מיט א מאָל האָט ער זיך פאר זיך אליין דערשראָקען.

איהם האָט בעפאַלען אַ צאָרן געגען טשערסקי'ן, וועלכער האָט איהם געצוואונגען דאָס אַלעס נאָך אַ מאָהל דורכצולעבען, נאָך אַ מאָהל צו קאַלופּען די נאָך ניט פערהיילטע וואונדען.

ער איז אומגעלאָפען איבער'ן צימער מיט צונויפגעדריקטע קו־לאַקעס, זיין פערשטאַנד האָט ער שוין גאָר אין גאַנצען ווי פערלאָרען.

פאַרוואָס איך שריי? ווייל ביי מיר איז דאָס הארץ אין קאָנ־וואולסיעס, די נשמה אין שטעבעניש. — אָה, ווען דו וואָלסט איצט דאָ געווען, דו פערפלוכטער פאַנאַטיקער פון אמת — כאַ, כאַ, כאַ... פאַר יאַנינאַ'ן זאָל איך חתונה האָבען! כאַ, כאַ, כאַ...

מיט אַ מאָהל איז ער געבליבען אין גאַנצען אָהן כחות. ער לעבוייז בערוהיגט. ער איז פערזונקען אין אַ מין טיעפער, שלעפּ־פעריגער פערטראַכטקייט.

און באַלד וויעדער אויפגעשפּרונגען.

איצט וועט טשערסקי ענדליך פערשטעהן ווי אַזוי דאָס האָט געקענט פּאַסירען, וואָס ער האָט זיך שטענדיג וויעדער אַ מאָהל און נאָך אַ מאָהל צוריקגעקעהרט צו יאַנינאַ.

און וויעדער האָט ער אַ קוק געגעבען אויף דעם הימעל, אויף דער שווערער, טונקעלער, עפּעס ווי קרענקליכער פערטראַכטקייט פון דעם הימעל און ער האָט דערפיהלט ווי די פערשפּרייטונג איז עפּעס טיעפער, ברייטער געוואָרען און איז אוועק אין דער אונענד־ליכקייט.

ער האָט זיך מיט אָנשטרענגונג צוגעהערט.

עס האָט אויסגעזעהן עפּעס ווי די גרונטלאָזע טיעפענישען פון דער עביגקייט וואָלטען געזונקען נאָך אין אַ גרעסערען תהום, די שרעקליכע שטילקייט פון נאַכט האָט זיך אומגעוואַנדעלט אין אַן אונענדליכען קראַטער, אין וועמעס מויל עס זיינען פערשוואונדען אַלע קלאַגען, אויך די שטערען־שיין, וואָס האָט זיך געגאָסען אין טרויעריגע שטראָמען, די צייט און די גאַנצע וועלט, אַלעס איז אָהן פערשוואונדען, געבליבען איז בלויז דער קראַנקער הימעל, וועלכער האָט זיך ווי אַ פינסטערע דעקע פערשפּרייט איבער זיין אָרימען קאָפּ.

און ער אַליין האָט דאָך אייגענטליך פערשפּרייט דיעזען הי־

מעל איבער זיין קאפ. ער, מיט זיינע אויגען, מיט זיינע הענד האט אויסגעשפרייט איבער דער ערד דיזען בלויען שטח.

ער האט אויפגעשפרונגען.

איהם האט זיך געדוכט, אז די טהיר האט זיך געעפענט און אימיצער איז אריינגעקומען אין צימער.

ניין.

און ווידער האט ער גענומען געהן איבער'ן צימער מיט גי־כע אונרוהיגע שפאן.

שרעקליך שרעקליך איז, וואס אזא זאך קען ביז א זכר פער־ניכטען די זעעלע. פאר וואס? צו וואס? א ווילדער צארן האט איהם בעפאלען.

וואס געהט מיך אן דיזער נארישער „פארוואס“? וואס איז עפעס — בין איך דען מחויב צו לייזען אלערליי רעטענישען? האב איך דען ניט גענוג געגריבעלט זיך אין מיין אייגענער נשמה? האב איך דען ניט ארומגעזוכט אלע פעדאנטישער פינקטליכקייט? אבער צו בין איך דען אימשטאנדע צו פערשטעהן, וואס עס טהוט זיך אויסער די גרענצען פון דיזען נארישען, לעבערליכען בעוואוסט־זיין? הא? שוין־זשע פערשטעהט איהר ניט אז עס קען אנקו־מען א מאמענט פון אזא שארפען האס צום ווייב, דאס מען זאל דערשפירען א פערלאנג צו בעליידיגען, צו בעשמוצען זי דורך פער־העלטניסע מיט אן אנדער פרוי?

ער איז אלץ שנעלער ארומגעלאפען איבער'ן צימער. די אונ־רוהיגקייט האט אלץ געוואקסען און געקאכט אין איהם, און ס'האט זיך איהם געדוכט, אז באלד וועט זיין מארך פלאצען.

און איצט, גראדע איצט, ווען די וואונד האט שוין אנגעהויבען עטוואס צו פערהיילט ווערען, וויל מן פון איהם אפרייסען איזא'ן.

זי וועט געווים אוועקגעהן.

אבער דאס איז אונמעגליך. זי איז דאך פאר איהם אלעס. ער איז צוגעשמידט צו איהר. ער וואלט אהן איהר קיין איין טאג ניט געקענט לעבען...

בלויז איין קלאהרער בעשטימטער געדאנק האט זיך געדרעהט

אין זיין מארך: מען מוז פטור ווערען פון טשערסקי'ן. אבער ווי אזוי? ווי אזוי?

א געפיהל פון טיעפער הילפלאזיגקייט האט איהם אין גאנצען אבגעשוואכט. איצט איז שוין אלעס פערפאלען.

ער האט מיט א מאל ווי אויפגעלעבט דורך א פלוצלונגען געדאנק.

אלגא וועט אלעס פעררוכטען, אלגא, אלגא... דאס איז דער איינציגער אויסוועג.

ער האט זיך שטארק דערפרעהט.

ווי אזוי איז עס איהם פריהער ניט געקומען אויפ'ן געדאנק!

אין פיבערהאפטער איילעניש האט ער אנגעשריבען א לאנגען בריעף האט אריינגעלייגט א קרעדיט־אנווייזונג, האט פער'חתמה'ט דעם קאנווערט, און דערנאך אפגעווארפען זיך אויפ'ן ווענטעל פון שטוהל און געגומען קוקען גלייך אין סטעליע אריין.

און באלד ווידער אויפגעשפרונגען.

ווידער האט ער דערפיהלט א טיעפע פיינדשאפט צו איזא. זי, נור זי אליין איז שולדיג אין אלע זיינע שמערצען, אין אלע זיינע יסורים, אין דעם, וואס ער האט פערלוירען יעדען שפור פון גלויבען, יעדען סימן פון א ציעל אין לעבען.

זי, נור זי איז שולדיג אין דעם, וואס דיזער קרענקליכער געדאנק בויערט זיין מארך און צועסט אלע פערבינדונגען אין זיין עקזיסטענץ.

איזא, איזא... אך, ווען דאס וואלט גאר אין גאנצען ניט געווען! הע הע, הע... נו יא, געוויס, הערר טשערסקי, געוויס, אוינגענשיינליך? נארישקייט, קיין שום אויגענשיינליך. אלעס איז רעטעניש, אונענדליכער פיין איז עס...

אך, בעסער, בעסער וואלט איך שוין דאס אלעס געענדיגט איין מאל פאר אלע מאל...

און א שרעקליכער פיין האט פערדריקט זיין הארץ און ווי מיט שארפע, לאנגע ציינער אריינגעצוויגען זיך אלץ טיעפער און טיעפער...

די נאַכט איז געווען אַזאַ שטיקענדע, אַזאַ אונענדליך טיעפע...
ער איז געבליבען אין גאַנצען אָהן כחות.
די וועלט געהט צו גרונד ! די וועלט געהט אונטער ! אַלעס, אַלעס ווערט חרוב !...

5.

זיינט איהר קראַנק, טשערסקי ?
אַלגאַ איז געווען שטאַרק בעאונרוהיגט.
טשערסקי האָט געקוקט אויף איהר האַלב־צומישט, איהם האָט זיך געדוכט, אַז איצט ערשט האָט ער בעמערקט די אַנוועזענהייט פון נאָך וועמען אין צימער.
— ניין, איך בין ניט קראַנק. אָבער וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט ?
— איהר וואָלט געהאַט חשק צו מאַכען אַן אַגיטאַציאָנס־טור ?
— איך קלעהר שוין וועגען דעם דריי טעג.
— איך האָב געלד פאַר אייך מיט'ן תנאי, דאָס איהר זאָלט זאָפאָרט ארויספאָהרען.
דאָס איז טשערסקי'ן ניט געפעלען געוואָרען.
— איך נעהם נישט אָן קיין שום תנאים. כ'וועל פאָהרען ווען, און וואוהין מיר וועט איינפאַלען.
— איך אָבער קאָן אייך דאָס געלד ניט געבען, סיידען איהר זאָלט באַלד פאָהרען.
— פאַר וואָס עפּעס באַלד ?
ער האָט אויף איהר אַ קוק געגעבען מיט פערדאַכט.
— ניט שפּעטער ווי אין צוויי טעג אַרום מוזט איהר אַריבער־פיהרען איבער דער גרענעץ אַ טראַנספּאָרט ליטעראַטור. מ'וואַרט שוין דערויף צוויי חדשים.
— נישט צוליעב דעם לעב איך אויף דער וועלט, אַז איך זאָל בעדיענען וועלכע ניט איז פּאַרטיי ; כ'האָב קיין שום געשעפטען ניט מיט קיין שום פּאַרטייען ; איך אַליין בין מיין אייגענע פּאַרטיי.

אָלגאַ האָט פּערטראַכט געקוקט אויף איהם.

— איהר זיינט, ווי איך זעה, אין גאַנצען געוואָרען אַן אַנאַר־כיסט ?

— איך בין נישט קיין אַנאַרכיסט און נישט קיין סאָציאַליסט — איבערהויפּט נישט קיין „איסט". איך בין פאַר זיך אַליין אַ פּאַרטיי.

— אָבער אייערע אַנשויאונגען זיינען אַנאַרכיסטישע.

— ס'איז נישט מיין דאגה וואָס צופעליג דערנעהערט זיך די אָדער יענע אַנשויאונג מיינע צו דער אָדער יענער פּאַרטיי ; איך וועל אָבער קיינמאָל ניט דערלאָזען אַז וועלכע ניט איז פּאַרטיי זאָל מיך קאָנען רעכענען אַלס איהרען אַ מיטגליעד.

ער האָט זיך פערטראַכט.

— איהר ווילט, אַלזאָ, ניט פאָהרען ?

— זיינען מיט דעם געלד נאָך וועלכע אַנדערע בעדינגונגען פּערבונדען ?

— ניין.

ער האָט זיך אויף אַ מינוט פּערקלערט.

— נו, איך קאָן, איבעריגענס, דיזע ביכער אַריבערפיהרען איבער'ן גרענעץ. אָבער איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל אַז קיינע פּראָ־גראַמען, קיינע פּאַרטייען אַנערקען איך ניט, קיינעמ'ס בעפעהלע פּאָלג איך ניט, און קיין שום תנאים נעהם איך ניט אָן.

— איהר דערצעהלט מיר אַפילו זעהר אינטערעסאַנטע זאַכען, מיר אָבער האָט מען בעפוילען יעדענפאַלס אייך דאָס געלד איבער־געבען !

טשערסקי האָט ווידער מיט חשד אַ קוק געגעבען אויף איהר.

— זאָגט מיר נאָך וואָס : פאַלק שיקט דאָס געלד, כדי פּטור צו ווערען פון מיר ?

— פון וואַנען ווייסט איהר עס ?

— כ'האָב מיט איהם נעכטען געהאַט אַ געשפּרעך.

— מיט וועמען ? מיט פאַלק'ען ?

— יאָ.

טשערסקי האָט זיך טיעף פּערטראַכט.

— זאָגט מיר נאָך אַ וואָס: פאַלק ליעבט, דאַכט זיך, זעהר שטאַרק זיין פרוי?

— יאַ.

— אָבער — איך מיין — ערקלעהרט מיר: איהר פער־שטעהט — ווי אַזוי־זשע קען ער צו דערזעלבער צייט האָבען אויך אַ געליעבטע? די גאַנצע נאַכט האָב איך וועגען דעם געטראַכט.

אָלגאַ האָט מיט שרעק געקוקט אויף איהם. איז ווירקליך טשערסקי'ס פערשטאַנד געריהרט געוואָרען אין טורמע?

— אַ געליעבטע, האָט איהר געזאָגט? ניין, דאָס איז אונ־מעגליך.

—יאַ, אַ געליעבטע... וועלכע איז פריהער געוועזן מיין כלה...

— מאַדאַם קרוק?

— יאַ; זי האָט גראָד איצט אַ זוהן געבוירען.

אָלגאַ איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. זי האָט געפרופט בעהאַלטען איהר אויפרעגונג, אָבער איהרע הענד האָבען געציטערט, און זי האָט געפיהלט ווי דאָס גאַנצע בלוט האָט צום הארצען גע־פלאָסען. טשערסקי האָט עס ווי ניט בעמערקט. ער איז אומגע־גאַנגען איבער'ן צימער טיעף פערטראַכט.

—יאַ, דאָס האָט מיר פערשאַפט ליידען שרעקליכע ליידען, איך האָב עס אָבער גובר געווען. צוערשט, ווען זי האָט אויפגע־הערט קומען צו מיר אין טורמע, האָב איך שרעקליך געליטען.... אָה, זעהר געליטען... — האָט ער איבערגע'חזר'ט... — איך האָב אָבער זיך זעלבסט בייגעקומען... און כ'האָב גוט געטהאָן: איצט שטעהט שוין קיין זאַך ניט צווישען מיר און דער אידעע, פאַר וועלכער איך וויל לעבען.

ער האָט געשוויגען אַ ווײלע.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך איבערגעגעבען צו דיזען גע־פיהל מיט דריי טעג צוריק, ווען מען האָט מיך נאָר וואָס בעפרייט פון טורמע. איך האָב געפיהלט אַ שרעקליכע פיינדשאַפט צו פאַלק'ען. איך האָב געוואָלט צו שאַנד מאַכען איהם, איהם אונ־גליקליך מאַכען, האָב איך זיך אָבער פלוצלונג דערשראָקען, אויב צווישען מיר און דער אידעע האָט זיך ניט אריינגעשניטען וועל־

בער סלופּ, און ווידער אַמאָל האָב איך אין זיך אַלעס אונטער־דריקט. און דאָס איז גוט זעהר גוט... פּאָלק מוז אודאי ווערען פּטור ווערען פון מיר. אָבער ער האָט שוין ניט וואָס מורא צו האָבען פאר מיר. זאָגט עס איהם, ווען איהר וועט איהם בעגעגע־נען !...

ער האָט מיט אַמאָל שארף אַ קוק געגעבען אויף אָלגאַ'ן.

— איהר גלויבט אַז פּאָלק האָט געשיקט דאָס געלד פּטור צו ווערען פון מיר?

— ווען האָט איהר מיט איהם גערעדט?

— נעכטען.

— באַלד אזוי גלויב איך עס זיכער ניט. ער האָט נאָר גע־וואַרט ביז מען וועט אייך בעפרייען. ער איז פון אַ זעהר הויכער מיינונג וועגען אייך.

— ער איז דאָך אָבער אַ לומפּ — דער גרעסטער לומפּ.

— איהר האָט אַ טעות, פּאָלק איז שוין גאָר קיין לומפּ ניט.

אָלגאַ האָט עס אַרויסגערעדט אין אַ קאַלטען, אָבשטויסענדען טאָן.

טשערסקי האָט ווידער שארף אַ קוק געגעבען אויף איהר, נאָר האָט גאָר נישט געענטפערט.

ער איז אַ ווײַלע אומגעגאַנגען איבער'ן צימער שטאַרק פער־טראַכט.

— האָט ער דאָס אָנגעשריבען די פאַלשע בוללא פון פּאַפּסט פּיאי פאר אַגיטאַציע אין די דערפער? — האָט ער מיט אַמאָל אַ פרעג געטהאָן.

— ער.

— אַן אויסגעצייכענטע פּראָקלאַמאַציע. אויסגעצייכענט גע־שריבען; אָבער איך רעכען, אַז ער בעציהט זיך ניט ערנסט צו דער זאַך.

— גלאַט ס'איז פאַר איהם אַ מין ספּאָרט. עקספּערימענ־טען מאַכט ער. איהם ווילט זיך קונה שם זיין אין דער ליטעראַ־רישער וועלט.

אָלגאַ האָט געשוויגען.

— איז עס אפשר ניט אמת? איהר קאָנט דאָך איהם גוט. איהר ענטפערט ניט. איהר שווייגט? חע, חע... פאַלק זוכט גע־פאהר; כ׳גלויב, ער וואָלט גערן געלאָזט אריינזעצען זיך אין טיור־מע, אָבער נישט אויס הייסען גלויבען אין דער זאַך, צוליעב וועל־כער ער געהט בודאי אין געפענגנים, נאָר אלס א מין אָבקומעניש פאר זיינע זינד.

טשערסקי איז געוואָרען אַלץ לעבעדיגער.

— פריהער פלעג איך אָפט קריגען פון איהם בריעף. אָה, דאָס איז א שרעקליך דורכדריגענדער און קלוגער מענש. ער טראָגט אין זיך זעהר פיעל פיינדשאַפט, און מעגליך, אז אויך זעהר פיעל ליעבשאַפט. אָבער צו דער מינוט זעה איך איין זאַך קלאָר אז אַלעס וואָס ער טהוט איצט, איז אויס פערצווייפלונג. ער וויל זיך ראַטעווען, און מיט מסירת נפש זוכט ער הילף. אָבער גלויבען גלויבט ער אבסאָלוט אין גאָר נישט... אָה, דאָס איז א זעהר געשיקטער מענש; נעכטען האָב איך זיך געפּרואווט איהם בעליידיגען, ערשט ער האָט זיך נאָך פון מיר אויסגעלאַכט — ער איז געוועזען זעהר גיפטיג און שאַרפזיניג...

טשערסקי איז מיט אמאָל שווייגען געבליבען.

— וועט איהר אפשר טרינקען טהעע?

— מיט פערגעניגען.

ער האָט לאנגזאם גענומען וואַרפען קוילען אין סאַמאָוואַר.

— איהר האָט געזעהען מאדאם קרוק?

— געזעהן, באַלד ווי איך בין פון טיורמע ארויס... זי ווייסט ניט, אז פאַלק איז פערהייראַטעט.

— ווייסט ניט?

— ניין! ער האָט זי אָפּגענאַרט. זיין גאַנץ לעבען איז איין קייט פון ליגען און נאַרעריי.

אָלגאַ איז געוועזען שטאַרק אויפגערעגט. זי האָט ניט געקענט מעהר זיצען. זי איז אויפגעשטאַנען.

— נו, כ׳קאָן לענגער ניט פערבלייבען ביי אייך.

— אָה, בלייבט, בלייבט — איך האָב דאָך אָנדערהאַלבען

יאָהר פערבראַכט אין שרעקליכער איינזאַמקייט, און איצט פרעהט מיך אזוי, ווען נעבען מיר איז דאָ אימיצער.

ער האָט א קוק נעגעבען אויף איהר מיט אזא גנבעט.

אָלגא האָט זיך בעהערשט און ווידער געזעצט זיך.

— אייך מוזען ערגערען מיינע ווערטער... יא יא, מיר אַלע האָבען ערוואַרטעט פון איהם עטוואָס גאַנץ אַנדערעס... הם, דאָס איז זעהר גוט, וואָס ער האָט געשיקט געלד. וויפיעל־זשע איז דאָ פאַראַן?

— פינף הונדערט מאַרק.

— דאָס איז פיעל, זעהר פיעל. מיט אזא סומע קען מען א סך אויפטהאָן...

ביידע האָבען געשוויגען.

— איז עס אמת, אז איהר האָט, ווי קוניצקי דערצעהלט, צו־זאַמען מיט סטעפאַן קרוק בעראַבעוועט די שטאָדט־קאַסע אין א דערבייאיגע שטאָדט?

— אמת.

— בענוצט איהר זיך, הייסט עס, ווירקליך מיט אַנאַרכיס־טישע מעטאָדען?

— פאַר מיר זיינען אַלע מיטלען גוט, אויב נאָר מיין אידעע פאָדערט עס. עס איז גאָר ניט קיין אַנאַרכיסטישע מעטאָדע. און דערצו נאָך מוז איך אייך זאָגען, אז איך האָב דאָס געלד ניט גע׳גנב׳עט, נאָר גענומען עס אויף געזעצליכע גרינדע. דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד. איך בין בעגאַנגען דיזען טהאַט מיט טיעפער איבערצייגונג, אז איך האָב א פאָלשטענדיגעס רעכט צו טהאָן אזוי.

— איהר זאָגט, אַלזאָ, אז מען מעג גנב׳ענען זאָלאנג די אי־דעע פאָדערט עס?

— ניין, ניט גנב׳ענען, דאָס האָב איך ניט געזאָגט. ווי איך זעה, לעבט אין אייער געדאַנק בלויז דער יוריסטישער בעגריעף איבער פערברעכען. ווען אָבער איך זאָג צו מיר אַליין, אז איך האָב א רעכט צו טהאָן א געוויסע זאַך, ווען איך בעגעה א געוויסע טהאַט מיט׳ן פולען בעוואוסטזיין און טיעפען גלויבען, אז וואָס

איך טהו, איז גוט, און מיר פאַלט גאָר ניט איין צו צווייפלען אין דעם, — דעמאָלט איז גנבה קיין גנבה ניט און קיין פערברעכען ניט.

— ביי איך, אלזאַ, קומט אויס, אז דער איינציגער קריטעריום פון פערברעכען איז דער סוביעקטיווער קריטעריום, דער נישט ריי־נער געוויסען?

— יאָ.

אַלגאַ האָט געהערט צושטרייט.

— איהר גלויבט אין גאָט? — האָט זי פּלוצלונג געפּרעגט.

טשערסקי איז מיט אמאָל לעבעדיג געוואָרען.

— איך גלויב אין יעזוס קריסטוס, דעם מענשליכען זוהן... אָבער רייסט מיך ניט איבער. וואָס אייגענטליך בעשטימט א געוויסען געפיהל אלס אנגענעהם? זיכער נישט דאָס וואָס ער אליין אלס אזעלכער איז אנגענעהם. סוף כל סוף ווערט דער עצם פון וועלכען ניט איז געפיהל בעשטימט דורך זיין דויערהאַפטס־קראַפט.

— פּאַלגליך, וואָלט איהר זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום פערברעכען?

— ניין, ניט קיין פערברעכען, — האָט טשערסקי מיט היץ איבערגעשלאָגען, — איך וועל זיך גאָר ניט אָפּשטעלען פאַר קיין שום טהאַט, קוים איז ער אימשטאַנד צו פערווירקליכען מיין אידעע.

— און אויב אייערע אידעען זיינען פאַלשע?

— זיי קענען ניט זיין פאַלש, ווייל זיי זיינען בעגרינדעט אויף דעם איינציגען ווירקליכען אמת — אויף ליעבשאַפט.

— און אויב אייערע מיטלען זיינען פאַלשע?

— אויך זיי קענען ניט זיין פאַלש, ווייל זיי ווערען געריב־טעט פון ליעבע. און איבריגענס מיין איך גאָר ניט צו בענוצען זיך מיט געוואַלט־מיטלען אפילו דעמאָלט ווען איך זאָל אנערקענען די אונפערמיידליכקייט פון אזא זאַך. ביי מיר איז ניטאָ קיין פּראָגראַם ווי ביי די אנארכיסטען. איך וויל ניט געברויכען קיין געוואַלט, און קיין שום פּאַרטיי אויף וועמעס פּראָגראַם עס איז

אויפגעשריבען די פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט, וועט מיך ניט קענען צורעכנענען צו איהרע אנהענגער.

— איהר זיינט זעהר שטאָלץ.

— כלל ניט! אָבער איך עקזיסטיר נור אין מיינע האַנדלונגען. איך האָב דאָך דיזעס גרויסע רעכט: עקזיסטירען. און מיין עקזיסטענץ — זיינען מיינע האַנדלונגען. אין דעם ליעגט מיין גאַנצער שטאָלץ; איך הער אויף צו עקזיסטירען אזוי גיך ווי איך הויב אָן אויסצופיהרען פּרעמדע בעפעהלע.

— דאָס אַלעס איז שוין געזאָגט געוואָרען פאַר אייך און פיעל בעסער.

— מעגליך, זעהר מעגליך. איך אָבער בין דערצו געקומען ערשט זיצענדיג אין טיורמע. מיט גרויס מיה האָב איך זיך דערטראַכט צו דיזען געדאַנק און ער איז דעריבער געוואָרען מיין אייגענטהום. פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין דער פּאַרטיי, בין איך אָפּגעוואוינט געוואָרען פון קלעהרען, און איצט האָב איך זיך פון אַלעם אָפּגעזאָגט כדי איך זאָל קענען זיין וואָס איך בין און האַנדלען לויט מיינע אייגענע געדאַנקען.

— טו וואָס רעכענט איהר איצט טהאָן

— לערנען די מענשען צו אָפּפערען מיט זיך זעלבסט.

אָלגאַ האָט א קוק געגעבען אויף איהם מיט א פּראַגע־בליק.

— צו גענען אָפּפערען מיט זיך — דאָס איז דאָס ערשטע וואָס די זאַך פאָדערט. און איך וועל זיי לערנען צו דורשטען און שעפּען פערגעניגען פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

— אָבער כדי צו אָפּפערען מיט זיך מוז מען פריהער גלויבען אין דעם צוועק פון דיזען אָפּפער.

— כלל נישט! זעלבסט־אויפאָפּפערונג קומט נישט פון גלויבען, נאָר פון בעגייסטערונג. נור פון דעם קומט עס. ביי אַלע פּאַרטייען איז פאַראַן גלויבען, ס'איז אָבער ניטאָ קיין בעגייסטערונג, און אפילו קיין גלויבען האָבען זיי שוין אויך ניט, בלויז דאָגמעס האָבען זיך ביי זיי אָפּגעשטעלט. די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ווי פערגליווערט געוואָרען, זי האָט אָנגעוואָהרען איהר לעבהאַפטיגקייט, ווייל די דאָגמאַ האָט עס אין

איהר געטויטעט. איצט איז שוין די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גע־וואָרען דאָס זעלבע וואָס דער קאַטאָליציזם איז סוף כל סוף גע־וואָרען — א טויטער גלויבען, א דאָגמע אָהן שום בעגייסטערונג, אָהן דער פעהיגקייט צו אָפּפערען מיט זיך. וועט זיך דען איצט געפינען א מענש וואָס זאָל זיך אָפּגעבען צו די שרעקליכסטע יסורים פאַר זיין גאָט? ניין. צו וועט זיך דען געפינען א סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער זאָל, ניט פערקלעהרענדיג זיך אויף א מינוט, לעגען זיין קאָפּ פאַר זיין אידעע? ניין! אַלע האָבען זיך בעזאָרגט מיט א מין רוהיגען, בעקוועמען גלויבען, — א כינעזישע וואַנד האָבען זיי געמאַכט פאַר זיך פון זייערע דאָגמען, איבער וועל־כער זיי קענען ניט אריבערשפּאַנען און ניט זיי ווילען עס גאָר. איך, אָבער, וויל בעשאַפען א הייסען פלאַמענדען, פייערדיגען גלוי־בען, אזעלכען וואָס האָט שוין גאָר אויפגעהערט צו זיין א גלויבען, וואָס האָט זיך אומגעוואַנדעלט אין א בעגייסטערונג, אין אן עקס־טאַז, א פייער, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט דורשט נאָך אָפּ־פער און זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

ער האָט גערעדט מיט פייער, זיינע אויגען האָבען געברענט, זיין געזיכט האָט געשטראַהלט.

— איהר האָפט אַלזאָ אויפ'ן המון'ס פאַנאַטיזם אויס האָס?

— אויף זיין פאַנאַטיזם אויס ליעבשאַפט, — האָט ער מיט היץ אויסגעשריען, — יענער פאַנאַטיזם אויס ליעבשאַפט צו דער אונענדליכקייט פון דעם מענשליכען דור, ליעבשאַפט צו דער איי־ביגקייט פון לעבען, צו יענעם גרויסען געדאַנק, אז איך און אַלץ וואָס לעבט — איז עטוואָס אונצוטהיילבאַרעס, גאַנצעס...

און טשערסקי האָט גענומען ענטוויקלען דיעזען געדאַנק אַלץ אין נייע וואַריאַציעס.

— איך וועל ניט קומען דערצעהלען זיי: אָפּפערט מיט זיך, כדי אייערע קינדער זאָלען דורך דעם גליקליך זיין; איך וועל ניט זאָגען: אָפּפערט מיט זיך, כדי אייך זאָל זיך לעבען בעסער ווי ביז איצט. איך וועל פערדיגען דאָס גליק פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג און אָפּפער אָהן א שום ציעל, אָהן אירגענד אן אויסקוק אויף שכר אין דער צוקונפט.

די מענשהייט בעזיצט אונענדליכען דורשט נאך זעלבסט־אויפ־אפפערונג און אפפער, אבער דיעזער דורשט ווערט געטויטעט פון דער זאטער קירכע און דעם זאטען סאציאליזם. די מענשהייט האט פערגעסען דאס גליק פון זעלבסט־אויפאפפערונג; צום לעצ־טען מאל האט זי עס געשפירט אין דער צייט פון די גרויסע רע־וואלוציאנען, אין דער ציעללאזער קאמונע נאר כדי צו פול־טרינקען זיך מיט דער זיסקייט פון זעלבסט־אויפאפפערונג. אבער מיט מיינע טהאטען וועל איך איהם אן דיעזען גליק דערמאהנען.

ער האט מיט אמאל איבערגעהאקט און מיסטרויליך א קוק געגעבען אויף אלגא.

— איהר, מעגליך, קוקט אויף מיר פשוט ווי אויף א משוגענעם פאנטאזיאר?

— אה, ניין. אלעס וואס איהר רעדט איז וואונדערליך שעהן. איך פערשטעה אייך זעהר גוט.

זי האט זיך פערטראכט.

לאנג האט זיך געצויגען דאס שווייגען.

— יא, יא, איהר האט רעכט, ווען איהר זאגט, אז דאס אלעס איז שוין געזאגט געווארען פריהער און בעסער. די זעלבע אידעען האט דאס פאלק אזוי שעהן ענטוויקעלט צום לעצטען קאנ־גרעס אין פאריז. דעם הייסעסטען וואונש האב איך דעמאלט גע־האט קושען איהם זיינע הענד...

און מיט אמאל האט זיך זיין געזיכט ווי פערוואלקענט.

— אבער דאס אלעס האט זיך ביי איהם אויסגעגאסען ניט פון הארצען. דאס האט זיין מארך אויסגעקלעהרט. זיין הארץ האט דערביי ניט געברענט מיט דעם הייליגען פייער פון ליעבע... אה, ניין, ניין... ווי קען מען עס אויסדריקען אזעלכע געדאנקען און ניט בעגראבען זיך דערביי פון שאנדע פאר דער פעהיגקייט צו זאגען דאס אלעס מיט א קאלטער רוהיגקייט. אט זעהט איהר, די אונפערשעמטקייט פון זיין מארך, און דעריבער איז עס טאקע וואס ער ציטערט ניט און פלאטערט ניט ביי אזעלכע געדאנקען... יא, זיין מארך ווייס קיין שאנד ניט. ער — איז א שלעכטער מענש. ער איז נישט ריין גענוג פאר אזעלכע געדאנקען. פאר

אזא זאך דארף מען זיין א יעזוס, א יעזוס קריסטוס, א גאט, א הייליגער קוואל פון גליק און זעלבסט־אויפאפפערונג.

— איהר האט זיך שטארק געביטען. איבריגענס האט איך איך גאר ניט געקענט אויך. און קוניצקי האט געגעבען זעהר שלעכטע מיינונגען וועגען אייך.

זי איז אויפגעשטאנען און האט געקוקט עטוואס מיט שרעק אויף איהם.

זיין גאנצע אויסגעדארטע, עפּעס ווי רוחניות׳דיגע פיגור, האט ווי ארויסגעגעבען פון זיך א מין לייכטונג, א שיין. קיינמאל האט זי נאך אזעלכעס ניט געזעהן.

— איהר מוזט זיך באטש וויפיעל ניט איז אפּהיטען. איהר זיינט קראנק.

— ניין, איך בין ניט קראנק. איך בין גליקליך.

ער האט זיך פערטראכט.

— נעכטען נאך בין איך געווען א נישטיגע, שוואכע בריאה, אבער דאס איז שוין פאראיבער — אוועק...

6.

פאלק האט געהערט מיט נערוועזע אונרוהיגקייט. אלגא האט טרוקענע רצעהלט וועגען איהר וויזיט צו טשערסקי׳ן.

— טשערסקי איז א פאנטאזיאר, — האט ער צום סוף א זאג געטהאן. — ביי איהם אין קאפּ האט זיך אלעס איבערגעפּלאנ־טערט. אפשר האט ער חשק צו בויען פאנטאסמען נאך פוריע׳ס מוסטער... כע, כע, צו טיעף האט זיך ביי איהם אין קאפּ אריינ־געזעצט באקונין.

— איך גלויב ניט, אז ער זאל זיין אן אוטאפּיסט, — האט אלגא קאלט געענטפערט, — זיינע געדאנקען זיינען אפשר ניט זעהר קלאהר, ניט גענוג בעשטימט. זיי זיינען אבער אריגינעל און ניט אהן שאנסען אויף פערווירקליכונג.

פאלק האט קרומליך פון אונטער די ברעם א קוק געגעבען אויף איהר.

— הם, הם... גאר אזוי? מעגליך, מעגליך... מיר איז שוין

דאָס אַליין טיעף סימפּאַטיש, וואָס ער שטעלט זיך געגען דעם אָפיציעלען קאָדעקס... אָבער זאָג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהם און קוניצקי'ן?

— קוניצקי האָט אויף אַ דועל אין צוריק מיט צוויי יאָהר צוריק דערשאָסען אַ רוסישען סטודענט.

— אויף אַ דועל.

— יאָ. איז עס ניט עפּעס אַ ביסעל מאָדנע פאַר אַ סאָציאַ־ליסט? און טשערסקי האָט נאָך אין דעם זעלבען אבענד איהם אָראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש ערגעץ אויף אַ פערזאַמלונג.

— פאַר וואָס?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער בעשטראָפט ניט דערמיט קוניצ־קי'ן, נאָר די אָנגרייפונג פון דעם ערשטען פּרינציפּ אין דער פּאַרטיי.

פאלק האָט גיפטיג געלאַכט.

— אויסגעצייכענט! און קוניצקי וואָס האָט געטהאָן?

— וואָס האָט ער געקאָנט טהאָן. ער האָט דאָך ניט געקענט דער'הרג'ענען טשערסקי'ן.

— אַ מערקווירדיגער פאַנאַטיק! אָבער איצט וויל ער שוין גאָר ניט האָבען צו טהאָן מיט דער פּאַרטיי?

— יאָ.

פאלק האָט זיך פערטראַכט.

— מיין האנדלונג — מיין עקזיסטענץ, אַזוי דאָך? דאָס האָט ער געזאָגט... הם, הם...

אָלגאַ האָט געקוקט אויף איהם דורכדרינגענד...

— זאָג מיר, פאלק, בעציהסטו זיך ערנסט צו אונזער זאַך?

— פאַרוואָס פרעגסטו עס?

— דערפאַר, ווייל איך וואָלט עס געוואָלט וויסען אויף קלאָהר. זי איז געוועזען שטאַרק אויפגערעגט.

— וואָלסטו געוואָלט וויסען? גוט נו. די גאַנצע זאָגענאַנ־טע „זאַך" אייערע איז פאַר מיר פון קיין שום בעדייטונג נישט. וואָס פאַר געמיינשאַפטליכעס האָב איך מיט דעם? די מענשהייט? ווער איז די מענשהייט? וואָס איז די מענשהייט? איך וויים ווער דו ביסט, ווער מיין פרוי איז, און אפשר נאָך צוויי־דריי

מענשען אָבער די מענשהייט — מענשהייט, — איך ווייס ניט וואָס דאָס איז.

— טו צו וואָס שרייבסטו פּראָקלאַמאַציעס, אַלערליי פלוג־בלעטלאך, און ווארום גיסטו געלד אויף אַגיטאַציע? צו וואָס?...

— דאָס טהו איך כלל ניט פאַר וועלכער ניט איז מענש־הייט דאַרט... — האָט פּאַלק מיט היץ זי אונטערבראָכען — כאַ, כאַ, כאַ... ווי נאַאיוו דו ביסט! שוין־זשע פערשטעהסטו ניט וואָס פאַר א פערגעניגען עס איז דורכוואַשען א ביסעל די אויגען פון דיעזע אונגליקליכע, בלינדע ארבייטער־בהמות? וואָס פאַר א פער־געניגען עס איז צו בעאָבאכטען ווי שטופּענווייז הויבען זיי אָן זעהן — ווי זיי ווערען ענדליך אין גאַנצען זעהענדיג, ווי זיי ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר, וואָס מעהר זיי זעהען איין די אונגע־רעכטיגקייט און ארמוטה, אין וועלכען זיי לעבען. היינט דאָס מאַיעסטעטישע בילד, ווען זיי ווארפען אראָפּ פון זיך דעם יאָך און מיט א צורייצטקייט פון שפּאַנישע בופלאַקסען, מיט אָנגע־שטעלטע הערנער, ווארפען זיי זיך אויפ׳ן האר וועלכער האָט ביז איצט אזוי אונבעשטראָפט עקספּלואַטירט זיי, און ער איז שוין אזוי געוואוינט געוואָרען צו זייער קנעכטישער געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניגקייט... איז עס דען ניט דאָס גרעסטע פערגעניגען צו זעהן, ווי דער הערשער, וואָס האָט ביז איצט געוועלטיגט אונבע־גרענעצט, ווערט איצט מיט אַמאָל בעטויבט פון איבערראַשונג, דערנאָך בעפאַלט איהם א מין הילפלאָזער צאָרן, ער פאָדערט מי־ליטער, פאָדערט שטראָף פאר זיינע ווידערשפּעניגע קנעכט... כאַ, כאַ, כאַ...

יאָ, דיזער אונגעהייער גרויסער פערגעניגען פון אָנרייצען דעם בופלאַקס אויפ׳ן הונט... כאַ כאַ, כאַ... אָט קוק, דאָ ליעגט דער בילל פון די אויסגעהייערע אויסגאַבען אויף דעם לעצטען סטרייק פון די סיליעזער מינען־ארבייטער. איך האָב מיין גאַנץ פערמע־גען, אָדער גיכער מיין ווייב׳ס פערמעגען דערויף פערשוועגדעט, דערפאַר אָבער האָב איך געקראָגען די טיעפסטע בעפרידיגונג. די מינע „טיאַדאַריאַ“ איז איצט אין גאַנצען באַנקראָט געבליבען; „הובערט“ איז פערטרונקען מיט וואַסער — כאַ, כאַ, כאַ... איך

קען די בעלי־בתים פון זיי. איינער איז גראָה געוואָרען. דער צווייטער איז כמעט פון זינען געריהרט. א דריטער איז אוועק מיט דער טאָרבע — כא, כא, כא...

איך האָב זיי רואינירט, נישט ווייל אייער „זאַך" איז פאַר מיר פון וועלכער בעדייטונג, נאָר פשוט צוליעב דעם פערזענלי־כען פערגעניגען וואָס דאָס אַלעס האָט מיר פערשאַפט. און איך בין גרייט אוועקצוגעבען מיין לעצטען גראָשען, אבי איך זאָל זעהן דעם אונטערגאַנג פון דיעזע לומפּען.

אָלגאַ האָט לאַנג און שטיל געקוקט אויף איהם און דערנאָך טרויעריג א שמייכעל געטהאָן.

— ווי דו בעמיהסט עס זיך אביסעל צו ברענגען אויף זיך אליין פערלוימדונג... ווייל עס קען דאָך ניט זיין, אז דו זאָלסט מיך אויך וועלען אָפּנאַרען?

פאַלק איז געבליבען שטעהן פאַר איהר עפּעס ווי פערוואונ־דערט, האָט זיך צולאַכט און מיט אמאָל געוואָרען ערנסט.

— דו ביסט אלזאָ איבערציינגט אז איך טהו עס אַלץ אויס אנדערע, מעהר עהרענהאַפטע גרינדע?

אָלגאַ האָט ניט געענטפערט.

— ביסט איבערציינגט אין דעם? — איז ער מיט עקשנות אונגעדולדיג צוגעשטאַנען.

זי האָט אַלץ ניט געענטפערט.

— דו מוזט מיר ענטפערען! — האָט ער אויסגעשריען און א טופּע געטהאָן מיט'ן פוס.

— איך גלויב ניט, אז דיך זאָל קענען בעפרידיגען אזא קליינ־ליכע, בייזע נקמה — האָט זי ענדליך ארויסגערעדט. — גאַנץ אומזיסט ברייגגסטו אויף זיך אזא פערלוימדונג. איך וויים זעהר גוט, אז דו האָסט ארויסגערופען יענעם סטרייק, און האָסט אוועק־געגעבען דיין גאַנץ פערמעגען דערויף דערפאַר, ווייל דער סינדי־קאַט פון די מינען־אייגענטהימער האָט ארויסגעגעבען צו זיינע שעהר־האָלדערס 25 פּראָצענט ריוח אין א צייט ווען צווישען די ארבייטער האָט געבושעוועט הונגער־טיפוס.

— דיזעס איז גאר ניט אריינגעגאנגען אין מיינע רעכע־נונגען...

— ס'איז ניט אמת, ניט אמת. פאר דער לעצטער צייט געפינסטו א מין בעזונדערען פערגעניגען אין אויסטראכטען אויף זיך אליין אלערליי מיאוסע בלבולים.

— כא, כא, כא... אן אויסגעצייכענטער פסיכאלאג וואלט פון דיר ארויסגעקומען...

ער האט געצוואונגען געלאכט.

— און ווייסטו צו וואס כ'האב געשיקט טשערסקי'ן געלד? — האט ער מיט אמאל א פרעג געטהאן.

אלגא איז בלאס געווארען.

— דו ליינגסט! — האט זי ארויסגעשעפטשעט.

— ווייסט?

זי איז געוועזן שטארק צוטומעלט.

— זאג אז דו ליינגסט, — האט זי ענדליך הייזעריג ארויס־גערעדט.

זי האט זיך צוגעבויגען צו איהם און געקוקט מיט ברייט אפענע אויגען.

— האסט געוואלט פטור ווערען פון איהם? יע?

— ניין! — האט ער געענטפערט מיט א טרויעריגען שמייכעל. — איך האב פאר קיינעם קיין מורא ניט.

זי האט טיעף אבגעזיפצט און זיך צוריק געזעצט.

ביידע האבען לאנג געשוויגען.

— טו וואס רעכענסטו איצט טהאן מיט יאנינא?

פאלק איז בלאס געווארען און האט מיט שרעק א קוק געטהאן אויף אלגא.

— טשערסקי האט דיר אלעס דערצעהלט?

— יא.

זיין קאפ האט זיך אויף זיין ברוסט אראפגעלאזט, און ער האט לאנג געקוקט אראפ.

— דאס קינד וועל איך מאכען פאר מיין געזעצליכען זוהן, — האט ער צום סוף ארויסגעזאגט נאך א לאנגען טראכטען.

— שווידערליך וואָס פּאַר אַ בייזען טייפעל דו טראָגסט אין זיך. פאַרוואָס עפּעס מוזטו ניט אַנדערש ווי מאַכען זיך און אַנדערע אונגליקליך? פאַרוואָס? דו ביסט דאָך זעהר אונגליקליך, עריק?

— רעכענסט אַזוי? — האָט ער געפרעגט צושטרייט.

און מיט אַמאָל איז ער געבליבען שטעהן פאַר איהר מיט אַ מין מאָדנעם שמייכעל.

— זאָג אָפענהערציג, אָלגאַ, איז דיר כאָטש אויף איין מינוט געקומען אַזאַ געדאַנק, אַז איך וויל פטור ווערען פון טשערסקי׳ן אוים פייגהייט?

— אויף קיין איינציגער מינוט ניט. דו, עריק, ביזט דאָך אַ גוטער, נאָר אַן אונגליקליכער מענש.

ער האָט אַ קוש געגעבען איהר האַנד און טרוקען ארויסגע־רעדט:

— אַ דאַנק.

דערנאָך האָט ער ווידער גענומען געהן איבער׳ן צימער מיט גיכע, אונרוהיגע שפּאַן.

עס איז ענטשטאַנען אַן אונאַנגענעהמער שווייגען.

— ווען פאָהרט טשערסקי?

— היינט ביי נאַכט.

ווידער האָט געשוויגען.

— אָלגאַ, איך גלויב אין דיין ליעבע, איך בוק זיך פאַר איהר, איך אַכטע זי: דו ביסט די איינציגע פערזאָן, וועמעס אַנ־וועזענהייט מאַכט מיך גוט.

אָלגאַ האָט זיך אויפגעהויבען צומישט קוים איינהאַלטענדיג די טרערען.

— רעד ניט פון דעם... צו וואָס רעדען וועגען דעם... איצט אָבער שטעהען דיר פאַר גרויסע אונאַנגענעהמליכקייטען, איז זאָג איך דעריבער, עריק, ווען דיר וועט אויסקומען שוין זעהר שלעכט, טו קום צו מיר, אפשר וועל איך אויך וועלכע נוצען קענען ברייננגען.

— איך וועל קומען, קומען, ווען דער שטורם וועט מיר דעם נאַקען אַראָפּדרעהען.

— קום, ווען דיר וועט קיין שום אנדערעס ניט בלייבען.
און מיט די ווערטער איז זי ארויסגעגאנגען.
פאלק איז ארויסגעלאפען נאך איהר.
— וואו וואהנט טשערסקי?
זי האט איהם געגעבען דעם אדרעס.
— ווילסט געהן צו איהם?
— יא! — האט ער ארויסגערעדט מיט פערשטשימעטע ציינער.

7.

ווען ס'איז שוין רעכט פינסטער געווארען, האט זיך פאלק גע־זעצט אויף אן איזוואזשטשיק און איז אוועק צו טשערסקי'ן.

ער איז געוועזען ניט אין גאנצען געזונד. איהם האט געפי־בערט און ער האט זיך געשראקען פאר יענע היץ־פארקסיזמען, וועלכע פלעגען זיך ביי איהם ווידערהאלען פון צייט צו צייט. אין אזא צייט פלעגט ער שטענדיג אפטהאן עפעס א נארישקייט.

אבער דאס איז סוף כל סוף ניט וויכטיג. אונאנגענעהם איז געוועזען בלויז דאס, וואס פאהרען האט ער געמוזט גראדע איצט צו טשערסקי'ן, און ערנסט און אפענהערציג זאגען איהם, אז ער, פאלק, האט ער זיך דערשראקען, אז דאס געלד וואס ער האט איהם געשיקט יאקבי אויף אגיטאציע, איז עס גאר באמת געמיינט גע־ווארען כדי פטור צו ווערען פון טשערסקי'ן, כדי ער, טשערסקי, זאל ניט האבען די מעגליכקייט צו דערצעהלען איזא'ן דעם גאנצען אמת.

דאס פאהרען איז עפעס געווען אונענדליך לאנג. זיינע גע־דאנקען זיינען געווען אזוי מאדנע צוזאווארפען; די גאנצע צייט האט ער געמורמעלט עטליכע זינלאזע פראזען און, מערקווירדיג,— וואס נארישער די פראזע איז געווען, אלץ מיט מעהר עקשנות האט זי זיך אנגעקליאפעט אן איהם.

ער האט א קוק געגעבען אויפ'ן זייגער. פונקט אכט. טשער־סקי וועט אודאי אפפאהרען ניט בעפאר האלבע נאכט. איז נאך, הייסט עס, גענוג צייט.

און אט איז שוין ענדליך דאס הויז, וואו טשערסקי וואהנט.

הילפלאָז האָט ער זיך אָבגעשטעלט און פערקלעהרט זיך. אויף וועלכען שטאָק? נו, געוויס אויפ'ן בוידעם.

אין קאָרידאָר איז געווען גערדיכט פינסטער. ער איז געגאַנגען טאַפּענדיג, האָט אויפגעציטערט אָנשטויסענדיג זיך עפּעס אָן אי־מיצען.

— ענטשולדיגט.

— עס מאַכט ניט אויס.

יענער מענש איז געווען שרעקליך בייז.

דאָס איז — — דער שד וויים וואָס, נישט אָנצוצינדען קיין פייער אין אזא חשכת! דער פּאָליציי וועל איך וועגען דעם מעלדען.

זיין שטים איז געווען אַ זעהר אונאַנגענעהמע. פאלק האָט גע־וואָלט פרעגען אויב ער וויים ניט וואו טשערסקי וואָהנט, האָט ער אָבער מיט אַ מאָל אַ קלעהר געטהאָן, אַז דאָס איז אפשר גאָר אַ שפּיאָן.

— ווייסט איהר ניט וואו עס וואָהנט דאָ הערר געיסלער? — האָט ער מיט אַ מאָל געפרעגט.

— ווער?

— געיסלער.

— ניין, איך וויים ניט.

פאלק האָט גענומען ארויפגעהן אויף די טרעפּ און האָט גע־זעהן צו מאַכען דערביי וואָס מעהר טומעל.

אויפ'ן צווייטען עטאַזש האָט ער אָנגעקלונגען און געפרעגט אויב דאָ וואָהנט געיסלער. אלס ענטפער האָט זיך די טהיר פער־מאַכט פאר זיין סאמע נאָז.

פאלק האָט געשמייכעלט אַ צופריעדענער. דערנאָך האָט ער שוין אויף די שפּיץ פינגער שטיל געקלעטערט העכער. ער האָט אָבגענאַרט דעם פּאָליציי־שפּיאָן. יענער איז איצט געוויס זיכער, אַז ער האָט געפונען זיין געיסלער'ן אויפ'ן צווייטען עטאַזש.

און איצט וואוהין? רעכטס אָדער לינקס?

ער האָט אָנגעקלאַפּט גלאַט אויף מזל.

— אריין!

פאַלק האָט געעפּענט די טהיר און איז אריין. ביים פענסטער איז געזעסען טשערסקי.

מערקווירדיג. טשערסקי האָט איהם ניט געשענקט די מינ־דעסטע אויפמערקזאמקייט. איהם האָט גאָר ניט געוואונדערט צו זעהן ביי זיך איצט פאַלק'ען. ער האָט אפילו ווי ניט בעמערקט זיין אַנוועזענהייט, האָט איהם בלויז בעקוקט מיט א גלייכגילטיגען בליק, און ווידער פערטראכט גענומען קוקען אין'ם ווייטען לייי־דיגען רוים.

אויך פאַלק האָט ניט ארויסגערעדט קיין איין וואָרט. ער האָט זיך געזעצט אויף א שטוהל געגען טשערסקי'ן, און געקוקט אויף איהם מיט איינשטרענגונג.

מיט א מאָל האָט ער זיך דערמאָהנט, אז ער האָט נאָך קיין וואָרט ניט ארויסגעלאָזען. טשערסקי האָט אויסגעזעהן שרעקליך. די אויגען איינגעפאַלען און אָהן א שום גלאַנץ.

— גוט אָבענד, הערר טשערסקי.

טשערסקי האָט געקוקט אויף איהם מיט א מין מאָדנער רו־היגקייט. פאַלק'ען האָט בעפאַלען א שרעק.

— וואָס ווילט איהר, הערר פאַלק?

— איך? גאָר ניט אייגענטליך. איך געה באַלד אוועק, באַלד... איך ווייס אפילו ניט צו וואָס איך בין אַהער געקומען... — האָט ער זיך געפּלאָנטערט, נאָר מיט א מאָל זיך בעהערשט.

— אָך, ריכטיג, ריכטיג, איך בין דאָך געקומען דערצעהלען אייך גלייך און אָפענהערציג, אז איך האָב אייך געשיקט געלד אויף אוועקפאָהרען, נור כדי פטור צו ווערען פון אייך... כ'האָב שטאַרק חרטה דערויף... איך וויל מעהר ניט לעבען צווישען ליעגען... און ניט איך נויטיג זיך דערין מעהר. אָבער וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? ריכטיג! פאָהרט ניט אוועק; איהר זיינט פאַלקאָם גע־רעכט אין אייער וואונש צו בעשטראָפען די פאַלשקייט און צו בע־פרייען פון איהר די וועלט. איך וואָלט אייך געווען זעהר דאַנקבאַר, ווען איהר זאָלט איצט געהן צו מיין פרוי און איהר אַלעס דערצעה־לען. איך אליין בין נישט פעהיג צו טהאָן עס. כ'בין נישט אימ־שטאַנד איבערצוטראָגען דעם פּיין... ווייסט איהר, איך בין זעהר

עמפפינדליך צו מענשליכע ליידען... נאך פון קינדהייט אן... מיין פאטער האט איינמאל געשאסען א הונט, וועלכען איך האב זעהר ליעב געהאט, און אין זיין גוסס'ן, האט דער הונד א קוק געגעבען אויף מיר אזעלכע אויגען פון שרעק און שוידער... פון דעמאלט אן קען איך ניט זעהן ווי אימיצער ליידעט אדער מאטערט זיך פון פיזישע שמערצען. דערצו נאך בין איך פון דער מיינונג, אז מען דארף קיינמאל ניט הינדערען דעם שוואונג פון דעם שיקזאל־ראד. דעריבער טאקי רעכען איך, אז בעסער פון אלץ וועט זיין, ווען איהר וועט אלעם דערצעהלען מיין פרוי...

— איהר זיינט פייג.

— יא, דאס איז זעהר אמת. איך בין פייג, און מיין פייג־הייט מאסקיר איך אין א שיקזאל גלויבען. אין דער ווירקליכקייט אבער גלויב איך דאך ניט אין קיין שום שיקזאל, ווייל איך גלויב איבערהויפט אין קיין שום זאך ניט... מיך פלאגט בלויז זעהר, וואס דורך מיר האט איהר געקריגען אזא קלאפ... נאך נעכטען האב איך בעמערקט ווי שלעכט איהר זעהט אויס.

פאלק האט מיט א מאל מיט שרעק בעמערקט, אז זיין פיבער־צושטאנד פערשטארקט זיך. ער האט זיך בעהערשט מיט גרויס מיה.

טשערסקי האט געקוקט אויף איהם דורכדרינגליך.

— אייך פיבערט. איהר דארפט געהן אהיים.

פאלק איז געווארען שטארק אויפגערעגט.

— און פון וואנען זייגט איהר עס זיכער, אז אויך איצט שפיעל איך ניט קיין קאמעדיע? איך בין דאך אן אויסגעצייכענטער אקטיאר. פון וואנען, א שטייגער, ווייסט איהר אויב מיר איז פלוצ־לונג ניט איינגעפאלען דער פאנטאסאישער געדאנק אזוי קונציג צו שפיעלען מיין ראלע, אז איהר זאלט פעסט גלויבען, דאס איך בין פסיכיש קראנק און בין צייטענווייז ניט פעראנטווארטליך פאר מיינע רייד און האנדלונגען... כע, כע, כע...

טשערסקי האט גאר ניט געענטפערט.

פאלק'ס אויפרעגונג איז אלץ געוואקסען.

— איהר הערט, דאכט זיך, ניט וואס איך רעד? נו, געוויס,

איהר הערט מיך אומישנע ניט... כע, כע... איהר ווילט מיך בע־
ליידיגען. נאָך נעכטען האָט איהר עס שטארק געוואָלט.

איהר האָט צוגעקלעהרט א מין משונה'דיג נארישע און זינלאָזע
פאָדערונג צו רייצען מיך דערמיט און ברענגען מיך צו ווילדען
צאָרן... איך פערשטעה אייך. איהר פיהלט נאָך וועלכע אכטונג
צו יענעם פאלק, וועלכער האָט אזוי פיעל געטהאָן פאר דער פארטיי.
איהר האָט זיך שטארק געבאָרעט מיט זיך אליין, איידער איהר האָט
גע'פועל'ט ביי זיך צו זאָגען מיר דאָס, וואָס איהר האָט געזאָגט...
אפשר ניט אזוי? איהר האָט בעדארפט אין זיך עטוואָס גובר
זיין אום אָנצורופען מיך לומפּ, — יא, איהר האָט זיך בעדארפט
געננוג באָרען מיט זיך צו זאָגען עס מיר...

טשערסקי האָט געקוקט אויף איהם לאנג און מיט א מאָדנעם
בליק, דערנאָך האָט ער כמעט פייערליך ארויסגערעדט:

— דאָס איז אמת!

פאלק איז געווען שטארק אויפגערעגט.

— ס'איז אמת, האָט איהר געזאָגט? אזוי, דאכט זיך, האָט
איהר געזאָגט?... אָבער צו פערשטעהט איהר וואָס איך זאָג אייך?
איך האָב אייך געשיקט געלד מיט'ן תנאי איהר זאָלט באלד אוועק־
פאָהרען. און נאָך מעהר, אוים מורא, אז איהר וועט נאָך היינט
אין דער פריה אפשר וועלען קומען און אלעס דערצעהלען מיין ווייב,
האָב איך געהייסען דעם לאקיי קיינעם צו איהר ניט צולאָזען...

טשערסקי האָט א לאך געטהאָן.

— מיר איז אפילו ניט איינגעפאלען צו געהן צו אייער ווייב.

— האָט איהר עס ווירקליך ניט געדענקט צו טהאָן? ווירקליך?

פאלק האָט זיך טיעף פערטראכט.

— איך בין געווען זיכער, אז איהר וועט עס יא טהאָן. כ'האָב
געהערט, אז איהר זיינט זעהר קאָנזעקווענט און א גרויסער בעל־
נוקם, און מיר האָט זיך געדוכט, אז איהר ווילט מיך אומברייינגען.
און מיך קען מען אנדערש ניט אומברייינגען, סיידען מען זאָל מיך
צושיידען מיט מיין פרוי.

ער האָט כמעט מיט א שרעק א קוק געטהאָן אויף טשערסקי'ן.
דערנאָך מיט א מאָל גענומען ריידען:

— מיין מאַרק, זעהט איהר, האָט וויעדער געליינט. גאָט ווייס, וואו ער זוכט צו געפינען די אורזאַכע פון דעם פאַקט, דאָס איך בין שוין אונטערגאַנגען. מיין ווייב אַפילו איז נאָך איצט מיט מיר, דאָך בין איך שוין אונטערגעגאַנגען. און די אורזאַכע דערפון ליעגט אין עטוואָס גאַנץ אַנדערעס. ווייסט איהר וואָס אַ מאַלשטראָם איז? געוויס ווייסט איהר: אַ קאָכיגער קעסעל־גרוב... אַט שלאָגט דאָרט דאָס וואַסער אַרויף מיט אַ ווילד־מעכטיגען גראָבען שוים, און אַט ציהט זיך עס אַרונטער ווי אַ שמאָלע ענדלאָזע רעהר, לאָזענדיג אויף דער פלאַכע אַן אָפענעם ברייטען גרוב... און ווייסט איהר וואָס עס ווערט פון'ם מענשען, ווען ער פאַלט אַריין אין אַזאַ קעסעל־גרוב? דער קעסעל־גרוב ציהט איהם אַריין אין זיך, דערנאָך וואַרפט ער איהם צוריק אין דער הויך ווי אַ פילקע, און באַלד דערלאַנגט ער איהם וויעדער אַ שלעפּ אין תהום, און וויעדער אַ שליידער אין דער הויך אויף הער פלאַכע... זאָנדערבאַר! איך האָב עס בעאָבאַכ־טעט אין דער צייט פון אונזער האָכצייט לוסט־רייזע. איז, זעהט איהר, פונקט אין אַזאַ קעסעל־גרוב בין איך אויך אַריינגעפאַלען. נאָך טויזענד מאָל קען ער מיך אַרויסוואַרפען צוריק אויף דער אויבערפלעכע, ער וועט מיך אָבער באַלד צוריק אַריינציהען אין תהום אַריין, און אַרויסראַטעווען זיך פון איהם וועט מיר שוין קיינמאָל ניט געלינגען. איך בין אויף אייביג פערלאָרען. כע, כע... מאָדנע, ניט אמת?

ער האָט אויסגעווישט דעם שוויים פון שטערען.

— יאַ, איך בין שוין פערלאָרען. איהר פערשטעהט, איך רעד פון מיין אונטערגאַנג פונקט ווי מען רעדט וועגען וועלכער איינפאַ־לענדער וואַנד, אָדער וועגען פלייש וואָס פוילט אויף דער זומער־היץ. אַט אין אַזאַ זינן בין איך אויך פערלאָרען, ווייל אויך אונזער נשמה קען פוילען פון צופיעל היץ. און איך, מיין ליעבער הערר, בין אָפט אין פיבער...

כע, כע... איך בין אַ מאָל געלעגען אויף אַ לונגען־ענטצינדונג, איז פון דעמאָלט אַן מוטשעט מיך שטענדיג אַ מין פיבער — כע, כע, כע...

און אַזוי ווי איך בין שוין זאָ ווי זאָ פערלאָרען, וועט איהר מיר אַרויסהעלפען, איהר וועט מיך לויז מאַכען פון מענשען, וואָס ליעבען

מיך, ווייל יעדער וואָס ליעבט מיך פערשאַפט מיר דערמיט שרעק־ליכע שמערצען און איז דעריבער אַ שונא מיינער. איך מוז זאָגען ליגען, אייביג זאָגען ליגען, ווייל איך קען ניט אריבערטראָגען דעם פיין, ווען איך זעה ווי מען ווערט ענטוישט אין מיר. מען ליעבט מיך, ווייל איך ווייז אויס גרויס, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט בין איך ניט מעהר ווי אַ קליינער בעדויערענסווערטהער וואָרם. אַ גאַנץ געוועהנליכער אונקרויטיגער אינזעקט, הערר טשערסקי. אָבער צו קען איך עס דען זיי זאָגען? זיי גלויבען דאָך מיר ניט, ווען איך זאָג עס זיי, און דערין ליעגט מיין גאַנצער אונגליק. איך מוז לייגען, ווייל מיט פרייד גלויבען זיי אין מיינע ליגענס, — זאָל זיי אָבער גאָט אויסהיטען פון יענער מינוט, ווען זיי וועלען אָנהויבען גלויבען אין מיין אמת. האָב איך דען וועמען ניט געלאָזט זיין גוט? מיך אָבער הינדערט מען שטענדיג פון זיין בייז, שלעכט, אַ לומפּ... אָבער וואָס לאַכט איהר אַזוי, צום טייפעל?

טשערסקי האָט אפילו ניט בדעה געהאַט צו לאַכען.

— איך לאַך שוין גאָר ניט. איך ווייס גאָר ניט וואָס איהר ווילט פון מיר. איהר זיינט זעהר ערנסט מיט מיר און אָפענהער־ציג, איך ווייס אָבער ניט וואָס איהר מיינט מיט דעם אַלעם.

— וואָס איך מיין? כע, כע, כע... איך וויל אייך אָפּנאַרען, איך וויל איהר זאָלט זיין געריהרט פון מיין אָפענהערציגקייט; איך, פערשטעהט איהר מיך, בין אַ ערפאַהרענער, איך בין זיך מתודה אין עברות, וועלכע איך האָב ניט געטהאָן, כדי איך זאָל קענען פערמאַסקירען אַ פערברעכען, וועלכער ליעגט אויף מיין גע־וויסען, כאַ, כאַ, כאַ... ווי נאַאיוו איהר זיינט.

טשערסקי האָט אַ שמייכעל געטהאָן, אָבער אין דיעזען שמייכעל איז געווען אַזוי פיעל ליידען, אַז פאַלק איז מיט אַ מאָל ערנסט געוואָרען.

— הערט אויס, פאַלק, איהר גיסט אייגענטליך וואַסער דורך אַ זיפּ. מיך וועט איהר ניט אָפּנאַרען. צו גוט פיהל איך אייערע ליידען. טו בערוהיגט אייך שוין אַ מאָל. איך האָב שוין פער־געסען אי יאַנינאַ'ן, אי אייך, און אויך אָן אייער ווייב... וואָס גע־העון מיך אָן די אַלע זאַכען... און ניט איך האָב עס שוין גאָר גע־

מיינט אזוי ערנסט, ווען איך האָב אייך נעכטען אָנגערופען לומפּ. שוין צו פיעל לײדט איהר צו זיין אַ לומפּ; איהר זיינט אײגענטליך גאָר ניט קיין שלעכטער מענש. מיר איז זעהר אונאַנגענעהם, וואָס איך האָב אייך נעכטען אַזוי גראָב בעלײדיגט...

פאַלק האָט געקוקט אויף איהם אַלץ מיט גרעסערען חדוש.

— איהר, הערר פאַלק, זייט אַ פּנים שטאַרק פער׳חידוש׳ט? איהר האָט געהאַט וועגען מיר גאָר אַ פאַלשען בעגריעף... אָבער צו וואָס רעדען פון דעם? איך האָב אַלץ פערגעסען. איך קוק אויף אייך, כ׳זעה אייער פערצווייפלונג. און מיר טהוט וועה וואָס איהר לײדט אזוי. אָבער מיר ווילט זיך ווירקליך לאַכען פון אייערע קליינינקע שמערצען, פּונקט ווי איך לאַך פון מיינע אייגענע. און ווירקליך: ביי אייך איז עק וועלט, איהר שטאַרבט ממש אויס שרעק. און פאַרוואָס? דערפאַר ווייל איהר זיינט צוגעקומען צו אַן אונאַנגענעהמען נעשלעכטליכען קאָנפליקט. עס זיינען אָבער פאַראַן, מיין ליעבער הערר, אַנדערע ווירקליך גרויסע און שרעקליכע לײדען, און דיעזע לײדען שפּירט נור דער, וועלכער האָט זיך אונ־צוטהיילבאַר צונויפגעגאָסען מיט דער גאַנצער מענשהייט, און ווע־מעם אַדערען עס גיסען זיך ווי אַ פייער אַלע גהינם׳שע לײדען פון דער מענשהייט.

ער איז געבליבען שווייגען.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, — האָט ער ווידער אָנגעהויבען נאָך אַ קורצער פּויזע, — אַז פאַר אייך עקזיסטירט ניט אַזאַ בעגריעף, ווי מענשהייט. אייער נשמה איז צו קליין אַרומצוכאַפּען די גאַנצע וועלט. אייער הארץ קלאַפּט בלויז פאַר אייערע ווייבער, געליעבטע און קינדער; איהר האָט זיך, זאָ צו זאָגען, ספּעציאַליזירט אין ליע־בע. יאָ, זיך ספּעציאַליזירט. יעדער פון אייך פערנעהמט זיך מיט וועלכער בעזונדערער פּראָפעסיע אויף דעם געביעט פון ליעבע. איינער האָט אַ פאַמיליע, דער אַנדערער — אַ הייזעל. און אין וואָס איז דאָ דער אונטערשיעד? אין וואָס? דאָך בלויז אין דעם, וואָס איינער האָט די העזה אריבערצוטרעטען דאָס געזעץ, וועלכעס רע־גולירט אייער קליינליכע ליעבע, אייערע מישטיגע בעגעהרען, און דער אַנדערער האָט ניט דיעזע העזה. אַלעס איז ביי אייך אַזוי

שמוציג, אזוי נישטיג... פון וואָס בעשטעהט דען אייער גאַנצעס געזעץ־בוך? זאָלסט ניט גלוסטען דיין חבר'ס ווייב, זאָלסט ניט גנב'ענען, זאָלסט ניט הרג'ענען! וואָס איז אייער רעליגיאָן? וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט זי אייך? וואָס איז אייער פילאָזאָפיע? איך האָב געלעזען אייער שטירנער'ן און ניטשע'ן, — אַלע זייערע שריפטען זיינען פאַלש. בעדויערנסווערטהע, נידריגע ליגען איז עס. פאַר אייך איז נויטיג געוועזען צו בעזייטיגען אַלעס וואָס איז גרויס — ליעבשאַפט, גוטהערציגקייט, זעלבסט־אויפאָפּפערונג, מענשליכקייט און נאָט, ווייל דאָס הינדערט אייערע מאָגענס פון קאָכען ריכטיג. אומעטום שטעלט איהר אַרויס אייער איך! אָבער וואָס איז אייגענטליך דיעזער א י ך? נישט מעהר ווי אַ געגנענעם נגנען אַן אונריינעם געוויסען. אייער א י ך דיענט אייך בלויז דערמיט, וואָס ער גיט אייך שטאַרקייט אריבערצוטרעטען דאָס קליינע געזעץ, וואָס רעגולירט אייערע קליינינקע פערלאַנגען. ניט קוקענדיג אויף אייער פּרעכטיגען אינדיווידואַליזם, זיינט איהר, העררפאַלק, דאָך נישט מעהר, ווי אַ קליין, נישטיג מענשעלע. פון וואָס בעשטעהט אייער לעבען? פון שכרות און זנות. אָבער, ניין, ניין, — דאָ האָב איך שוין אביסעל אריבערגעכאַפּט די מאָס. חוץ דעם זיינט איהר נאָך אַ גרויסער קינסטלער אויך, און איהר האָט אויך געטהאָן זעהר פיעל פאַר דער מענשהייט, וועלכע איהר פערראַכטעט אזוי, אָבער זאָגט, האָט איהר עס דען ניט געטהאָן כדי צו פערשטיקען די פאַרוואָרפע פון אייער געוויסען?

ער איז געשטאַנען פאַר פאַלק'ן אין אַ פּאָזע פון אַ שטרענגען ריכטער, אָבער באַלד זיך צוריקגעזעצט.

— און איברינענס, וואָס אַרט מיך פאַר אייך. מיט אייך האָב איך שוין קיין שום געמיינשאַפטליכעס. היינט זיץ איך דעם גאַנצען טאָג אין הויז, און שוין צעהן שעה ווי איך זיץ אַליין און קלעהר, אַז מיט אייך האָב איך שוין קיין שום פערבינדונג נישט. אַלץ וואָס אין מיר איז געוועזן פערזענליכעס האָב איך פערלאָרען... איהר ווייסט ניט פון אַזאַ זאַך ווי מענשהייט, — און איך ווייס עס אויך ניט, אָבער איך ליעב און פערשטעה די מענשהייט אַלס דעם עיקר, דעם עצם פון מיין נשמה. איך פיהל זי גראַדע, ווי איך

פיהל יעדען שלאָג פון מיין הארץ, ווי א מין נאַטירליכען גרונד־געפיהל: איך פיהל, אַז ברענגען זיך אַלס קרבן פאַר מיליאָנען איז אַ סך בעסער איידער אומקריכען אויף די קניע פאַר וועלכע ניט איז זי. און איצט געהט אייך, געהט. איך וויל בלייבען אליין אביסעל בעפאַר איך פאָהר אָפּ... טראַכט נאָר וועגען דעם, דאָס איהר זיינט אַ קליין, נישטיג מענשעלע און געקענט וואָלט איהר זיין איינער פון די גרעסטע. יאָ, יאָ...

פאַלק איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. אָבער צו דערזעלבער צייט האָט ער זיך אונטערגעגעבען צו אַ מין פאַלשען שעהמען זיך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ערלויבט אַזוי אויפגעטרייסעלט צו ווע־רען. זיין מאַרך האָט ניפטיג געלאַכט איבער זיין הילפלאָזיגקייט.

— איהר בענוצט זיך מיט אָפּיום? — האָט ער געפרעגט מיט אַן איראָנישען שמייכעל.

טשערסקי האָט געקוקט אויף איהם קאַלט און אויפמערקזאַם.

— ביי אייך איז אַזאַ אונפערשעהמטער מאַרך, — האָט ער אַרויסגערעדט פייערליך און שטיל — אַן אונפערשעהמטער!

פאַלק האָט זיך אין גאַנצען איינגעהויקערט אונטער דער קראַפט פון דיעזען בעגייסטערטען בליק און פראָפעטישע ווערטער.

ער האָט זיך געשעהמט. ער האָט געפיהלט ווי צוויי נשמות האָבען זיך אין איהם צוזאַמענגעשטויסען, שטרעבענדיג איינע די אנדערע גובר צו זיין.

— יאָ, איהר האָט רעכט: מיין נשמה, מיין מאַרך ווייסען ניט פון שאַנד.

אָבער גראַדע אין דעם מאָמענט האָט אין איהם גובר געווען די נשמה פון סקעפּטיציזם, די אָפּלאַכענדע, די ציניש נשמה. ער האָט זיך איראָניש צולאַכט.

— אַלץ, וואָס איהר האָט נאָר־וואָס געזאָגט, איז זעהר גוט, כאָטש דאָס אַלעס האָט שוין פאַר אייך געזאָגט ניטשע, אָט דער־זעלבער ניטשע, צו וועלכען איהר בעציהט זיך מיט אַזאַ פעראַכטונג.

איהם איז געווען אינטערעסאַנט צו זעהן ווי אַזוי דאָס וועט ווירקען אויף טשערסקי'ן.

טשערסקי אָבער האָט שוין ווי קיין זאַך ניט געהערט. ער איז געשטאַנען ביים פענסטער מיט'ן רוקען צו פאַלק'ען.

פאַלק איז מיט אַ מאָל געוואָרען ערנסט און טרויעריג. ער האָט נאָך אַלץ גערעדט, אָבער בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו שווייגען.

— יאָ, יאָ, דער מאַרך מיינער איז אונפערשעהמט, ווייל ער קען ניט פערשטעהן, ווי אַזוי אייער ליעבשאַפט צו דער מענשהייט קען זיין בעגרינדעט נישט אויף אייערע פערזענליכע צרות און ליידען; און אַט אַזאַ נאַטור האָט שוין מיין מאַרך. ער גלויבט ניט אין אייערע געפיהלען, סיידען ער נעהמט זיי צום מיקראָסקאָפּ און אַנאַליזירט יעדעס ברעקעלע אין זיי. איהר זיינט געזעסען אין טיורמע. די פרוי, וועלכע איהר האָט געליעבט, האָט זיך אין דער צייט אָבגעגעבען צו אַן אַנדערען. איינזאַמקייט, צרות, פערראַטעה און פערצווייפלונג האָבען ארויסגערופען אין אייך אַ וואונש צו ברענגען זיך אַלס קרבן פאַר אַנדערע. אויף אַזאַ אופן איז דאָך אייער מענשהייט ניט מעהר ווי אַ זעלבסט־נאַרעריי: איהר נאַרט זיך אַליין, כדי צו ראַטעווען זיך פון פערצווייפלונג, כדי גובר צו זיין דעם וועהטאַג. אייער מענשהייט — דאָס איז פּשוט דער אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאַלטונג אין דעם אָרגאַניזם. און צווישען מיר און אייך איז בלויז דער אונטערשיעד: איהר זיינט גליקליך אין אייער גרויסען ליגען, און איך ניט, ווייל מיין ליגען איז קליין און נישטיג. אָבער וואָס הייסט גרויס? און וואָס הייסט קליין? נאַט מיינער, אַלע בעגריפע האָבען זיך ביי מיר איבערגעפּלאָנטערט...

איבריגענס איז עס דאָך גאָר ניט וויכטיג. וואָס קימערען אונז וועלכע ניט איז לאָגישע חקירות? זיי האָט מען דאָך בעשאַפען בלויז צוליעב דעם, כדי דער מענשליכער מאַגען זאָל ניט זיין געהינדערט אין זיין ארבייט... די לאָגיק בערוהיגט אויך פון געוויסענס־ביסע...

טשערסקי האָט זיך מיט אַ מאָל אומגעקעהרט צו איהם.

— ווילט איהר אפשר טהעע?

— איך וועל אייך זיין זעהר דאַנקבאַר... אָבער הערט אויס: איהר פערראַכטעט מיך. לומפּ האָט איהר מיך אָנגערופען. און

פארוואס האט איהר מיך אזוי אנגערופען? דערפאר, ווייל אין מיין ארבייט פון חרוב מאכען האט געשפיעלט א ראָלע דאס גע־שלעכט, דאס גארען... איך רעד דא פון דער גרויסער ארבייט פון חרוב מאכען, ווייל חוץ יאנינא ליעגט אויף מיין געוויסען נאך א גאנצע רייהע נפשות...

ער האט געטרונקען טהעע איין גלאז נאך דער אנדערער. זיין פיבער האט זיך אלץ פערשטארקט.

— געשלעכט, גארען, תאוה... דאס אלץ האט געשפיעלט א ראָלע אין מיין פערדארבונגס־ארבייט. גוט, זעהר גוט...

דער גאנג פון זיינע געדאנקען האט זיך מיט א מאָל איבער־געהאקט... ער האט לאנג געקלעהרט, דערנאך מיט א מאָל אויפגע־שפרונגען און מיט א פרעהליכער מינע אנגעהויבען:

— אהא, הערט אויס; נאפאלעאָן! אט האט איהר אייך א קלאסישען ביישפיעל אין אלע אזעלכע פעלע.

זיין פנים האט געשטראהלט.

— איהר שמייכעלט... מיינט אבער גאר ניט, אז איך וויל מיך דא פערגלייכען צו נאפאלעאָן. מעהר ניט, איך פרואוו זיך צו געפינען א נעגענזייטיגע פערבינדונג צווישען פערשיעדענע איננערע אנטריעבע און פערשיעדענע האנדלונגען. וואס, אלזא, איז געווען דער איננערער דראנג פון נאפאלעאָן'ס נשמה? בע, בע. אייניגע זאגען דאס ער האט געשפיעלט די ראָלע פון א שטורם, וואס ריי־ניגט דורך די לופט. אבער דאס איז א נארישער פערגלייך. דאס וואס א שטורם רייניגט דורך די לופט, איז ניט מעהר ווי א צופאל, — איהר, האף איך, זיינט דאך ניט פון דער מיינונג, אז די נאטור איז צוועקמעסיג... בע, בע... גיסט מיר אן, כ'בעט אייך, נאך א גלעזעל טהעע.

נאפאלעאָן, אלזא, האט געמוזט אויס וועלכע ניט איז טעמים קומען צו אלע זיינע פערברעכענס. לאמיר זאגען, צום ביישפיעל, די דורשט נאך עהרע. אבער וואס איז עס אזוינס דורשט נאך עהרע? דאס איז דאך נאך אלץ ניט קיין אונבעשטרייטבארער פאקט... זאגט, אייך האט נאך ניט פערמאטערט מיין פלוידעריי?

— רעדט, רעדט; מיר שיינט, אז דאס בערוהיגט אייך.

— יא, ווירקליך, עס בערוהיגט. איהר זיינט א גוטער פסי־כאָלאָג. עהרע־גייץ, אלזאָ, דאָס איז אַ מין אויסעראָרדענטליך קאָמפּליצירטעס געפיהל, נישט עהנליך צו אזעלכע עלעמענטארע געפיהלען, ווי ליעבע, הונגער. דאָס איז עטוואָס, וועלכעס איז שוין אַ פּראָדוקט פון אַ גאַנצער רייהע אזעלכע איינפאַכע עלעמענטארע געפיהלען.

פאלק האָט נערוועז געלאַכט.

— ענטשולדיגט, ביי מיר פלאָנטערט זיך אַ ביסעלע אין קאָפּ. אָבער, אָבער, בנאמנות, איך בין נישט אין גאַנצען געזונד... איך האָב נור געוואָלט זאָגען, אַז די אַנזיכטען פון יעטוועדער האַנדלונג הענגען אָפּ מעהר אָדער וועניגער פון געפיהל. דער וואָרצעל פון יעדעס געפיהל, וויעדער, ליעגט אין די סאַמע עלעמענטארע שפּי־רונגען... כע, כע... — און דעריבער זיינען זייערע רעזולטאַטען די זעלבע.

איבריגענס זיינען דיעזע פראַגען שוין צו ספּעציעל — איך האָב בלויז געמיינט אייך ערקלעהרען, אַז די טעמים פון עהרענ־האַפטע האַנדלונגען אונטערשיידען זיך מיט קיין שום זאַך ניט פון יענע טעמים, אויס פון וועלכע נאַפּאָלעאָן׳ס האַנדלונגען זיינען גע־ריכטעט געוואָרען.

מעהרסטענטהייל זיינען אונז די מאָטיווען פון מענשליכע האַנדלונגען גאָר אין גאַנצען ניט בעקאַנט... מען ווייסט ניט פאַר־וואָס דער מענש טהוט די אָדער יענע זאַך... יא, יא...

מיט גרויס מיה האָט פאַלק צוזאַמענגענומען זיינע געדאַנ־קען. זיי זיינען עפּעס ווי צולאָפען זיך, צושאָטען זיך מיט איינמאָל אין אַלע עקען.

טשערסקי האָט איהם ענדליך מיט אַ שמייכעל איבערגעשלאָגען.

— אָבער איהר באָרעט זיך מיט ווינד־מיהלען. האַלט איהר דען נאַפּאָלעאָנ׳ען פאַר אַ גרויסען מענשען? איבריגענס קאָן זיין, אַז פאַר אייך איז ער גרויס, ווייל ער האָט אייך געוויזען, ווי אַזוי צו האַנדלען גראָב און אונבערעכענט צוליעב דער בעפרידיגונג פון אייגענע ליידענשאַפטען.

פאַלק האָט געקוקט אויף טשערסקי׳ן מיט פיבערהאַפטער אַנ־

שטרענגונג. מיט א מאָל האָט ער אין איהם דערזעהן עטוואָס, וואָס ער האָט ביז איצט נאָך קיינמאָל אין איהם ניט געזעהן.

— וואונדערבאַר, וואונדערבאַר — האָט ער עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט.

דערנאָך איז ער מיט א מאָל צוגעגאַנגען צו טשערסקי׳ן און זעהר שטיל אָנגעהויבען:

— איהר וועט בעגעהן א שרעקליכען פערברעכען! זייט ניט בייז אויף מיר, איך בין אָבער זיכער, אז איהר וועט טהאָן דאָס, וואָס מענשען רופען אָן פערברעכען. איך וויים עס. כ׳האָב עס פלוצלונג איבערגעלעזען אויף אייער געזיכט; פריהער האָב איך גערעכענט, אז איהר זיינט פשוט קראַנק, אָדער אז איהר נעהמט אָפיום. אָבער ניין — ס׳איז ניט דאָס. כ׳וויים ניט פון וואַנען ביי מיר האָט זיך גענומען דיזער פראָפעטישער געדאַנק. ביי אַלע פּאָליטישע פערברעכער איז אזא אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט, ווי ביי אייך. כ׳האָב געזעהן פאדליעווסקי׳ן אין פאַריז א פּאָר שעה נאָכ־דעם ווי ער האָט דער׳הרג׳עט דעם רוסישען געזאַנדטען... אויך מיט איינינע טעג פאר דעם האָב איך איהם געזעהן...

פאלק האָט זיך ווידער געזעצט; איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, אָבער בלויז אויף א מינוט.

— איהר, אַלזאָ, וועט צושטערען, טוידטען, פאַבריקען און מינען וועט איהר אויפ׳ן לופט אויפרייסען, און וואָס אייגענטליך ברענגט אייך צו דעם אַלעם? אייער ליעבע צו דער מענשהייט, אייער רחמנות צו זיינע ליידען? גוט! אָבער וואו איז דער מקור פון דיזען רחמנות און דער ליעבע אייערער? איז עס דען ניט אויסשליסליך אין דעם ווילד־שטאַרקען שטרעבען צו עררייכען דעם ציעל, וועלכען איהר האָט פאר זיך אָנגעצייכענט? טו וואו איז דער אונטערשיעד צווישען אייער וואונש צו בעגליקען די מענש־הייט, און מיינעם — צו פערגעסען די בלוטענדע ליידען פון מיין הארץ צוליעב וואָס איך מאַך אונגליקליך וועלכע ניט איז מאַריט אָדער יאַנינאַ? חע... חע... איצט, למשל, זיינט איהר פאר טויזענד מייל פון דאַנען, און אומישנע הערט איהר ניט, וואָס איך רעד... אָבער זאָגט פונדעסטוועגען מיט וואָס, מיט וואָס זיינען

עס מיינע פערברעכענס ערגער פון אייערע? פיידען דערמיט, אפשר, וואָס מיינע ווערען ניט אריינגערעכענט אין דעם קרימינאַ־לען קאָדעקס, וועהרענד פאר אייערע וועט איהר וואהרשיינליך בעצאָהלען מיט'ן לעבען. און נאָך דערמיט, וואָס וועהרענד איך וועל פערמוטשעט ווערען פון געוויסענביסע, וועט איהר געפינען גליק אין אייער זעלבסט־אויפאָפפערונג... אָפפער — האָט ער מיט א מאָל אויסגעשריען — אָפפער!

טשערסקי האָט אויפגעציטערט.

— איהר האָט, דאכט זיך, עטוואָס געזאָגט, הא?

— גליקליך, האָב איך געזאָגט, מחמת איהר ווייסט, אז איהר האָט מיט זיך געאָפפערט, און אין מיין הארץ איז דורכאוים נור פיין...

דער צושטאנד, אין וועלכען פאלק האָט זיך געפונען, איז גע־ווען נאָהענט פון א מין קרענקליכען עקסטאַז.

— איהר האָט געזאָגט, אז איהר שפייט אויף אלץ. אזוי אונ־געפעהר, האָט איהר זיך אויסגעשפראָכען. איהר ווייסט, דאָס דער־געהערט אונז זעהר שטארק. ווייל איך שפיי אויך אויף אלץ, אויף זיך, אויף נאפאלעאָן, אויף דעם איבער־מענש, און אויף דער גאנצער וועלט... אלץ איז אונזין... נאריש, אונזין... הערר טשערסקי, אונזין, — האָט ער נאָך א מאָל אויסגעשריען.

ער איז מיט א מאָל געוואָרען ערנסט, און האָט אָנגעהויבען רעדען אזוי גיך, עפּעס ווי ער האָט זיין גאנצע נשמה געוואָלט איצט אויסגיסען.

— נאָך קיינעם האָב איך ניט געזאָגט דאָס, וואָס איך זאָג אייך איצט. איך בין ענטציקט פון אייך, איך ליעב אייך. און ווייסט איהר פאר וואָס? פאר וואָס? — האָט ער געפרעגט מיט א גע־היימניספולער מינע — דערפאַר וואָס איהר האָט אויפגעהערט צו זיין אייער אייגענער איך... יא, איהר און אַלגא... איך האָב אייך ליעב דערפאר, וואָס נור איהר אליין קאָנט ליעבען. און דאָס איז דאָס איינציגע געפיהל, וועלכעס איך שעץ און ליעב...

הערט איהר דען ניט, ווי מיין הארץ קלאפט, ווי מיינע שלייפען שלאָגען?... אָבער צו ליעבען אזוי, ווי איהר ליעבט, מען מוז

האבען דערצו גלויבען... גלויבען... אזא גלויבען, וואס איז דורכאויס נור ליעבע... חע... חע... א גלויבען, וואס ווערט אומגעוואנדעלט אין לויטער ליעבע... און וואונדערבאר איז, וואס נור איהר, וואס זוכט צו ניוועלירען אלעס, צו מאכען אלעס גלייך, איהר זיינט גאר די אמת'ע איבער־מענשען. און דיעזע קראפט, דיעזע אונגעהויערע מאכט שעפט איהר פון אייער העלישע ליעבע און רחמנות צו דער מענשהייט. איך? וואס בין איך? א מענש, וועמען ס'איז אנ־גע'חתמ'עט אונטערצוגעהן. איך בין דער לעצטער מענש. איהר ווייסט, אין דעם פאלינייזער ארכיפעלאג אין פאראן אזא מאדנע ראסע, וועלכע וועט אין 30 יאהר אויסשטארבען ביז אן איינציגען. זי וועט אויסשטארבען פון פיזישער שווינדזוכט. מיין ראסע וויע־דער געהט אונטער פון פסיכישער שווינדזוכט. דעם מארך'ם לונ־גען זיינען פערניכטעט, דער גלויבען צושלאגען, צופוילט, צופרעסען...

פאלק האט זיך צולאכט מיט א לאנג, נערוועזען געלעכטער.

— חא, חא, חא... איך האב זיך דערמאהנט אן א חבר מיי־נעם, וועלכער איז אויך געווען אזא איבער־מענש, ווי איך, למשל. אבער, צום בעדויערען, האט ער ניט פערמאגט מיינע כחות. און ער איז געשטארבען פון שכרות און זנות. ווען ער איז געשטארבען, בין איך אוועק אין רעסטאראן, כדי צו בעגרייפען, אז באליעס איז ווירקליך געשטארבען. איך האב געוואוסט, אז ער איז טוידט. כ'האב עס אבער ניט געקאנט פערשטעהן. אין רעסטאראן האב איך געפונען איינעם א דיקען, א פעטען דאקטאר, דעם אויסגע־לאסענסטען פון אלע, וואס איך האב ווען געקאנט. ער איז געווען זעהר שכור. איך האב זיך צוגעזעצט צו איהם און געזאגט: באר־ליעס איז געשטארבען. ער האט זיך אויף א מינוט פערקלעהרט.

— נו, טא וואס איז דא פאראן צו חדוש'ען זיך? — האט ער אין א ווייל'ע ארום געענטפערט. — טו ווי אזוי ניט חדוש'ן זיך? — פרעג איך — מען דארף האבען איבערצייגונגען — האט געענט־פערט דיזע בעזויפענדע חיה. — ווער עס האט איבערצייגונגען, דער שטארבט קיינמאל ניט.

פאלק האט זיך אויפגעהויבען, האט א רייב געטהאן דעם שטערען און אויף א מינוט ווי פערלארען זיין גאנצען געדאנקען־גאנג.

— איהר פערשטעהט נאָר, מיין טהייערער, מיט מיינע ליפּען רעדט איצט די פערצווייפלונג... איהר, טשערסקי, זיינט אזוי וואונ־דערליך גערעכט... מיין לעבען איז דאָס לעבען פון א קלעגליכען וואָרם, וואָס גריבעלט זיך אין זיין פּיין... א לעבען פון קליינליכער ליעבע.

ווי האָט איהר עס געזאָגט? ליעבע צו דער פאמיליע, און צו־געבונדענהייט צום הייזעל... זייט ניט בייז, וואָס איך דריק זיך אויס אזוי גראָב. אָבער איהר ווייסט דאָך: איך שפּיי אויף אַלץ: אויפ'ן לעבען, אויף זיך, אויף אייך... ניין, נאָר ניט אויף אייך, איהר זיינט צו גרויס, צו הייליג, אז איך זאָל קאָנען שפּייען אויף אייך.

פאַלק האָט זיך פּלוצלונג צוגעבויגען צו טשערסקי'ס האנד, און א קוש געגעבען זי מיט אזא פייערליכען טרויער. טשערסקי האָט צוטומעלט ארויסגעריסען זיין האנד.

פאַלק האָט לאַנג געקוקט אויף איהם, נישט רעדענדיג קיין וואָרט, דערנאָך זיך געזעצט און אָנגעשטרענגט זיין בליק אין דער לופט.

איהם האָט זיך געדוכט, אז זיין פיעבער איז פערשוואונדען. ער האָט ניט גאָר קלאָהר פערשטאַנען, וואָס ער האָט געטהאָן אָדער גערעדט. טשערסקי איז מיט א מאָל שטאַרק בלייך געוואָרען.

— צו־וואָס זיינט איהר געקומען צו מיר?

זיין שטים האָט געציטערט און זיך איבערגעריסען.

פאַלק האָט געקוקט, לאַנג געקוקט. עטליכע מינוט האָט זיך עס געצויגען.

— איך שווער אייך, אז איך בין געקומען אהער ניט צוליעב וועלכער פוסטער פאַנטאַזיע, ווי למשל...

— איהר רעדט ערנסט?

א נאָך קיינמאָל האָב איך ניט גערעדט ערנסטער...

טשערסקי איז אין אויפרעגונג געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, און מיט א מאָל געבליבען שטעהן.

— איך נעהם צוריק אַלעס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט נעכטען און היינט — האָט ער שטיל ארויסגערעדט, בעהערשענדיג,

מיט גרויס מיה, זיין אויפרעגונג. — איהר, פאלק, זיינט ניט קיין לומפ, ניט געמיין... פערציייהעט, וואס כ'האב איך געוואלט בע־ליידיגען...

עס איז ענטשטאנען א לאנגער שוויגען.

מיט אמאל האט זיך טשערסקי אויסגעדרעהט צו איהם.

— איך האב אייך ניט געקאנט, מיר האט זיך געדוכט, אז איהר האט גאר קיין געוויסען ניט... און מיך פערדריסט שרעק־ליך, וואס איך האב אלעס געשריבען צו סטעפאן.

— איהר האט פון אלץ געשריבען צו סטעפאן?

— יא.

פאלק האט א קוק געגעבען אויף איהם גלייכגילטיג.

— הם, מעגליך, אז וואס איהר האט געטהאן איז גאנץ גוט. איצט אבער בין איך שטארק מיעד. א גוטען טאג, טשערסקי. מיך פרעהט זעהר, וואס מיר צוגעהען זיך אלס פריינד. — און נישט געבענדיג איהם די האנד, האט ער זיך עפעס ווי מעכאניש אראפ־געלאזט פון די טרעפ.

8.

אונטען אין קארידאר האט ער זיך דערמאנט, אז ארייגגע־הענדיג האט זיך איהם אפגעדוכט, אז ער האט זיך אנגעשטויסען אן וועלכען פאליציייסקען שפיאן. ער האט אנגעצונדען א שוועבעלע, ארומגעקוקט זיך אויפמערקזאם — קיינעם ניט געזעהן.

מעגליך, אז איהם האט זיך עס אפגעדוכט, אדער ער האט גאר געליטען פון א מין פערפאלגונגס־מאניא... א קאלטער ציטער איז איבערגעלאפען איבער זיין לייב. וואהרשיינליך איז עס ווידער א פיבער.

און ער איז אלץ געגאנגען, און געגאנגען, אליין ניט וויסענ־דיג וואוהין.

און ענדליך האט ער גענומען קלעהרען... אהיים? צו־וואס אהיים? כדי קוקען אויף יענע מענשען, וואס מארטערען איהם מיט זייער ליעבע? צו וואס? ער האט אלעס אזוי געהאסט. אלץ, וואס האט געשעהן, איז נאר דערפאר, וואס דארט האט איהם

אימיצער געליעבט. פאלק'ן דארף קיינער ניט ליעבען. פאלק איז א חיה.

ניין... נישט קיין חיה, נאר א זעהר בעדויערנסווערטהער מענש.

מיאום איז, וואס איך האב געקושט טשערסקי'ס האנד... חא, חא, חא.... ווען מען האט שוין פאלק ניט געקושט די האנד. איצט אבער וועט ער זיך דערמיט מעהר ניט שעהמען, חע... חע...

איהם האט בעפאלען א שרעקליכער, פיינליכער באנג. ער איז געבליבען שטעהן און האט לאנג געקוקט גלייך פאר זיך.

א ניי לעבען אנגעהויבען? ניין, אויף דערויף סטייעט איהם קיין כחות ניט. און ניט עס וואלט גאר געווען בעסער ווי דאס איצטיגע. דאס בעסטע וואלט געווען, ווען די גאנצע וועלט וואלט איצט, באלד אומגעפאלען אויף איהם. איזא? איזא? גאט מיי־נער, צווישען איהר און מיר שטעלט זיך אוועק איהר גאנצע פער־גאנגענהייט — איהר פריהעריגער געליעבטער נעהמט ביי מיר דאס לעבען. נו, טו וואס נאך וויל איך פון לעבען?

קונסט? חע... חע... יא, איך בין געווען א קינסטלער, דאכט זיך איינער פון די גרעסטע, און איך האב געשאפען, ווייל איך האב געפיהלט, אז איך מוז שאפען, אבער מיט א מאל האט מיך אין דעם שאפונגס־מאמענט בעהערשט א פיינליכער געדאנק: צו וואס דאס אלעס? איך קוק אויף די מענשען, וועלכע איך בעשאף, נייע וועלטען עפענען זיך פון אונטער מיין האנד, — אבער דאס אלעס איז דאך אזוי לעכערליך, אזוי אונענדליך לעכערליך — טו ווי זאל מען דא שאפען, הערר טשערסקי, ווי... ווי? צום שאפען איז נויטיג גלויבען, און וואו נעהמט מען דיזען גלויבען, אז ער איז גאר ניטא?

ער האט זיך הויך צולאכט, אבער איהם האט עטוואס א שטאך געגעבען אין הארצען.

אך, הערר טשערסקי, איך וועל אייך שענקען מיין גאנצע קונסט, די גאנצע רוהם מיינע וועל איך אווארף טהאן צו אייערע פיס. מיט פערגעניגען וועל איך מיך אפזאגען פון דער פערגאנ־גענהייט, און דער צוקונפט, פון אלע דענקמאלע וואס מען וועט

מיר אמאָל שטעלען, פון אַלעם — בלויז פאר איין קליינינקער מינוט פון גליק... חע... חע... און איהר, הערר טשערסקי, נאָכפאָלגער פון אמת, איהר וואס ווילט געבען גליק צו מיליאָנען, פרופט, אדרבה, אייער כח — גיט עריק פאַלק'ן איין איינציגע מינוט פון גליק!

ער האָט מיט אמאָל אויפגעציטערט.

— וואָס האָט ער געזאָגט, טשערסקי, וואָס? האָט אַלץ אָנגעשריעבען סטעפּאַן'ען?

די אונרוהיגקייט, וואס האָט איהם מיט אמאָל בעפאַלען, האָט ביי איהם די לעצטע קרעפטען צוגענומען. אָנגעשריעבען סטעפאַן'ען... צוערשט האָט ער עס עפּעס ניט פערשטאַנען... בלויז ווערטער געהערט.... ביי איהם איז פּלוצלונג געבוירען געוואָרען א ווילדער פערלאַנג זיך צוריקקעהרען צו טשערסקי'ן, שלאָגען איהם, מיט די פיס טרעטען איהם, אראָפּדרעהען איהם דעם נאַקען...

אָבער מיט א מינוט שפּעטער האָט ער שוין פערגעסען אָן דיזער אויפרעגונג, בלויז א געפיהל פון שווידער האָט געמאַכט פּליסען זיין בלוט צום הארץ. ער האָט שווער געאָטהעמט, און האָט זיך געפיהלט זעהר שוואך.

ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, און אין הארצען האָט ער געשפּירט א מין שרעקליכע שווערקייט. עפּעס ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען. אזוי האָט עס ווייטער ניט געקאָנט געהן, ווייל ער וועט נאָך אין גאַנצען אונטערגעהן. און לעבען מוז ער, ער מוז געניסען, כאָטש נאָך א ביסעלע גליק מיט איזא'ן.

זיין מארך האָט גענומען ארבייטען מיט אויסעראָרדענטליכע ענערגיע. ער האָט געשפּרייזט מיט גרויסע שפּאַן און געקלעהרט, ווי וואונדערליך שעהן איזא איז. ווען ער וואָלט אָפּגעלעבט מיליאָנען יאָהרען, וואָלטען זיי זיך אַלע צונויפגעגאָסען אין יענעם איין מאָמענט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל איהר בליק געכאַפּט—און ווען ער וואָלט געווען צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, דאָך וואָלט זיין גאַנצער וועזען געווען קאָנצענטרירט אין דיזען בליק, וואס איז געווען אזוי פול מיט ליעבע.

חע, חע... א שעהנער געדאַנק... זעהר א שעהנער...

און ווידער אויפגעציטערט.

ער האָט מיט אמאָל דערזעהן זי אין די אָרעמס פון אן אנ־דערען.

ער האָט זיך אזש איינגעהויקערט פאר שרעק.

נאָר נישט דאָס, — ניין, ניין...

ער מוז זיך עגדליך בערוהיגען.

ריכטיג! אָן די סיגארעטען האָט ער נאָר פערגעסען. ער איז געבליבען שטעהן. ווי שפּעט קאָן עס איצט זיין? ס'איז נאָך קיין האלב עלף ניט. נו, — האָט ער פערדרויכערט א סיגארעט — כ'וואָלט נאָך איצט געקאָנט אריבערגעהן צו אָלגא'ן, שמועסען אביסעל וועגען מענשהייט, וועגען אידעאלען, חע, חע... זי איז דאָך א גוטע, און איך נויטיג זיך אזוי אין גוטסקייט... מיט אמאָל האָט איהם בעהערשט א מערקווירדיגער געדאנק, און האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען. איהם האָט זיך געדוכט, אז ער איז ארומגערינ־געלט פון שפּיאָנען און אָט, אָט ארעסטירט מען איהם.

זיין אונרוהיגקייט איז אלץ געוואקסען און איז איבערגעגאנגען אין א שרעק.

ער האָט זיך ארומגעקוקט. די גאס איז געווען איינגעוויקעלט אין א געדיכט פינסטערניש. מיט אמאָל האָט ער בעמערקט אימי־צען גלייך פאר זיך. פאלק האָט אויפגעציטערט, דאָך האָט ער זיך בעהערשט און גענומען קלערען; אויגענשיינליך איז עס א שפּיאָן. ט ווי רייניגט מען זיך אָפּ פון איהם? ער האָט זיך אומגע־קעהרט, איז פערבייגעגאנגען הארט נעבען איהם, אָפּמעסטענדיג איהם מיט א דורכדרינגליכען בליק. יענער האָט ווי ניט בעמערקט דאָס אלעס און איז זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג.

פאלק האָט זיך גיפטיג צולאכט.

— וואָס פאר א נארישע עצה: ער מאכט זיך, אז ער זעהט ניט, אָבער אין אמת'ען זעהט ער עס שוין גאָר גוט.

ט וואָס טהוט מען?

זעצען זיך אויף אן איזוואָשטשיק, אָבער צו וועט עס דען העל־פען?

ער איז אריין אין א רעסטאָראן, האָט געבעטען ביער, און גע־נומען אין האנד א צייטונג.

אין דער זעלבער מינוט איז אין רעסטאראן אריין נאך איי־נער, האט זיך געזעצט געגען פאלק'ן, און גאר אהן צערעמאניעס גענומען זיך איינקוקען אין פאלק'ן; אזוי, ווענינגסטענס, האט זיך איהם געדוכט.

פאלק האט פון מינוט צו מינוט ארויסגעקוקט פון הינטער זיין צייטונג און זייערע בליקען האבען זיך יעדעס מאל בעגעגענט.

דאס איז געווען אונערטרעגליך.

איהם האט בעפאלען א מין ווילדע פערצווייפלונג.

זיין הארץ איז מיט אמאל שטעהן געבליבען.

דער אונבעקאנטער האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגע־גאנגען צו איהם.

„פון דעסטוועגען איז ער עפעס ניט עהנליך צו א שפיאן!“ איז מיט אמאל דורכגעלאפען א געדאנק אין זיין קאפ.

— איז עס נישט מיט הערן פאלק האב איך די עהרע צו רעדען?

— איהר ווילט מיך ארעסטירען? גוט. אבער נאר נישט דא.

פאלק האט אין גאנצען געציטערט, און האט זיך אנגעשפארט מיט דער האנד אן טיש.

— איך פערשטעה אייך ניט — האט יענער אויסגערעדט פערוואונדערט.

פאלק איז צו זיך געקומען.

— איהר פאלגט מיר נאך?

— ניין. איך האב אייך צופעליג בעגעגענט. אמת, איך זוך אייך שוין א היבשע ביסעל צייט, אבער ניט איך שפיר אייך נאך, און ניט איך וויל אייך נאכשפירען. איך וואלט בלויז געוואלט רעדען מיט אייך וועגען א זעהר וויכטיגען ענין.

האט ער עס גערעדט ערנסט, אדער ער האט בלויז געוואלט פערנארען איהם אין נעץ?

— ווילט איהר מיך, הייסט עס, ניט ארעסטירען? נו, אויב איהר דארפט מיר דערצעהלען עטוואס, דאן מוזט איהר קומען צו מיר אהיים. — פאלק האט זיך גיפטיג צולאכט. — איצט אבער איז גאט אן עדות, אז איך האב ניט דעם מינדעסטען פערלאנג צו

פערנעהמען זיך מיט דיספוטען... אייך איז אפשר נויטהיג צו ווי־סען וועלכע איינצעלהייטען וועגען מיין אנטהייל־נעהמען אין דעם סטרייק פון די קוילען־מיינערס? חע, חע... נו, איז קומט אריין אמאָל צו מיר, וועלען מיר זיך דורכרעדען וועגען דעם.

פאַלק האָט זיך געזעצט. זיין הארץ האָט געקלאפּט מיט אַ שרעקליכער קראַפט, דאָס בלוט האָט איהם צום מארך צוגעפלאָסען.

דער אונבעקאַנטער האָט געקוקט אויף איהם אַלץ מיט מעהר חדוש. פאַלק האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען און איז ארויס פון רעסטאָראַן.

אויפ׳ן גאַס האָט ער אַ ביסעל אָפּגעאָטהעמט. אַלץ, וואָס איז ערשט פאַרגעקומען, האָט זיך איהם געדוכט, אז געוועזען איז עס אַ מאָל, אַ מאָל, מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק...

איין זאַך נאָר איז קלאָהר — ער איז ערשט ניצול געוואָרען פון אַ זעהר גרויסער סכנה...

חע, חע... וואונדערבאר! אָבער וואָס איז דען ניט וואונדער־באר אין דיזען שרעקליכען לעבען? — האָט ער געפרעגט זיך אליין מיט אַ קרענקליכען שמייכעל. — וואָס איז דען ניט וואונ־דערבאר? חאַ, חאַ, חאַ... וועלכער ניט איז גאַנץ אונבעקאַנטער מענש האָט ארויפגעוואָרפען אויף מיר אַזאַ העלישען שרעק.

ווי עס שיינט, איז עס גאָר ניט קיין שפּיאָן. גיכער פון אַלץ איז עס אַ מענש, מיט וועמען איך האָב זיך בעקאַנט אונטער׳ן גלעזעל, און וועמען איך האָב געשוואָרען פריינדשאַפט. איך האָב איהם מסתמא געזאָגט, אז ער איז דער בעסטער מענש, וועלכען איך האָב ווען בעגעגענט — און זעהר מעגליך, אז איך האָב איהם אָנגערופען מיין איינציגער פריינד...

פאַלק האָט לאַנג געלאַכט מיט אַ קאָנוואולסיווען, בייזען גע־לעכטער.

כאַ, כאַ, כאַ... איצט וועט דיזער סוביעקט אומלויפען איבער׳ן גאַנצען שטאָדט, און וועט דערצעהלען, אז ער האָט געזעהן פאַלק׳ן אַ שיכור׳ן, אז ער איז געווען ווי משוגע, אז ער האָט גערעדט פון וועג, אליין ניט פערשטעהענדיג זיינע ווערטער... כאַ, כאַ, כאַ...

מיט א מאָל האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט געוואָלט געהן צו אָלגאַ'ן.

עס איז טאַקע דאָ באַלד, גאָר נאָהענט.

9.

אָלגאַ האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט ווען זי האָט דערזעהן פאַלק'ן אריינגעהן.

— וואָס האָט זיך דיר עפּעס פערגלוסט, טהייערע אָלגאַ, צו בעזעצען זיך אויבען איבער א רעסטאָראַן? אויף אזא אופן קען מען צו דיר איצט קומען צו יעדער צייט ביינאַכט און בייטאָג, גאָר ניט אָנקומענדיג צום הויף־סטאָראָזש, און די שפּיאָנען קענען היטען דאָרט אונטען. כע, כע... איך לייד, דאַכט זיך, א ביסעל פון פערפאָלגונגס־מאַניאַ. אין יעדען איינעם בין איך גרייט צו זעהן א פּאָליציי־אַגענט.

ער האָט זיך נערוועז צולאַכט.

— מיר ווייזט זיך שוין אפילו אויס, אַז איך האָב אָנגענומען פּאָר א שפּיאָן עפּעס אַן אונבעקאַנטען, וועלכער האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט דער פראַגע: צי האָט ער ניט די עהרע צו ריידען מיט הערר פּאַלק'ן? דו בעקלעהר עס נאָר: די עהרע צו ריידען מיט הערר פּאַלק'ן!...

ער האָט מיט אמאָל איבערגעריסען.

— הער אויס, אָלגאַ, איך בין, דאַכט זיך, ווירקליך קראַנק. דו בערעכבען נאָר, איך האָב דאָך געפרעגט יענעם אונבעקאַנטען מענשען צו וויל ער מיך ניט אַרעסטירען?

אָלגאַ האָט זיך פון אָנפאַנג צולאַכט, דערנאָך אונרוהיג א קוק געגעבען אויף פּאַלק'ן.

— דו ביסט ווירקליך קראַנק. ווידער האָס האַרץ?

פּאַלק האָט זיך טיעף פערטראַכט.

— איך געה איצט פון טשערסקי'ן, — האָט ער מיט אמאָל אַרויסגעזאָגט, און א קוק געגעבען אויף אָלגאַ'ן.

— וואָס? ביסט געוועז ביי טשערסקי'ן?

— דיך וואונדערט עס? כע, כע... אָבער אין דעם ביסטו דאָך שולדיג. האָסטו דען ניט חושד געווען, אַז איך האָב איהם געשיקט געלד כדי פּטור צו ווערען פון איהם? און וויבאַלד דו האָסט עס געקענט קלעהרען, האָט ער דאָך אויך געקענט קלעהרען דאָס אייגענע. נו, איז בין איך אַריינגעגאַנגען צו איהם און גע־בעטען איהם: זיין ביי איזאַ'ן און לויז מאַכען מיך פון ליגען... מיר זיינען זיך יעדענפאַלס צוגאַנגען אַלס פריינד. מיר האָבען זעהר אַנגענעהם פילאָזאָפירט וועגען דעם איבערמענש, און דאָ בין איך געקומען צום שלוס, אַז דו און ער זיינען די איינציגע אמת'ע איבערמענשען, מיט דער אויסנאַהמע, מעגליך, פון אייניגע דאָקטוירים, וועלכע האָבען געוויסע פּרינציפּען...

— דו ביסט געקומען אַהער חוזק מאַכען פון מיר? — האָט אָלגאַ טרויעריג אַ קוק געגעבען אויף איהם, — איך האָב איין מי־נוט ניט געגלויבט, אַז דו האָסט אוים פיינהייט געשיקט טשער־סקי'ן געלד, און פאַר דער עהרע וואָס דו רעכענסט מיך פאַר אַן איבערמענש בין איך דיר אודאי זעהר דאַנקבאַר. איך נויטיג זיך אָבער ניט אין דעם, איך וויל בלייבען ניט מעהר ווי אַ מענש, פּשוט אַ מענש.

— וואָס פאַר אַ וואונדערליכער ענטפער! וואונדערליך! און ווירקליך... אויך מיר וואָלט ניט געשאַדט צו ווערען עס...

— ניט „ווערען" האָב איך געזאָגט, נאָר „פערבלייבען" עס.

ער האָט אויף איהר ערנסט אַ קוק געגעבען.

— יאָ, דאָס איז ריכטיג אין בעצוג צו דיר און טשערסקי'ן. איך אָבער דאַרף פריהער ווערען אַ מענש אום צו פערבלייבען אַזעלכער.

אָלגאַ האָט אַ וואָרף געגעבען אויף איהם כמעט אַ צאָרענדיגען בליק.

— איך געפין דיינע זעלבסט־ערנידערונגען און זעלבסט־פער־לוימדונגען אין גאַנצען פאַר זינלאָז. מיר דוכט, אַז דיר איז פּשוט מיאוס געוואָרען די ליעבע, וועלכע מען פּהילט צו דיר, און דו ווילסט זי אויף אַזאַ'ן אופן פערניכטען.

— יאָ, איך וויל עס! — האָט ער מיט אַמאָל אויסגעשריען

אין ווילדען צאָרן — איך וויל עס! איהר שטערט מיר צו זיין דאָס, וואָס איך בין אין דער ווירקליכקייט: אַ לומפּ, אַ געמיינער יונג! חאַ, חאַ, חאַ... איבריגענס, בין איך גאָר קיין לומפּ ניט, צום טייפעל! איהר לאָזט מיך ניט זיין שלעכט, זיין גרויס אין מיין שלעכטקייט, שאַפען דורך שלעכטקייט. איך פערראַכט אייער גוטסקייט, ווייל דאָס פיהרט אימער צו שלעכטעס. יאַ, ערשט איצט פיהל איך, ווי נישטיג אייער גוטסקייט און אייער ליעבע איז. און איך, נאַר, טאַנץ אַרום אייך און בעט ביי אייך אום פערצייהונג — פאַר וואָס?

מיט פערבאַפּטען אָטהעם האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ שטוהל און דורכדרינגליך אַ קוק געגעבען אויף אָלגאַ'ן.

— וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזאַ שרעק? איך בין אויף זיך אַליין בייז, פאַרוואָס איך האָב אַזוי פיעל אָנגערעדט. כ'האָב זיך געבוקט פאַר יענעם מענשען, אָבער בלויז דערפאַר, ווייל איך בין געווען אין פיבער... אַזוי שנעל, ווי איך וועל געזונד ווערען, אַזוי וועל איך באַלד דורכפיהרען אַ העלישען פּלאַן... אָט דו וועסט זעהן. ער איז שוין דורכגעטראַכט און אויסגעאַרבייט אין די מינדעסטע איינצעלהייטען. איך שווער דיר, אַז די גאַנצע קוילען-קאָמפּאַניע — חע, חע, אַ קאָמפּאַניע ווערטה צוואַנציג מיליאָן, — וועל איך רואינירען אין צעהן מאָנאַט, אָם העכסטען...

ער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ טריאומפירענדער מינע.

— ביידע, צוזאַמען מיט טשערסקי'ן, וועל איך עס טהאָן, ווייל מיר זיינען דאָך איצט פריינד. ער איז דער איינציגער מענש, פון וועמען איך קאָן ערוואַרטען הילף אין אַזאַ אַרבייט. ער האָט שרעקליך געליטען. איך האָב מיך אַפילו שטאַרק צוגעקוקט, אויב ער האָט ניט קיין גראָהע האָר אין קאָפּ. גראָהע האָר זיינען דאָך אַ רעזולטאַט פון לײדען? אָבער ווייסט, וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגען, אָלגאַ, כאַפּ זיך אַרונטער און ברענג אַ פלאַש קאָניאַק. איך בין עפּעס ניט געזונט. אָט איז געלד. דערנאָך וועל איך פיעל רעדען מיט דיר. איך וויל אָנפאַנגען אַ ניי לעבען. איך וויל זיך לערנען פון טשערסקי'ן. ער איז דער ריינסטער פון אַלע מענשען, — יאַ, ער און דו...

פאלק האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן סאָפע און האָט זיך פערטראַכט. אַלגאַ האָט געבראַכט קאָניאַק.

— וואונדערבאַר, ווי דאָס העלפט. און דאָס איז ניט קיין פאַנטאַזיע; מיין אָרגאַניזם ווערט ווירקליך ערוועגט פון קאָניאַק. איך וועל וואהרשיינליך קיינמאָל ניט שטאַרבען ווייל יעדע קראַנק־הייט בין איך גובר מיט דער הילף פון קאָניאַק.

פאלק איז מיט אַ מאָל געבליבען שווייגען און האָט זיך טיעף פערטראַכט.

— הער אויס, אַלגאַ, דו האָסט אַפנים געמוזט שטאַרק לייַ־דען דורך מיר? — האָט ער מיט אַ מאָל אַ פרעג געטהאָן.

אַלגאַ האָט ניט געענטפערט.

— פון מיין זייט איז עס אַ ודאַי זעהר ניט גוט, וואָס איך פערהאַלט דיך לעבען זיך שטענדיג. אָבער איך קאָן זיך ניט בעגעהן אָהן דיין ליעבע. מיר ווייזט זיך אַלץ אויס, אַז אין דיין אַנוועזענהייט ווער איך גאָר אַן אַנדער מענש.

— און דאָך טהוסטו אַלץ דיזע ליעבע צו פערניכטען.

— ניין, ניין, דו האָסט אַ טעות — האָט ער מיט היץ געענטפערט — מיך בעפאַלט בלויז אַ ווילדע שרעק צו פערלירען דיזע ליעבע, און איך ווער פערצווייפעלט — יאָ, פערצווייפעלט — האָט ער שטיל איבערגע'חזר'ט.

פאלק האָט זיך אויפגעהויבען און מיט אונרוהיגע שפאַן גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער.

— זאָג מיר, אַלגאַ, האָסטו ווען דורכגעלעבט אַזאַ געפיהל, — עפּעס ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען? אָט אַזאַ געפיהל האָט מיך נאָר וואָס דורכגעדרונגען. און דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. עס ווידערהאָלט זיך אַלץ אָפטער, אַזוי שוין כמעט פון אַ יאָהר צייט אפשר... הם... מעגליך, אַז דאָס איז בלויז אַ מיין מאָדנע איינרייַדעניש... איך האָב זעהר פיעל געליטען פאַר דער לעצטער צייט. נו, רעכען איך, אַז אַזאַ געפיהל איז אפשר די פאָלגע פון אַ מין היפּנאָטישער ווירקונג; עס שוועבט און פלעכט זיך דורך אין אַלץ, וואָס אַרום מיר, אין דער לופט, אין דעם אויס־דרוק פון אירגענד אַ געזיכט. אַלס סטודענטען פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען... וועלכע 6 חברים זיינען מיר געוועזן; מען האָט

פיעל געטרויקען, נאָר רעכט געהולטייעוועט און איין מאָל האָט געטראָפען, אז איינעם פון די בעטהייליגטע אין דיעזע הוליאנקעס האָבען בעפאַלען משונה׳דיג־שרעקליכע קאָנוואולסיעס. נו, און שטעל זיך פאָר: צווישען אונז איז געווען איין סטודענט, א יוריסט, שטארק ווי א דעמב; ווען ער האָט דערזעהען, ווי זיין חבר איז צונויפגעדרעהט פון וועהטאָג, האָט איהם בעפאַלען א ווילדער שרעק, און ער אַליין איז אויך אומגעפאַלען אין קאָנוואולסיעס... דער דריטער הויבט אָן שרייען ניט מיט קיין מענשליכע קולות, ווי אין שרעקליכער גסיסה... האָס זיינען געווען שוידערליכע, ווילדע קולות, וואָס האָבען געצויגען אַלע אָדרערן פון קערפּער... כ׳ווייס ניט מיט וואָס דאָס אַלעס וואָלט זיך גענדיגט, ווען דאָס גאַנצע הויז וואָלט זיך ניט צונויפגעלאָפען...

פאַלק האָט אויסגעווישט דעם שוויס פון שטערען און איז געווען טויט־בלאַס.

— כ׳ווייס ניט, אָלגא, צו וואָס איך דערצעהל עס דיר אַלץ, איך פיהל אָבער, אז איך מוז דערצעהלען. מיר מוטשעט עס שרעקליך, און קיין איינציגען מענשען האָב איך ניט, פאַר וועמען איך זאָל קאָנען אַלעס אויסדערצעהלען...

ער איז אַנשוויגען געוואָרען און א קוק געטהאָן אויף איהר. זי האָט אָנגעחאַפּט זיין האַנד. ווי שרעקליך ער האָט דאָן געמוזט ליידען...

— דערצעהל מיר אַלעס; אפשר וועט דיר דערפון לייכטער ווערען.

פאַלק האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען.

— איך האָב דער׳הרג׳עט א קינד...

אָלגא האָט אויפגעשפּרונגען.

— וואָס?

— יאָ, א זעבצעהניאָהריגע מיידעל... נישט דירעקט דער־הרג׳עט, אָבער... ער האָט שאַרף א קוק געטהאָן אויף איהר.

סע איז ענטשטאַנען א לאַנגער שווייגען.

— דערצעהל אַלעס, דערצעהל — האָט אָלגא ארויסגערעדט, אויפהויבענדיג זיך פון אָרט.

— און דו ווערסט מיך ניט פעראכטען דערפאר?

— ניין! — האט זי געענטפערט טרוקען.

— א וואך, א גאנצע וואך, האב איך געארבייט, כדי אומצו־ברענגען אן אונשולדיגע ריינע נשמה.

— ביסט דעמאלט שוין געווען פערהייראטעט?

— יא.

ער איז געווארען שטיל, און האט פארשענד געקוקט אויף איהר.

ווידער האט ארויסגעטראטען א קאלטער שווייס אויף זיין שטע־רען און זיינע ליפען האבען געציטערט.

א שטורם איז דעמאלט געווען... זי איז געווען אליין איבער'ן גאנצען הויז און טאקי דא האט זי זיך מיר אבגעגעבען. וואס ווייטער איז געווען ווייס איך זעהר ווייניג. כ'געדענק בלויז, אז מיט א טיעפען אונאויסדריקבארען פיין אין הארצען בין איך דעמאלט אוועק אהיים. בליצען האבען זיך דורכגעשניטען פון אלע עקען. איך געדענק נאך דעם בוים, וואס איז מיט אמאל ארומגעכאפט גע־ווארען פון פלאמען און אויף שטיקלעך צופאלען געווארען, דער־נאך בין איך קראנק געווארען, און א שטיק צייט בין איך געלעגען בעוואוסטלאז...

— דו האסט עס וואהרשיינליך געטהאן שוין אין א היץ־קרענק.

— ניין, די היץ־קרענק איז דערנאך געקומען.

— נו, און וואס איז מיט איהר געווארען?

— זי האט זיך דערטרונקען אויפ'ן צווייטען טאג, נאך דעם ווי איך האב איהר געזאגט, אז איך בין שוין פערהייראט.

ווידער איז ענטשטאנען א לאנגער, שווערער שווייגען.

„איצט ערשט דערמאן איך מיך, אז א גאנץ יאהר נאך איהר טוידט האב איך ווייניג געטראכט וועגען דעם. ערשט מיט א יאהר צוריק, ווען איך האב זיך צוריקגעקעהרט אהער פון פאריז, האב איך איינמאל פלוצלונג אנגעגעגנט אויפ'ן גאס איהר פא־טער. ער פאהרט יעדעס יאהר אויף בעדער מיט זיין קראנקער פרוי. אויך דעמאלט זיינען זיי געווען אויף בעדער... און דעמאלט טאקע האב איך דערוייל פערפיהרט זייער קליינינקע מאריט...

פאַלק'ן האָט בעפאַלען אַ פיינליכער שרעק. עס האָט איהם פערדריקט דער אָטהעם אין ברוסט, ווידער האָט זיך אָנגעהויבען אַ פיבער. ער האָט גערעדט גיך און שטיל:

— ווען איך האָב איהם אַזוי פּלוצלונג בעגעגענט אויפ'ן גאַס, האָב איך דערפיהלט אַ מין מעכטיגען שטויס, עפּעס ווי אַ בליץ וואָלט מיך נידערגעשלאָגען. איך בין געבליבען שטעהן ווי איינגעגראַבען, און האָב זיך ניט געקאָנט ריהרען פון אָרט, ווען אפילו דער הימעל אליין וואָלט אויף מיר דעמאָלט געפאַלען.

ער האָט זיך הייזעריג צולאַכט.

— יאַ... איך בין געשטאַנען, און דער אַלטער האָט געקוקט אויף מיר עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט טויטען מיך מיט זיין בליק. איך האָב זיך געוואָלט אָפּקעהרען, און האָב ניט געקאָנט... ער איז אין גאַנצען גראָה געוואָרען...

פאַלק האָט שווער געאָטהעמט.

— דערנאָך האָב איך דערהערט, ווי ער האָט הויך אויסגעשריען: „מערדער!" אין יענעם מאָמענט האָב איך פערשטאַנען, אז איך האָב געמוזט בעגעהן אַ שרעקליכען פערברעכען. אין דער זעלבער מינוט איז ער צו צו מיר, און איך האָב געזעהן ווי זיין האַנד האָט זיך אויפגעהויבען. איך האָב זי אָבער אין צייט צוגעהאַלטען און טאַקי באַלד אַ שטויס געגעבען איהם מיט מיין קולאַק, אז ער האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן און איז אומגעפאַלען...

פאַלק האָט דיעזע ווערטער כמעט ארויסגעשעפּטשעט.

אָלגאַ איז געזעסען פערדריקט פון אַ זעהר אונאַנגענעהמען געפיהל. מעכאַניש האָט זי אָנגעכאַפּט זיינע הענד, האָט זיי געדריקט און געטרויסעלט, און צו דערזעלבער צייט געקוקט אויף איהם מיט אַלץ אַ גרעסערען שרעק.

— אך, צו וואָס, צו וואָס מוזטו זיין אַזוי אונגליקליך?!

פאַלק'ן האָט מיט אַמאָל בעהערשט אַ געפיהל אַ וואַרף צו טהאָן זיך צו די פיס פון דיעזער פרוי. איהם האָט עטוואָס מיט קראַפט געשטויסען דערצו. ער האָט זיך בעהערשט מיט גרויס מיה.

— דו, דו... — האָט ער געמורמעלט.

מיט אמאל האט ער ארויסגעריסען זיינע הענד פון איהרע און האט זיך צולאכט אזוי הייזעריג אפגעהאקט.

— קוק ניט אויף מיר אזוי! מ׳דארף ניט! עס שרעקט מיך!

זיין קאפ האט זיך געדרעהט. ווידער האט ער גענומען רעדען גיך און אלץ געלאכט.

— דא אין שטאדט זיינען פאראן עטליכע ערטער אזוינע, וואו עס קאנען מיט אמאל פארקומען מיט איינעם משוגעת־אנפאלען. נו, איז אין איינעם פון דיזע ערטער — מיר דאכט, אז אין אפריקאנישען קעלער — בין איך איינמאל געזעסען מיט א חבר מיינעם, וועמען איך ליעב זעהר... חא, חא... אויך אן איבערמענש! ער האט אוועקגעפיהרט מיט זיך עפעס א קינסטלער׳ס א ווייב און איז נעלם געווארען, נישט לאזענדיג נאך זיך קיין שום שפור. קורץ, ער איז פערשוואונדען געווארען. אך, ווי איך האס איהם, איך האס איהם! — האט ער מיט אמאל אויסגעשריען. — איך האב ניט בעדארפט זיצען מיט איהם דעמאלט: ער האסט מיך אויך, בעזאנדערס איצט... דעמאלט אבער זיינען מיר געזעסען רוהיג און געטרונקען. מיט אמאל האבען זיך אונזערע אויגען צופעליג בעגעגענט. יא, צופעליג, אבער זיי האבען זיך שוין ניט געקאנט אפרייסען איינס פון דאס אנדערע. איך האב זיך געפרופט אפקעהרען, איז עס אבער געווען אונמעגליך: אונזערע אויגען האבען זיך איינגעזויגען איינס אין דאס אנדערע. נו, האט ער, אפנים אין א ספאזם פון א מין טהירישען שרעק, גענומען פלוצלונג אזוי שרייען, אז א קאלטער שוויים האט מיין גאנצען קערפער בעגאסען... אין אונזער נשמה איז וואהרשיינליך דא עטוואס אזעלכעס, וואס מען טאר ניט אנריהרען, זאנסט פערלירט דער מענש יעדער קאנטראל איבער זיך... חע, חע, חע!... דער אלטער האט מיט זיין בליק אויפגעדעקט דאס דאזיגע ארט אין מיין נשמה, און פון דעמאלט אן טריפט דאס בלוט אונאויפהערליך... פערפלוכטער אלטער, נעהמען זאל איהם דער טייפעל... חע, חע... דאס איז עטוואס, וואס ליגט פון יענער זייט בעוואוסטזיין, אבער גאר, גאר פון יענער זייט... נאפאלעאן, יא, נאפאלעאן, דיע־

זער גרעסטער פערברעכער אין דער וועלט, האָט זיך געקייקעלט אין קאָנוואולסיען, ווען ער האָט געהייסען טויטען דעם אנגיענער הער־צאָג... גלענצענדע ביישפּיעלע האָב איך... דאָס אלעס האָב איך לאנג און גרינדליך ערקלעהרט טשערסקי'ן, האָסטו ווען געהערט וועגען דעם, בי די רוימער פלעגען בעת זייערע פייער־טעג ארומ־טראגען איבער די גאסען דאָס הייליגע הארץ פון באקכוס? און ווער עס האָט דאָס הארץ געזעהן, יענער האָט געמוזט שטארבען... חאַ, חאַ, חאַ... די אלטערטהימליכע האָבען עס געוואוסט; זיי האָבען געוואוסט א סך מעהר ווי דאָס, וואס שטעהט געשריעבען אין אייער קאָמוניסטישען מאַניפעסט...

ער האָט מיט אמאל בעמערקט ווי אלגא קוקט אויף איהם מיט אונאויסדרוקבארען שרעק.

ער האָט זיך באלד בערוהיגט, דערנאָך צומישט א שמייכעל געטהאָן צו איהר.

— וואָס? שרעקסט זיך אודאי אביסעל פאר מיר?
ער האָט זיך געזעצט.

— געפינט זיך ניט ביי דיר עפּעס צום עסען? כ'האָב נאָך היינט ניט געגעסען.

זי האָט דערלאנגט ברויט מיט פּוטער, נאָר ער האָט זיך אפילו ניט צוגעריהרט צו דעם. ער איז אין גאנצען געווען ווי טיעף פערזונקען אין רעיונות.

אלגא'ן האָט בעפאלען אן אומעט. — איהר האָט שטארק וועה געטהאָן פאר'ן מענשען, וועמען זי האָט אזוי גרענצלאָז געליעבט מיט איהר שטארקער נשמה.

זיין פיבער איז איבערגעגאנגען אויך אויף איהר, און א וויל־דע בערוישונג האָט ארומגעכאפּט איהר נשמה. עפּעס א נייער געפיהל האָט זיך אין איהר אויפגעהויבען, וועלכער האָט מיט בריה־ענדער הייסקייט ווי געגאָסען זיך פון איהר הארץ. זי האָט גע־פיהלט ווי איהר גאנצער קערפּער איז ארומגעכאפּט פון א בריה־ענדען פלאטער. אָן אלץ האָט זי פערגעסען; א ווילדער אינערער טריעב האָט איהר בעפאלען; עס האָט זי געצויגען צו דיזען מענ־

שען; זי האָט געפיהלט, אז באלד וועט זי אויסשרייען צו איהם: נעהם מיך, נעהם מיך!

נור אָט האָט זי דערזעהן פאלק'ס אויגען, וועלכע האָבען אזוי מאָדנע, אזוי דורכדרינגליך געקוקט אויף איהר.

— אָלגא, איך מוטשע דיך?... איך וועל אוועקגעהן...

אָלגא האָט אין גאנצען אויפגעציטערט. דיזער מענש האָט, ווי עס שיינט, אלעס געלעזען אין איהר נשמה, און זי איז דערי־בער אזוי צוטומעלט געווארען, אז קיין איין ווארט האָט זי ניט גע־קאָנט ארויסרעדען.

און פאלק האָט זיך דערווייל ווידער, ווי פערגעסען צו זי עקזיסטירט גאָר ערגעץ אויף דער וועלט. ער האָט געשוויגען, פער־טיעפט אין די פריהערדיגע געדאנקען.

דערנאָך האָט ער זיך מיט אמאָל צולאכט מיט א מאָדנעם גע־לעכטער.

— אויך א פריינד מיינעם האָב איך דער'הרג'עט, מיין ווייב'ס געוועזענער חתן! אָבער זיין טוידט קימערט מיך א האָר ניט. איך בין צו איהם גראדע אזוי גלייכגילטיג, ווי וועלכע ניט איז חיה איז צו דער מעדיציייאישער וועטערא. דאָס איז וואהרשיינליך דערפאר, ווייל זיין טוידט איז פאר מיר געווען נויטיג, און האָט געהאט א זין. ווען ער וואָלט איצט געלעבט, וואָלט איך, דאכט זיך, פע־היג געווען נאָך אמאָל איהם טוידטען.

— הם... דו, אָלגא, קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען ווי דעלי־קאַט, ווי צארט מיין נשמה־סטרוקטור איז. א לאנגע צייט האָט איזא מיך איינגעהאלטען. איך האָב געפיהלט אזא שטארקע ליעבע צו איהר, אז מיין גאנצע נשמה איז געווען פול מיט איהר. אָבער מיט אמאָל, צו פערדאנקען גאנץ בעזונדערע געגענגעזעצטע שפּי־רונגען, האָט זיך אין דיעזען אונגעוועהנליכען סינטעז פאָרמירט א טיעפער שפּאלט... נו, איז... חע, חע... איז אין דיין הארץ ניטאָ אזעלכע קליינינקע צופרעסענדע ווערימלעך?... איך האָב ערגעץ גע־לעזען, ווי אימיצער זאָגט, אז ווען ער וועט זיך שטעלען פאר דעם אלמעכטיגען יענער ערשטוינט ווערען

פון די אונגעהויערע גרויסע לײדען אין זײן עהרענהאפטעס הארץ... הא, הא, הא... גוט געזאגט, אויסגעצייכענט.

ער איז אנשווייגען געווארען.

אלגא האט אנגעשפארט איהר קאפ אויף די הענד, און אויך געשוויגען און געקוקט אויף איהם.

— האסט אפשר א גלאז טהעע?

און מיט אמאל האט ער בעמערקט גרויסע טרעהרען, וועלכע האבען זיך שטיל געקייקעלט איינס נאך איינס איבער איהרע באַ־קען.

דאס איז געווען אזוי זאנדערבאר. איהר געזיכט איז ווי פער־גליווערט געווארען אין פיינליכען שמערץ, און קיין איין מוסקעל האט זיך דארט ניט בעוועגט.

פאלק האט דערפיהלט שרעק און א שארפען וועהטאג. ער האט עס ניט געקאנט צוזעהן.

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז שטיל, אונהערבאר ארויס פון צימער.

איהם האט געפייניגט א ביז איצט אונבעקאנטעס געפיהל. שאנדע האט ער געפיהלט. אזא זאך האט נאך מיט איהם קיינ־מאל ניט געטראפען.

— נאר נישט אהיים, נאר נישט אהיים! — האט ער מע־כאניש געמורמעלט פאר זיך.

דורכגעהענדיג די גאס, איז ער פלוצלונג שטעהן געבליבען פאר א גרויסען גלעזערנעם אויפשריפט, בעלויכטען פון אינוועניג: „גרינער נאכטיגאל.“

דער שטאדט־זייגער האט אין דער מינוט געשלאגען: צוויי. אהיים וועט ער נאך אנקומען. און ער איז אריין אין רעסטאראנט.

.10

אין א קליין צימעריל, „אונטער'ן גרינעם נאכטיגאל“, איז געזעסען נור איין מענש. ער האט שוואער אנגעשפארט זיין קאפ אויף די הענד, און איז געווען פערזונקען אין א טיעפער פער־טראכטקייט.

פאלק האט אויפגעציטערט.

הייליגער יעזוס קריסטוס! — גראדזסקי! פון וואנען האט ער זיך אהער גענומען? ער דארף דאך גאר איצט זיין אין דער שווייץ.... און אליין!

פאלק'ן האט בעפאלען אן אויסערגעוועהנליכע אויפרעגונג. ער האט זיך געזעצט ביים זעלבען טישעל און שווייגענדיג גענומען בע־טראכטען איהם.

אבער גראדזסקי האט, דאכט זיך, ניט געזעהן, אז אימיצער קוקט אויף איהם.

— ביזט איינגעשלאפען, צו וואס? — האט פאלק אונגע־דולדיג ארויפגעלעגט זיין האנד אויף איהם. ער איז געווען אויפ־געלעגט און אליין ניט געוואוסט פאר וואס.

גראדזסקי האט אויפמערקזאם א קוק געגעבען אויף איהם, און דערנאך צוריק איבערגעטראגען א פערטראכטען בליק אויף זיין וויין־גלאז.

— קאנסט גאר קיין ווארט ניט אויסריידען? — האט פאלק אויסגעשריען מיט כעס.

גראדזסקי האט ווידער א קוק געגעבען אויף איהם און א בייזער שמייכעל האט אויסגעקרימט זיינע ליפען.

פאלק האט געוואלט עטוואס זאגען, אבער צו דער זעלבער צייט האט ער בעמערקט, אז גראדזסקי'ס אויסזעהן איז פשוט שרעקליך. דאס פנים טויט־בלאס, די אויגען טיעף־איינגעפאלען, מיט א טויטען אונבעוועגליכען אויסדרוק אין זיי.

— ביסטו קראנק?

גראדזסקי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— טו וואס איז מיט דיר.

— הם, ווילסט וויסען?... אפשר גלוסט זיך דיר אויספרוא־ווען אויף מיר דיינע פריהערדיגע עקספערימענטען? חע, חע, ס'איז שוין פאראיבער יענע צייט, ווען איך האב זיך אין גאנצען אונטערגעגעבען צו דיין איינפלוס.

פאלק האט, דאכט זיך, ניט געהערט.

— מערקווירדיג — האט ער צום סוף ארויסגערעדט — וואס

גראָד היינט האָב איך גערעדט וועגן דיר און וועגן דיין היס־טעריע־אָנפאַל, ווען דו האָסט אזוי געשריען אין דעם אפריקאַנער קעלער. דו האָסט זיך דעמאָלט אויפגעפיהרט העכסט לעכערליך און ניט אַנשטענדיג.

פאַלק איז געווען שטאַרק אויפגעגט.

— אָבער זאָג, וואָס האָסטו דאָן אזוי געשריען? האַ? ווי אונאַנגענעהם איז מיר די בעגעגעניש מיט דיר.

גראָדזסקי האָט געקוקט אויף איהם פאַרשענד און האָט גע־שמייכעלט.

— מיר אויך. מיר, אפשר, נאָך מעהר. איך וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט וויסען, אז דו שלעפסט זיך אַרום דורך די נעכט, און אז אין דער צייט קאָן איך דיך אומעטום טרעפען. — ער האָט זיך בייז צולאַכט. — דו, אַלזאָ, האָסט זיך נאָך ניט אָפּ־געזאָגט פון הולטאַיסטווע?

פאַלק האָט פערטראַכטליך געצויגען מיט די אַקסלען. איהם האָט געטרייסעלט פון פיבער, אין האַלז איז געווען טרוקען, אין די אויגען פינסטער. ער איז טאַקי באמת קראַנק, הייסט עס. האָט אויסגעווישט דעם שווייס פון שטערען.

— ביי דיר איז, וואהרשיינליך, ווידער אַ פיבער? — האָט גראָדזסקי אַ פרעג געטהאָן מיט אַן אונבעשטימטען שמייכעל.

פאַלק איז אַלץ מעהר געבליבען אָהן כחות.

— יאַ, יאַ... איך בין וואהרשיינליך קראַנק, איך ווייס ניט אויף געוויס... אָבער דאָס וועט איבערגעהן... איך בין בלויז שרעקליך אויפגערעגט.

ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַ בעגעהר צו רעדען, וואָס מעהר רעדען. ער האָט געוואָלט פיעלעס פרעגען ביי גראָדזסקי׳ן, ער האָט אָבער פערגעסען וועגען וואָס אייגענטליך.

— אויך דאָס וועט איבערגעהן, ס׳איז ניט כדאי צו ערגערען זיך פון דעם. אַך, ריכטיג! פון יענעם סקאַנדאַל אָן. איצט טרעפען ביי מיר אָפטע פיבער־אָנפאַלען.

ער האָט לאַנג געטראַכט.

— אַך, יאַ, דאָס איז געווען אַ שרעקליכער סקאַנדאַל... דו

ביסט אנטלאָפען מיט יענער.... ווי האָט מען זי אָבער גערופען? און ווי אזוי ביסטו ווידער דאָ אויסגעוואקסען? און וואו איז זי?

— מסתמא געשטאָרבען — האָט גראָדזסקי ארויסגערעדט פער־מראכט.

— געשטאָרבען? געשטאָרבען? ווארט א ווײַלע, מיר דאכט, איך פערשטעה דיך ניט. מסתמא, געשטאָרבען, — האָסטו גע־זאָגט?

— איך ווייס ניט אויף געוויס. — גראָדזסקי האָט גערעדט אויסערגעוועהנליך לאנגזאם. — איך ווייס ניט צו וואס איך האָב זיך אהער צוריקגעקעהרט. איך ווייס קיין זאך ניט. איין מאָל, אין קאפע־הויז, האָב איך איהר געזאָגט, אז זי איז מיר צו־לאסט. נו, איז זי אוועקגעגאנגען. באלד אוועקגעגאנגען. דערנאָך האָב איך פערלארען מיין בעוואוסטזיין. מיין מארך האָט זיך ענטצונדען און איך האָב שוין ניט געקאָנט אונטערשיידען פון היץ־פאַנטאַ־זיען ביז דערווירקליכקייט. קיינער האָט מיר קיין זאך ניט דער־צעהלט און איך האָב ביי קיינעם ניט געפרעגט וועגען דעם וואס האָט פאסירט... נו, זעהסטו שוין, מעהר קאָן איך דיר גאָר ניט זאָגען, ווייל איך ווייס אליין ניט וואס ווייטער איז געוועזן. און איבריגענס געהט עס מיך גאָר ניט אָן אויך — פאר מיר איז דאָ שוין אלעס געענדיגט....

פאלק האָט געקוקט אויף איהם מיט שווידער...

— אליץ, וואָס דו דערצעהלסט — איז אמת?

— איך ווייס ניט אויב עס איז אמת. צו וועניג אינטערע־סירט עס מיך, אז איך זאָל וועלען דערגעהן דעם אמת.

מען איז אנשוויגען געווארען. א מינוט צעהן איז מען אזוי געזעסען אין א טיעפען שוויינען.

— הער אויס, פאלק, גלויבסטו אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה?

— כ׳גלויב.

— ווי שטעלסטו זיך עס פאָר?

— גלויבען שטעלט זיך קיין זאך ניט פאָר. אדער מ׳גלויבט,

אָדער ניט. אַ חוץ דעם גלויב איך גאָר אין קיין זאַך ניט... אָבער דו ווייסט טאַקי ווירקליך גאָר ניט וועגען איהר?

— וועגען וועמען?

— וועגען איהר!

— ניין, לאָמיר עס צורוה־לאָזען... הם, גלויבען — גלויבען... איך אַליין גלויב אויך אין קיין זאַך ניט, מיך בעפאַלט אָבער אַזא שרעק...

— אַ שרעק?

— יאַ, אַ שווידערליכער שרעק. וועגען דעם טראַכט מען דאָך קיינמאָל ניט. דאָס לעבען איז אַזוי לאַנג. ווען אָבער דער מענש וויל, אָדער, ריכטיגער, ווען ער מוז שטאַרבען, אָט דעמאָלט הויבט מען אָן קלעהרען וואָס נאָכ'ן טוידט וועט זיין. און איך האָב דאָך שוין געענדיגט אַלע חשבונות מיט'ן לעבען. און איצט וועל איך שטאַרבען, — האָט ער אין אַ מינוט אַרום צוגעזעצט מיט אַ משוגענעם שמייכעל.

— יאַ? ווילסט שטאַרבען? דאָס איז זעהר קלוג. קיין בעסערס קאָן איך דיר גאָר ניט ראַטהען.

ער האָט געקוקט אויף איהם נייגעריג.

גראָדזסקי איז געווען פערזונקען אין טיפען קלעהרען.

— דאָס איז אייגענטליך ניט קיין שרעק — האָט ער אָנגעהויבען אין אַ ווייל אַרום. — דאָס איז עטוואָס גאַנץ אַנדערעס. ווען עס קומט צו מיר דער וואונש צו טויטען זיך, פערליר איך מיין בעוואוסטזיין. איך קאָן נישט טראַכטען, און ניט קאָנטראָלירען מיינע האנדלונגען. מיך הויבט אָן פיבערען; איך וויל אָבער שטאַרבען אין פולען, קאַלטען, אויסגערעכענטען בעוואוסטזיין... און דאָס איז שרעקליך שווער. אמת, ס'איז דאָ אַ מיטעל דערצו. אין דער מינוט, ווען דו זאָגסט צו זיך אַליין: וועסט עס ניט טהאָן, ניט טהאָן — אָט דעמאָלט אָנדריקען די פרוזשינקע — איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט אָבנאַרען זיך...

דאכט זיך, אַז די גרעסטע טהייל זעלבסטמערדער נעהמען זיך דאָס לעבען נאָר אויף אַזאַ אופן. אָבער איך — וויל נישט אַליין זיך

אפנארען. איך וויל שטארבען מיט'ן פולען בעוואוסטזיין, אז איך שטארב.

פאלק האט די גאנצע צייט דורכדרינגליך געקוקט אויף איהם. איהם האט בלויז געוואונדערט פאר וואס אלץ, וואס גראדזסקי האט געזאגט, האט אויף איהם דעם מינדעסטען איינדרוק ניט געמאכט. בלויז דאס פנים גראדזסקי'ס האט איהם געוואונדערט. עפעס א מין טויטע מאסקע.

נאר מעהר פון אלץ האט איהם דער שמייכעל זיינער געוואונ־דערט. די ליפען האבען זיך אויסגעצויגען אזוי לאנגזאם, אזוי מעכאניש, אז עס האט זיך געדוכט, קיין איין מוסקעל זיינער בע־וועגט זיך ניט אין דעם. איהם האט זיך זעהר געוואלט וויסען וואס קומט איצט פאר אין גראדזסקי'ס נשמה.

— פאר וואס ווילסטו זיך טויטען?

זיין הארץ האט אונרוהיג געקלאפט.

— פאר וואס? פאר וואס? פונקט מיט דעם זעלבען רעכט וואלט איך דיך געקאנט פרעגען פאר וואס דו ווילסט נאך לעבען. דאס איז דאך א סך מערקווירדיגער. איצט ערשט פערשטעה איך דיך גרינדליך. איך האב זעהר פיעל נעטראכט וועגען דיר. דו האסט געשפיעלט א וויכטיגע ראלע אין מיין לעבען... טו פאר־וואס־זשע ווילסטו לעבען לענגער מיט דיין פערצווייפלונג, מיט דיין אונריינעם געוויסען?

ער האט זיך צולאכט.

— אלץ, וואס דו טהוסט, טהוסטו, ווייל דיין געוויסען פער־גריזשעט דיך ביז צום טוידט. און אויב דו רואינירסט וועמען, איז עס אויך נאר צוליעב דעם, כדי דו זאלסט האבען צו זיך אנדערע, וואס זאלען ליידען ווי דו. און פיעל, זעהר פיעל ליידען און פיין טראגסטו אין זיך, — נישט אמת, אפשר?

לאנג האבען זיי געקוקט איינס אויף דאס אנדערע. פאלק האט דערפיהלט א מין ווילדע אויפרעגונג געגען דיזען מענשען, און דיזע אויפרעגונג איז, דאכט זיך, איבערגעגאנגען אויף צו גראדז־סקי'ן. זיינע אויגען זיינען מיט אמאל בעלעבט געווארען, ברייטער געווארען, און אין זיי האט איצט געפינקעלט אן אויסדרוק פון

טויטליכען האס. פאלק האט געפיהלט ווי זיין געזיכט ציטערט קאנוואולסיוו — ער איז אויפגעשטאנען און צוריק געזעצט זיך.

ס'איז ענטשטאנען א מאמענט, ווען עס האט אויסגעוויזען, אז באלד וועלען זיי זיך ווילד ארויפווארפען איינס אויף דאס אנ־דערע מיט די קולאקעס — זיי האבען ניט געקאנט אפרייסען די אויגען.

און פלוצלונג איז דיעזער כשוף־צושטאנד פערשוואונדען.
גראדזסקי האט זיך פערטראכטליך צולאכט.

— חא, חא, דו האסט אויפגעהערט צו זיין געפעהרליך פאר מיר. דו ביזט איצט אונשעדליך — איצט איז עס בלויז די רואינע פון פריהערדיגען פאלק... א מאל האב איך דיך געליעבט, פיעל שטארקער, ווי דאס איז אימשטאנד צו פערשטעהן דיין אויסגע־לאשענע נשמה.

און באלד איז ער ווידער געווארען ערנסט, פינסטער־ערנסט. פאלק האט ניט געקענט אפרייסען די אויגען פון דיעזען געזיכט, פון דיעזער טוידטער מאסקע. ער האט כמעט ניט געהערט וואס גראדסקי האט גערעדט צו איהם. ער האט זיך איינגעזויגען מיט די אויגען אין זיין געזיכט איבערצולעזען דארט די שרעקליכע גע־היימנים.

— איך האב דיך זעהר, זעהר ליעב געהאט. א גאט ביסטו געוועזען אין מיינע אויגען! איצט אבער האב איך מיט אמאל דער־זעהן, אז דו ביסט — א מענש, א נישטיגער מענש. מיר דאכט, אז איך האב זיך ענדליך אויפגעכאפט פון א היפנאטישען שלאף. יא, דו ביסט ניט מעהר, ווי א מענש, א געוויסער מין מאלעפווי — א געמיינער מענש. ניין, ניין, איך האב דיך שוין ניט מעהר ליעב. אייגענטליך ווייס איך אפילו ניט פאר וואס? און קיינעם האב איך ניט ליעב. זי האב איך אויך ניט ליעב געהאט. מעגליך, אז דו וועסט עס אפשר אליין אמאל דורכלעבען. מיר קאנען נישט ליעבען. דאס אלעס איז בלויז א זעלבסט־נארעריי... דיך האב איך אויך שטענדיג מעהר געהאסט, איידער געליעבט... איך בין שטענדיג געשטאנען אויף דער וואך, און האב אויפמערק־זאם געהיט ניט ארייגצופאלען אין דער נאטור'ס געזעץ. און די

נאטור האט געוואלט מיך, א מענשען, איינפלאנטערען אין א נעץ פון ליעבשאפט...

— ווייסט, עריק, דו ביסט א נישטיגער מענש. אבער דו געהסט מיך אייגענטליך ווייניג אן.

ער האט לאנג געקוקט אויף פאלק'ן און צו.דערזעלבער צייט מעכאניש געשפיעלט מיט'ן וויין־גלאז.

— מעהר האב איך גאר ניט וואס צו זאגען. ס'ארא נארי־שער צופאל, וואס איך האב דיך בעגעגענט...

פאלק האט זיך בייז צולאכט.

גראדזסקי איז געווארען אליץ ערנסטער.

— און מעגליך... מעגליך, אז איך וואלט נאך געפיהלט צו דיר וועלכע אכטונג, ווען דו וואלסט איינגעווילליגט צו מאכען אן ענדע מיט זיך... ווייסט, עריק, אז עס איז גאר נישט מיין אב־זיכט צו פאזירען אלס א דורכדרינגליכער פסיכאלאג, עס גיבען אבער מינוטען, ווען מען לייענט אין א צווייטענס נשמה מיט אויסערגעוועהנליכער קלארקייט. איך זעה דיין טיעפע פערצווייפ־לונג, דיין שרעקליכען עקעל צום לעבען... אבער, וואס געהט עס מיך אן.

— דו חזר עס נאר ניט איבער אזוי אפט, ווען ניט וועל איך נאך אנהויבען גלויבען, אז די זאך איז גראדע דער היפך — האט פאלק געענטפערט מיט א בייזען שמייכעל.

גראדזסקי איז מיט אמאל געווארען שטארק אויפגערעגט. ער האט דאכט זיך, ניט געדענקט, וואס ער האט געזאגט מיט א מינוט צוריק.

— דו מיינסט, אדער ריכטיגער — איך מיין, אז אזא זאך קען מען גאר ניט וועלען. דו, טהייערער פאלק, וועסט עס טהאן דערפאר, ווייל דיר וועט זיך אויסווייזען, אז דו מוזט עס טהאן, איך אבער ו ו י ל עס טהאן. כ'וויל... כ'מוז... איך וועל זיך נעהמען דאס לעבען, ווייל איך וויל עס, און דו וועסט זיך אריינ־שיסען א קויל אין שטערען, ווייל דו וועסט זאגען צו זיך אליין, אז דאס איז נויטיג... כאטש איין מאל אין לעבען לאז מיך פיהלען די בעפרידיגונג פון דעם געדאנק, אז אט האט זיך מיר

פערוואַלט עטוואָס. עס איז דאָך אַזוי שרעקליך שווער צו וועלען עטוואָס. נאָך נעכטען האָב איך געוואָלט עטוואָס טהאָן, האָב איך זיך אָבער דערשראָקען, און פון פערצווייפלונג, אונבעוואוסטערהייט, האָב איך זיך אַ ביס געטהאָן אין פינגער. אין מענשען איז פאַראַן עטוואָס, וועלכעס ווערט שרעקליך עמפּערט געגען טוידט... ווען אפילו ער לייזעט דעם שרעקליכסטען פיין, יסורים, פון וועלכע די האָר אויפ'ן קאָפּ שטעלען זיך קאַפּויר — איז עס אַלץ גאָר ניט. איין איינציג מאָל אין לעבען האָט זיך מיין מאַרך פערגלוסט עטוואָס, און, מערקווירדיג: דער טוידט האָט זיך איהם פערגלוסט.

ער איז שטיל געוואָרען.

פאַלק האָט געקוקט אויף איהם אַלץ מיט גרעסערען שרעק.

— ווערסט טאַקע אויף אַן אמת, הייסט עס, ענדיגען מיט זיך?

גראָדזסקי האָט ניט געהערט זיין פראַגע.

— מען דאַרף עס אָבער ניט טהאָן אין אַ מאָמענט פון פערצווייפלונג. אַזוי ענדיגט דאָך יעדער פויער, מיט וועלכען מען בענגעהט זיך שלעכט אין קאַזאַרמע. מען דאַרף עס טאַקע טהאָן רוהיג... יאַ, פאַלקאָם רוהיג.

ער האָט אַ קוק געגעבען אויף פאַלק'ן מיט זיינע טוידטע אויגען.

— הער אויס, עריק. איינמאָל האָב איך געזעהען אַ בילד, וועלכעס האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיעפען איינדרוק: איינער טרעט אַריין אין דער הערשאַפט פון טוידט מיט לאַקירטע שיבעלעך און אונטערגעקאַטשעטע הויזען, געהט זיך אַזוי מיט גאוה. צוויי ליליען וואַקסען ביי די זייטען, און ערגעץ אונטען געצעצט העליש דער לאַנגוויילינגער טוידט. פערשטעהסטו עס: אַ טוידט, וועלכען עס איז לאַנגווייליג? און די נאַרישע מענשען מיינען, אַז דער טוידט, דאָס איז עטוואָס גרויסעס. פערשטעהסט: אַ אַ גלייכגילטיגער טוידט? פערשטעהסטו, וואָס דאָס מיינט, אַ גלייכגילטיגער און טויטליך־לאַנגווייליגער טוידט?

ער איז ווידער אַנשוויגען געוואָרען.

— איך קאָן ניט זאָגען, אַז איך האָב מורא. ניט אויף אַ מאָמענט וואָלט איך געפיהלט שרעק, ווען איך וואָלט נור געקאָנט אַריינלאָזען זיך אַ קויל אין שטערען. אָבער איך וויל שטאַרבען

אנשטענדיג, ניין, טאקע שעהן אויך. איך וויל ניט, אז מיין מארך זאָל א שפריץ טהאָן אין אַלע פיער עקען.... נו, איז זעהסטו, שרעק איך מיך פאַר די עטליכע סעקונדען, ווען דער מארך וועט נאָך לעבען, ווען דאָס הארץ וועט שוין לאַנג זיין פערשטאָרבען. דאָס גאַנצע לעבען וועט פאַרבייגעהן אין דיזע עטליכע סעקונדען. און מיט אמאָל וועט אָנקומען א שרעקליכער דורשט צו לעבען: אַלעס וועט אויסזעהן אזוי שעהן, אַ ווילדער בעגעהר צוריקצור-קעהרען זיך צום לעבען וועט איבערוועלטיגען; דערנאָך וועט אָנ-פאַלען א שרעק, אז באַלד, אַט, אַט וועלען פאַראיבערגעהן דיזע עט-ליכע מאָמענטען... און מיט איין קליינינקער מינוט שפּעטער וועל איך אויפהערען עקזיסטירען — אויפהערען דענקען, און איך וועל צעהלען יעדעס גרעזעל, בעטראַכטען יעדעס בלעטעל איבער זיך, כ'וועל טראַכטען איבער די מינדעסטע געגענשטענדען, אבי נאָר צו בהערשען, צו קאָנטראָלירען דעם מארך... אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועלען זיך די געדאַנקען אָנהויבען פּלאָנטערן און וועלען מיט א נעבעל פערצויגען ווערען. און שוין גאָר אין דעם לעצטען טויזענדטעל סעקונדע וועל איך א קלעהר טהאָן וועגען איהר, און א שרעקליכער שווידער וועט דורכדרינגען מיין קערפּער. דערנאָך וועט זיך אַלעס אָנהויבען דרעהען פאַר די אויגען אין אַ ווילדען טאַנץ פון פייערדיגע קרייזען. און איך וועל זיך דורשטיג איינקוקען ווי אַלץ דרעהט זיך, פערשווינדט און ווערט אויסגעלאָ-שען... נאָך א שווידער-ציטער. א שוואכער בליץ פון ליכט, בלויז פון איין קליין ליכט-פינטעלע, א לאַכעדיגע פינטעלע אין דעם שוואַרצען אויג פון כאַאָס... — גראָדסקי האָט ווי משוגע א שמייכעל געטהאָן, — און אַלץ איז צו ענדע...

א שווידער-ציטער איז דורכגעלאָפען איבער פּאַלק'ס לייב. אָבער נאָר אויף אַן אויגענבליק. דערנאָך האָט ער זיך אין גאַנ-צען בערוהיגט. און באַלד טאַקע האָט זיך צו איהם פער'גנב'עט אַן אונרוהיגע פיינליכע נייגעריגקייט: מיט זיין גאַנצער נשמה האָט ער איצט געגאַרט איינזויגען זיך אין גראָדסקי'ן און ארויסרייַ-סען פון איהם די געהיימניס, וועלכע וואָלט איהם פיעלייכט גע-האָלפען צו לייזען די לעצטע רעטעניש פון דאָס „זיין". אָבער זיין מארך איז געווען ווי פערוויקעלט אין א נעבעל; אין די אויגען

פינסטער; ער האָט געטרונקען דורשטיג, אָהן אויפהער.

און וויעדער האָט ער דערזעהן מיט שטוינענדער קלאָהרקייט גראַדסקי'ס טויטע מאַסקע, וועלכע האָט זיך איהם איינגעשניטען אין זכרון. אָט אַזוי, אַלזאָ, זעהט אויס אַ מענש, וואָס וועט אין אַ שעה אַרום שטאַרבען. אַריבערבויגענדיג זיך איבער'ן טיש, האָט ער געפרעגט געהיימניספאָל:

— וועסטו ווירקליך מאַכען אַ סוף צו זיך?

— יאָ, היינט.

— היינט?

— יאָ.

זיי האָבען אַ ווייל געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע. אָבער גראַדסקי האָט שוין, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט געזעהן. ער איז געזעסען אין גאַנצען בעוואוסטלאָז, אָדער ריכטיגער — אַזאַ איינ־דרוק האָט ער געמאַכט. ער האָט געקוקט ערגעץ אין אַ שרעק־ליכער, ענדלאָזער פוסטקייט. מיט אַ מאָל — צוגערוקט זיך צו פאַלק'ן און געפרעגט מיט אַ געהיימניספולער מינע:

— גלויבסטו, אַז דער הייליגער יאָאַן האָט זיך טועה געווען, ווען ער האָט געזאָגט: „דאָס ערשטע איז געווען דאָס וואָרט"?

פאַלק האָט געקוקט אויף איהם מיט שווידער. איהם האָט זיך געדוכט, אַז גראַדסקי איז שוין גאָר אין גאַנצען אַראָפּ פון זינען. זיינע אויגען זיינען געוואָרען אומנאַטירליך ברייט און האָ־בען אויסגעזעהן ווי צוויי שוואַרצע פינקלענדע קוגלען.

— דאָס איז אַ ליגען! — דאָס וואָרט — איז בלויז די אויסשטראַהלונג. געשלעכט האָט געשאַפען דאָס וואָרט. גע־שלעכט — אָט דאָס איז דער עיקר סובסטאַנץ פון דאָס זיין. זעה: אין מיר האָבען זיך צוקלאַפּט די לעצטע חוואַליעס פון זיין ענטוויקלונג... איך בין דער לעצטער. דו ביסט בלויז אַן איבערגאַנגס־שטאַפּעל, אַ קליין רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון ענטוויקלונג. איך אָבער בין דער לעצטער. אויף אַ גאַנצען הימעל שטעה איך העבער פון דיר. דו ביזט דער בעמיסטיגונגס־שטאַף פאַר דער ענטוויקלונג, איך — בין אַ גאָט!

— אַ גאָט? — האָט פאַלק איבערגעפרעגט מיט אַלץ גרע־סערער אונרוהיגקייט.

— באלד וועל איך ווערען א גאָט. גאָט — דאָס איז דער ענדליכער אויסדרוק פון דאָס „ניט־זיין“, דער שוים, וועלכען דער כאָאָס שפייט ארויס פון זיך. איך בין מעהר, גרעסער פון גאָט, אין מיר איז ענדליכער אויסדרוק פון דאָס „זיין“...

ער איז אויפגעשטאַנען. איבער זיין געזיכט האָט זיך צוגאָסען אַן אויסדרוק פון ערהאבענער פייערליכקייט.

— גאָט — דאָס איז די גוטהערציגקייט, דער צווייפעל און קומער פון דאָס „ניט־זיין“. איך — בין דער ווילען פון דאָס שעהנסטע שאַפונגס־ווערק — דער ווילען פון מיין מארך! — האָט ער אויסגעשריען. באלד אָבער האָט ער זיך ארונטערגעלאָזען פון דיעזער שטימונג.

א מין קראַנקהאַפטע אונרוהיגקייט האָט געבויערט פאַלק'ס מארך. אויב דאָס וועט זיך נאָך לאַנג ציהען, וועט ער ניט אויס־האַלטען... א היץ־קרענק וועט זיין מארך צושמעטערען. אַך, ווען ער זאָל שוין אוועקגעהן, ווען דאָס זאָל זיך שוין ענדיגען אמאָל. יע־דער מאָמענט איז געוועזען אַן אויביגקייט. מיט גרויס מיה האָט ער זיך געצוואונגען צו זיצען אויף אַן אָרט און געדולדיג וואַרטען ביז גראָדסקי'ן וועט זיך שוין אמאָל פערגלוסטען מאַכען א סוף — צו זיך.

מיט אמאָל האָט זיך גראָדסקי לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון אָרט עפּעס ווי ער וואָלט אליין ניט געוואוסט וואָס ער טהוט. ווי אין שלאָף איז ער צוגעגאַנגען צום טהיר און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טיעפער פערטראַכטקייט; דערנאָך, ווי ערוואַכט פּלוצלונג.

— פאַלק, גלויבסטו, אז עס עקזיסטירען אַנהענגער פון שטן?

— אין קיין זאַך גלויב איך ניט, און קיין זאַך ווייס איך ניט... אפשר אין ניו־יאָרק. אין קרים ערגעץ, צו ווייס־איך־וואו... — האָט ער געענטפערט ווילד פון אונגעדולד.

גראָדסקי האָט אַלץ געטראַכט פון עטוואָס. דערנאָך איז ער לאַנגזאַם ארויסגעגאַנגען פון צימער.

פאַלק האָט אויפגעאָטהעמט. עפּעס ווי א שווערער שטיין וואָלט זיך אראָפּגעקייקעלט ביי איהם פון הארצען. אָבער פּלוצ־לונג האָט איהם בעפאַלען א שרעקליכע אונרוהיגקייט. איהם

האָט זיך געדוכט, אַז איצט בלויז פֿערשטעהט ער קלאָהר, וואָס גראָדסקי וויל טהאָן.

ער האָט געוואָלט אַריינטראַכטען זיך אין דעם טיעפֿער און איז ניט געווען אימשטאַנד. זיין אונרוהיגקייט איז אַלץ געוואַקסען. אַ מין טהירישע שרעק איז איהם בעפֿאַלען און דאָס האַרץ האָט, דאַכט זיך, אויפֿגעהערט צו קלאַפּען.

ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין הוט, און צוריק זי אַראָפּגעשליידערט, אַרומגעשאַרט אין אַלע קעשענעס נאָך געלד, און ענדליך געפֿונען עטוואָס אין זשילעט-קעשענע, אַ וואָרף געטהאָן דעם קעלנער אַלץ וויפֿיעל אין האַנד איז געווען, און איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס.

פֿון ווייטענס האָט ער געזעהען, ווי גראָדסקי האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען אַ גאַס-זייגער און איהם אויפֿמערקזאַם אַרומגעקוקט.

פֿאַלק האָט זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנד כדי גראָדסקי זאָל איהם צופֿעליג ניט בעמערקען, און ווידער האָט איהם בעפֿאַלען אַ ווילדע אונרוהיגקייט — ווען, ווען־זשע וועט זיך עס שוין אַ מאָל ענדיגען!

נאָך אַ לאַנגען קלעהרען איז גראָדסקי אַוועק ווייטער. מיט זאָנדערבאַרער קלאָהרהייט האָט פֿאַלק געזעהען יעדע בעוועגונג זיינע, און האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע מאָדנע, אונזיכערע טריט... איהם האָט זיך געדוכט, אַז מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט קאָן ער בעשטימען די סעקונדע, ווען זיין פֿוס וועט זיך אויפֿהויבען און זיך צוריק אַרונטערלאָזען.

דערנאָך איז זיין אויפֿמערקזאַמקייט ביסלעכווייז שוואַכער געוואָרען. ער האָט זיך בלויז אָנגעשטרענגט צו געהן וואָס שטילער. דאָס איז געווען זעהר שווער. עס האָבען וועה געטהאָן די פֿינגער פֿון די פֿיס. אָבער דיזער וועהטאָג האָט געווירקט בערוהיגענד.

ער האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט פֿערשטעהן וואָס דיזע נייגעריגקייט, אונרוהיגקייט און פֿיינליכער אונגעדולד האָט געקאָנט בעדייטען.

נאָך לאַנג איז ער נאָכגעגאַנגען גראָדסקי׳ן, ביז ער האָט גע־זעהען ווי יענער האָט זיך פערקירעוועט צום פּאַרק.

פאַלק איז אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז ער האָט זיך גע־מוזט צושפאַרען צום וואַנד, ניט אומצופאַלען. זיינע נערוועז זיי־נען געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז דער מינדסטער שאָרך האָט איהם געמאַכט וועהטאָג. פון ווייטען האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון רעדער, אימעצענס געלעכטער... ער האָט אַלץ שטאַר־קער געציטערט, די ציין האָבען געקלאַפּט.

איצט מוז עס ענדליך געשעהן. ער האָט פערמאַכט די אוי־גען... אָט, איצט, איצט... עס האָט פערדריקט די האַרץ; פערכאַפּט דעם אָטעם.

מיט אַמאָל איז אין זיין קאָפּ דורכגעלאָפען האַסטיג ווי אַ בליץ דער געדאַנק: און טאָמער וועט ער גאָר ניט הערען דעם שאָס. דאָס בלוט האָט גערוישט, געקאָכט אין די אויערען. אפשר איז ער גאָר ניט אימשטאַנד צו הערען עטוואָס.

ער האָט זיך מיט אָנשטרענגונג צוגעהערט.

און ווי, אויב ער האָט שוין גאָר ניט בדעה צו טוידטען זיך — האָט ער אַ קלער געטהאָן און אין צאָרן צונויפגעדריקט די קולאַקעס. מעגליך, אַז גראָדסקי האָט עס בלויז געלאַכט פון איהם. געוויס, ער וועט זיך ניט טוידטען — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט אין ווילדער אויפרעגונג.

און אין דער מינוט האָט ער דערהערט אַ שאָס.

אַ ווילדער שרעק האָט זיין גאַנצעס וועזען דורכגעדרונגען. איהם האָט זיך געוואָלט שרייען פון שרעק, זיין גאַנצע נשמה האָט זיך געריסען צו דיזען פערלייכטערענדען, רעטענדען געשריי, זיין האַלז אָבער איז געווען ווי מיט שטריק פערצוויגען, בלויז אַ פערשטיקטער כריפּ האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסען. און פּלוצלונג האָט איהם אָנגעפילט אַ פריידענס־געפיהל, וואָס אַלץ האָט זיך שוין געענדיגט, און וויעדער האָט אין איהם אויפ־געבּרענט אַ ווילדער האַס צו דעם מענשען, וועלכער האָט איהם פערשאַפט אַזוי פיעל ליידען.

ער האָט זיך צוגעהערט. ס׳איז געווען אַזוי שטיל. און

מיט יעדען נערוו זיינעם האט ער זיך איינגעזויגען אין דיזער שטילקייט און האט זיך אלץ ניט געקאנט זאט אנהערען. איהם האט זיך געדוכט, אז מיט ברייטע שטראמען גיסט זיך דיזע שטילקייט אין זיין נשמה.

מיט אמאל אבער האט איהם בעפאלען א ברענענדער וואונש צו זעהן גראדסקי'ן, אריינקוקען אין זיינע אויגען, זעהען יענע פייערדיגע קרייזען, וועגען וועלכע ער האט נאר וואס גערעדט... פארזיכטיג האט ער א שפאן געטהאן ווייטער, טיעף אפגעאטהעמט, נאר אין דערזעלבער מינוט האט איהם בעפאלען א ווילדער שרעק— א געפיהל אקוראט ווי ער אליין וואלט דיזען מארד בעגאנגען. זיינע קניע האבען געציטערט. דאס בלוט האט צום הארצען גע־פלאסען.

און ער האט זיך געלאזט געהן ווייטער, א ציטערענדער, א שוואנקענדער — נישט וויסענדיג קלאר, וואס ער טהוט...

מיט א מאל האט ער דערהערט הינטער זיך אימעצענס שפאן. ער האט זיך דערמאנט, אז אויך פריהער האט ער זיי געהערט, און מיט די לעצטע קרעפטען האט ער גענומען געהן גיכער און גיכער, און ענדליך גענומען לויפען גאר ניט קלערענדיג וואו און וואוהין. זיינע פיס האבען זיך געפלאנטערט. עטוואס האט איהם געצוויגען, צוריק געשטויסען. ער איז געלאפען און אין קאפ האט אפגעהילכט א שרעקליכער גערויש, א טומעל. איהם האט זיך געדוכט, אז באלד, באלד וועלען אלע אדערען אין זיין קאפ פלאצען.

בעגאסען מיט שוויים איז ער אריינגעלאפען אין א קארידאר און געפאלען אויף די טרעפ אין חלשות.

ווי לאנג ער איז אזוי געלעגען, האט ער ניט געוואוסט. ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער זיך לאנגזאם אויפגעהויבען אויף די טרעפ, האט שטיל געעפענט די טהיר פון זיין צימער און א ווארף געטהאן זיך אויפ'ן בעט.

פלוצלונג אבער איז ער וויעדער אויסגעוואקסען אין גאס.

דיזעס האט איהם געוואונדערט ביז צום שטוינען. ער האט ניט געקאנט פערשטעהן ווי אזוי האט ער געקאנט ארויסגעהן פון

הויז. די טהיר איז דאָך געווען אויפ'ן שלאָס פערשלאָסען, און ער געדענקט ניט, אז ער זאָל זי אָבשליסען.

ער איז געבליבען שטעהן פערטראַכט.

מאָדנע, זעהר מאָדנע... אָט איז עפּעס א ניי הויז אויפ'ן ווינקעל. ווי אַזוי האָט ער עס ביז איצט ניט בעמערקט. ער האָט איבערגעלעזען א גרויסען אויפשריפט אויף דער פאָדער־וואַנד: „ביורא פון בעערדיגונגס־פּראָצעסיעס"... ער האָט אויפגעציטערט. צו וואָס, א שטייגער, האָט ער זיך אַזוי פערקוקט אויף דיזען נארישען הויז? ער נויטיגט זיך דאָך ניט פּאָרלויפיג אין אזא ביורא... האָט זיך געוואונדערט פאַר וואָס דיזע נארישקייט האָט איהם מיט א מאָל אַזוי בעאונרוהיגט.

אימעצער איז דורכגעגאַנגען לעבען איהם; א מענש אין א לאַנגען סורדוט, אויף וועלכען עס האָט געפעהלט א קנעפּעל. דאָס האָט פאַלק זעהר גוט בעמערקט.

אָט געהט ער דורך א גרויס פּלאַץ, וואו עס פאָהרען עקי־פּאַזשען היין און צוריק, אָבער קיין מענשען האָט מען פון דאָרט ניט געזעהען, און קיין איינציגע זילבע האָט זיך פון דאָרט ניט געהערט. פערקעהרט, ארום האָט א טוידטע שטילקייט געהערשט.

דאָס האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט. אן אונפערשטענדלי־כער שרעק האָט דורכגעדרונגען זיין גאַנצען קערפּער; ער האָט זיך געוואָלט אריינטראַכטען אין דער אורזאַכע פון דיזען שרעק, אָבער אין זיין מאַרך האָבען זיך געדרעהט, געפּלאָנטערט פערנעבעלטע, זאָנדערבאַרע בילדער, אין די אויגען האָט, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט געשפּרונגען, א צוריסענע אין פורפור־שטיקער.

ווידער זיך בערוהיגט, און האסטיג געגאַנגען ווייטער, — אָבער וואוהין? וואוהין?

אהא, אָט האָט זיך געענדיגט די גאַס, און באַלד טאַקי פאַנגט זיך אָן דער פּאַרק.

ער האָט אויפגעציטערט. איהם האָט געטרייסעלט פון שרעק, פון פיבער. ווייטער האָט ער ניט געקענט געהן. איצט האָט זיך די גאַנצע וועלט צושאָטען אויף מיריאַדען שפּרינגענדע פלעקען, עהנליך צו ברענענדע שטיקער שנעע.

ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס מיט איהם טהוט זיך. האָט פערמאַכט די אויגען, אָבער עטוואָס האָט איהם געצוואונגען צו קוקען אויף אַ בעשטימטען שווארצען פונקט — אָן דאָרט — דאָרט איז געלעגען גראָדזסקי, אויסגעצויגען, אויפ'ן רוקען.

איצט האָט ער נישט געפיהלט מעהר קיין שרעק, נור אַ ווילדע אונפערשטענדליכע נייגעריגקייט.

גראָדזסקי'ן האָט ער געזעהן ניט זעהר קלאָהר. בלויז דעם קאָפּ זיינען. די אויגען זיינען געווען פערמאַכט. דאָס מויל ברייט אָפען. לאַנג האָט ער געקוקט אויף דיזער טוידטער מאַסקע, און מיט אַ מאָל האָט איהם אַ ווילדער צאָרן בעפאַלען. ער האָט דער־פיהלט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד צו ריהרען זיך פון אָרט.

פון גרוים ליידען האָט ער געוואָלט אויפהויבען זיין האנד, און האָט ניט געקאָנט. דאַן האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע קרעפ־טען צו פאַלען אויף די קניע און אויף אַלע פיער אוועקקריכען. ער האָט אָבער דאָס אויך ניט געקאָנט. ניט געקאָנט אָפּרייסען די אוי־גען פון דעם טויטען קערפּער. אַ פערצווייפעלטער, האָט זיך איהם אָפּגעדוכט, אַז דעם טויטען'ס ברעמען הויבען זיך אויף און אין זיינע אויגען האָט אויפגעבליצט אַ בייז, גיפטיג געלעכטער.

דאָס איז געווען שרעקליך.

יאַ, די אויגען האָבען געפינטעלט, דאָס איז גאַנץ קלאָר. זיי האָבען איהם, דאכט זיך, גערופען, און די צועפּענטע ליפּען האָבען זיך מיט אַמאָל אויסגעקרימט אין משונה'דיגע הויות.

פּלוצלונג האָט זיך צו איהם אַן אייז־קאַלטע האַנד צוגעריהרט, און איבער זיין קערפּער האָט זיך צוגאָסען אַ קבר־קעלט.

ער איז אויפגעשפּרונגען עפּעס ווי פון אַ דונער געטראָפען.

ארומגעקוקט זיך, וואו איז ער איצט? איז עס בלויז אַ חלום געווען... פערפלוכטעס פיבער!

אַך, וואָלט זיך עס נאָר ניט ווידערהאָלט מעהר.

שרעק האָט זיין מאַרך געשפּאָלטען. ער האָט מעכאַניש ארונ־טערגענומען דעם קאָלנער. די זאַפּאַנקע איז אראָפּגעפאַלען. לאַנג געזוכט, מיט אויסערגעוועהנליכער אנשטרענגונג, און וואָס לענגער, דאָס נערוועזער, אונגעדולדיגער. געזוכט אומעטום, ער האָט געצי־

טערט פון אויפרעגונג, דעם גאנצען פאַל מיט די הוילע הענד ארומ־געשאַרט, אונטער׳ן בעט ארונטערגעקראַכען, ארויסגעשאַרט אַלע פּאַפּיערען פון אונטער׳ן טיש, ווילד געשליידערט זיי הין און צוריק, — געוויינט, געקריצט מיט די ציין פון פערצווייפלונג, און צום סוף מיט גרויס מיה אויפגעהויבען דעם שווערען טעפּיך, וואָס האָט צו־געדעקט דעם פּאָל.

דאָרט איז געלעגען די זאַפּאַנקע.

ער איז געווען איבערגליקליך. דאכט זיך, קיינמאָל איז ער נאָך ניט געווען אזוי גליקליך. פאַרזיכטיג האָט ער געלייגט די זאַפּאַנקע אויפ׳ן טיש, נאָך א מאָל אויפמערקזאם א קוק געגעבען, צו ליגט זי דאָרט ווירקליך, און מיט א געפיהל פון פאָלקאָמער בעפרידיגונג זיך געזעצט ביים פענסטער.

עס האָט שוין אָנגעהויבען ליכטיג ווערען. ער איז אין גאנצען צו זיך געקומען. ביי איהם איז, אלזאָ, געווען א שטאַרקער פיעבער־אָנפאַל. אפשר א רוף טהאָן איזא׳ן? אָך, ניין, ניין, זי וואָלט געשטאָרבען פון שרעק. מען דאַרף שטענדיג האָבען מאָרפיום צום האנד. עס איז אן אונפערצייהליכע לייכטזיניגקייט נישט צו האָבען ביי זיך שטענדיג וועלכע בערוהיגענדע מיטלען...

ער מוז אָנשטרענגען זיין גאנצע ענערגיע נישט צו פערלירען דאָס בעוואוסטזיין. אָך, דיעזע שרעקליכע, עקלהאפטע היץ־פּאַנ־טאַזיע...

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט געעפענט דאָס פענסטער, און באַלד ווידער געבליבען אָהן כחות... בלויז איין מינוט פון רוה... איין קליינינקע מינוטקעלע וויל ער... ער האָט זיך צוריקגעלעגט אין בעט אריין...

אַלעס ארום איז געווען פערשטאָרבען אין א מין שרעקליכער, קראַנקהאַפטער שטילקייט. טויזענדע פייערלעך האָבען געבליצט אויף די ווייטע טאַרף־הויפענס, האָבען זיך געטראָגען אין א ווילדען געלויף און זיך געלאָשען. די ביי־וועג בוימלעך האָבען געקרעכצט, געבראָכען זיך און ווי צושאָטען געוואָרען אין א קבר־צופוילטקייט...

א הונד האָט זיך צויאָמערט אין א דערבייאיגען דאָרף, א

צווייטער האָט איהם געענטפערט מיט א פערצוויגענער, ביטערער יללה...

און מיט א מאָל האָט די זעלבע פערצוויגענע ביטערע יללה דער־הערט דאָ ביי זיך הינטער'ן פּלייצע.

זיין הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען, און דאָס קלאָגען האָט זיך דערהערט נאָך העכער... א שרעקליכער שלוכצען, דער־נאָך מיט א מאָל שוידערליכע געשרייען...

ער האָט זיך אויסגעדרעהט אין א קאָנוואולסיווען שוידער־שרעק, — און האָט קיין זאַך ניט געזעהן. קיינער איז דאָרט ניט געווען, דאָך האָט ער געפיהלט עטוואָס דאָ לעבען זיך, ער האָט גע־הערט ווי עס שלוכצעט, וויינט, יאָמערט, און שרייט.

שרעקליך. וואָס ווילסטו? — האָט ער אויסגעשריען, — דאָס איז ניט איך! ניט איך! איך בין ניט שולדיג! ניט איך האָב עס געטהאָן, — האָט ער געשריען, אליין ניט וויסענדיג וואָס ער רעדט — לאָז מיך, מאַריט, לאָז!

איהם האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדוכט, אז אימיצער טרייבט איהם אין א העלישען געלויף מיט א פייערדיגער בייטש, און זיין רוקען איז אין גאנצען צוהאַקט, מיט בלוט פערלאָפּען. און ער איז אלץ געלאָפען, ווי א ווילד משוגענער, ער האָט זיך געמוזט ארויס־ראַטעווען פון דעם, געמוזט...

די ערד, אָבער, איז צואווייקט געוואָרען פון שטענדיגע רע־גענס, און ער האָט ניט געקענט מעהר ריהרען זיך פון אָרט, די פיס האָבען געזונקען אין זומפּ, צום מאָל פלעגט ער ביז'ן גארטעל פער־זינקען; בלויז נאָך איין מאָל אַרויסרייסען זיך, און דאַכט זיך אָט, אָט וועט ער שוין ארויס אויף א טרוקען אָרט, נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט איהם א אונזיכטבאַרע האנד אָנגעכאַפּט פון הינטען און צוריקגעשליידערט אין שמוץ אריין. ער האָט זיך געשטיקט, געוואָרגען, די שמוץ איז איהם אין מויל געקראָכען, און אין זיין לעצטער נסיסה האָט ער ענדליך געמאַכט ניט קיין מענשליכע אָנ־שטרענגונג, האָט זיך ארויסגעריסען, ארויסגעקראָכען פון'ם זומפּ און וויעדער זיך געלאָזט לויפען, דעם מאָל איבער א הארטען, אויס־געטראָטענעם וועג. און וויעדער האָט ער דערהערט הינטער זיך

קרעכצען, געוויין און פערצווייפעלטע געשרייען. דאס בעוואוסט־זיין, די כחות — זיי פערלאזען איהם, ער קען שוין ניט לענגער — אט, אט וועט קומען זיין סוף...

מיט א מאל איז ער געבליבען שטעהן ווי איינגעגראבען: אויפ'ן מארק־פלאץ פון קליינעם שטעדטעל איז געשטאנען א גרייז־אלטער מאן און מיט זיין בליק האט ער איהם צו דר'ערד צוגע־שמידט. ער האט ניט געקענט אריבערטראגען דיעזען בליק, האט זיך אבגעקעהרט, אבער וואוהין ער האט ניט געקוקט, אומעטום האט ער געזעהן הונדערטע פון דיעזע שרעקליכע, גרויזאמע בליקען, וועלכע האבען איהם געגריזשעט, געבריהט, געבויערט, געריסען די נשמה פון קערפער; זיי האבען געברענט מיט נקמה און האבען איהם איינגעצוימט אין א פייער־קרייז. ער איז צוגעפאלען צו דער ערד, און האט געוואלט אויף וועלכען ניט איז אונבעמערקבארען אופן ארויסרייסען זיך פון דארט, אבער יענער פייער־קרייז האט איהם איינגעצוימט נאך ענגער — אויס פערצווייפלונג האט ער בעשלאסען נאך איין קוק טהאן, און ווידער האט ער דערזעהן דעם גרייז־אלטען — מאריט'ס פאטער!

— מערדער! — האט דער אלטער אויסגעשריען — מערדער!

אין דער זעלבער מינוט האבען הונדערטע פויסטען זיך אויפ־געהויבען גרייט אראפצולאזען זיך אויף איהם אין א העלישען האג־געל, און מאכען פון איהם אש. מיט א שרעקליכען, ניט קיין מענש־ליכען שפרונג האט ער זיך ארויסגעריסען פון דיעזען המון, איז צוגעלאפען צו זיין הויז, איז אהן אטהעם אריינגעשפרונגען אין ערשטען עטאזש און האט פערהאקט די טהיר.

צוגעשפארט זיך צום וואנד און גענומען ווארטען. א לאנגע מינוט איז פאראיבער. דאכט זיך אן אייביגקייט האט זי זיך גע־צויגען. ווי מיט א האמער האט דאס בלוט געקלאפט אין זיינע שלייפען, געררוישט אין די אויערען מיט אזא קראפט, אז ער האט מורא געהאט דאס גערויש זאל איהם ניט אויסגעבען. די כחות האבען איהם אין גאנצען פערלאזען. די ציין האבען געקלאפט. ער האט זיך אראפגעלאזט אויף די קניע.

פּעסט צוגעשפּאַרט זיך צום וואַנד... נאָך פעסטער — די וואַנד וועט דאָך איהם אונטערהאַלטען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

ער איז אויפגעשפּרונגען.

מאַריט! דאָס איז זיכער מאַריט!

און ווידער אַ קלאַפּ אין טהיר.

אַ גאַנצע עביגקייט איז דאַכט זיך פאַראיבער. און מיט אַ מאָל האָט ער דערזעהן ווי די טהיר האָט זיך אָנגעהויבען עפענען.

ווילדער שרעק האָט ווי מיט אייז פערגליווערט אַלע זיינע אברים. מיט דער גאַנצער משא פון זיין קערפּער האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף דער טהיר, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איהר, אָנשטרענגענדיג אַלע זיינע כחות, וועלכע זיינען צעהן מאָל גרעסער געוואָרען אויס פערצווייפלונג. די טהיר אָבער האָט זיך געעפענט אַלץ ברייטער, אַ מין אונגעהייערע קראַפט האָט איהם אָבגעשטויסען אַלץ ווייטער: דער שפּאַלט, צוערשט אַ שמאָלינקער, איז אַלץ גע־וואַקסען און געוואַקסען — אַט האָט זיך דורך איהם דורכגעשטעקט אימיצענ'ס קאָפּ, און ער האָט דערזעהן שרעקליכע אויגען, אין וועל־כע ניט קיין מענשליכער ליידען איז פערקיהלט געוואָרען.

פאַלק האָט ארויסגעלאָזט אַ פערצווייפעלטען געשריי.

פאַר איהם איז געשטאַנען אַן אונבעקאַנטער מענש.

וואָס איז דאָס! אַ נייע היץ־פאַרשטעלונג? — האָט ער אַ קלעהר געטהאָן. און אפשר איז עס אַ ווירקליכקייט? אפשר בין איך אראָפּ פון זינען? — האָט ער זיך געפרעגט מיט שוידער, און האָט מיט אַ מאָל דערזעהן אויפ'ן שרייב־טיש די זאַפּאַנקע. איז עס, הייסט עס, ניט קיין היץ־פאַנטאַזיע... דיזער בעזוך פון דעם אונבעקאַנטען מענשען.

ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט, געזעצט זיך צום טיש און מיט שרעק געקוקט אויפ'ן אונבעקאַנטען, וועלכער, פון זיין זייט, האָט אויך איינגעקוקט זיך אין איהם מיט אַזאַ מאָדנער קראַנק־האַפטער רוהיגקייט.

אַ סך צייט איז פאַראיבער.

— דאָרט זיינט איהר עס דורכגעגאַנגען? — האָט פאַלק גע־

פרעגט אונרוהיג און האָט אָנגעוויזען אויפ'ן טהיר.

דער אונבעקאַנטער האָט בעשטימט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

פאַלק האָט מיט אָנשטריינגונג געטראַכט. עפּעס אַן עראינע־רונג האָט דורכגעבליצט אין זיין מאַרך.

— נעכטען האָט איהר, דאַכט זיך, געוואָלט רעדען מיט מיר וועגען עטוואָס ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן?

— יא, אמת. איהר קענט מיך ניט. איך אָבער קען אייך. כ'פלעג אייך גאַנץ אָפט בעגעגענען. ענטשולדיגט וואָס איך פאָלג אייך אַזוי נאָך, איך מוז אָבער מיט אייך איבעררעדען וועגען אייניגעס. איהר, דאַכט זיך, זיינט געפּלאָגט פון אַ שווערען חלום. גאָט מיינער, ווי בעקאַנט דאָס איז מיר. איך האָב עס אַלץ איבערגעלעבט שוין גאָר אין דער לעצטער צייט... איהר האָט געשריען... נו, געווים. ווען אַ מענש כאַפּט זיך פּלוצלונג אויף... איהר זיינט זעהר נערוועז, און איך האָב דעריבער בעשלאָסען, אַז מען דאַרף נאָר אַ ביסעל לענגער קוקען דורכדרינגליך אייך אין די אויגען און איהר וועט זיך באַלד אויפכאַפּען... אַזוי איז טאַקע געוועזען. אייערע נערוועזן זיינען אַפּנים שטאַרק אויסגעמאַטערט. דאָס האָב איך נאָך נעכטען בעמערקט, ווען איהר האָט געפרעגט אויב איך וויל אייך ניט אַרעסטירען. איהר האָט מיך קיין וואָרט ניט געלאָזט אויסרעדען. אמת איז, אַז איך זוך אייך שוין לאַנג, אָבער בעגעגענט האָב איך אייך נעכטען גאַנץ צופעליג.

— ווי אַזוי זיינט איהר אריין צו מיר אין צימער?

— די טהיר אין קאָרידאָר איז ניט געוועזען פערשפּאַרט. איך בין אריין און האָב אָנגעקלאַפּט, און אַזוי ווי קיינער האָט מיר ניט געענטפערט, האָב איך געעפענט די טיהר... איך פלעג אייך אָפט בעגעגענען... און עטליכע מאָל האָב איך אייך געזעהן צוזאַמען מיט איהם.

— אָבער וואָס זשע פאַרט ווילט איהר? מיט וואָס קען איך אייך דיענען? — האָט פאַלק אויסגעשריען שוין מיט אויפרעגונג.

דער אונבעקאַנטער, אָבער, האָט שיינבאַר גאָר ניט געוואָלט בעמערקען פאַלק'ס אויפרעגונג.

— נו, טו רעדט שוין, רעדט! — האָט פאַלק אויסגעשריען שוין אין גאַנצען פערלירענדיג זיין געדולד.

און דער אונבעקאַנטער האָט ווידער געקוקט אויף איהם מיט דער זעלבער אוננאַטירליכער רוהיגקייט:

— שלאָג מיר ניט איבער... יענער מענש, אַלזאָ, מיט וועמען איך האָב אייך דערמאַלט געזעהן, האָט אָוועקגעפיהרט מיין ווייב. — ענטשולדיגט... פרויען קען מען מיט גוואַלד ניט אָוועקפיהרען... כאַ, כאַ... וועגען דעם האָב איך אַ טעאָריע... מיינע אייגענע... דער מאַנסביל — דאָס איז אַן אינזעקט, אַ קנעכט ביי דער פרוי, און אַ קנעכט קען דאָך ניט אָוועקפיהרען מיט גוואַלד זיין ווירטהין.

— דאַכט זיך געווג קוטשערס זיינען דאָ אויף דער וועלט, וועלכע האָבען אַנגעפּלאָדעט אַ היבש ביסעל קינדער מיט זייערע הויף־געבוירענע ווירטהינס — האָט זיך פאַלק ציניש צולאַכט.

דער אונבעקאַנטער האָט, דאַכט זיך, ניט געהערט.

— די פרוי האָט בעשאַפען דעם מאַן, זי איז די ערשטע... די פרוי האָט געצוואונגען דעם מאַן צו ענטוויקלען זיינע קרעפטען העכער פון דעם מעגליכען גרענעץ...

ער איז מיט אַ מאָל צומישט געוואָרען און האָט אַ קוק געטהאָן אויף פאַלק'ן מיט אַזאַ מאָדנעם, האַלב משוגענעם שמייכעל.

— טו הערט, — האָט ער ווידער אָנגעהויבען און האָט גע־היימניספול געשמייכעלט. — צו וואָס, אַ שטייגער, האָט דער פרי־מיטיווער מענש צום ערשטען מאָל גענומען אַ שטיין האַלץ אין האַנד? דאָך צוליעב דעם, כדי צו בּאָרען זיך פאַר דער ז י, בכדי הרג'ענען זיין געגנער. ניט אמת, אפשר?

— ניט אמת! — האָט פאַלק גראָב געענטפערט.

— איהר, הערר פאַלק, זיינט אַ געבילדעטער מענש, און אַלס אַזעלכער, וועט איהר אודאי זאָגען, אַז דאָס איז געווען דער זאָגע־נאַנטער קאַמפף אום'ס־דאַ־זיין... אָה, ניין, ניין... איהר האָט אַ טעות. דער קאַמפף אום'ס־דאַ־זיין איז ניט מעהר ווי אַ פאָלגע, און אָנגעהויבען האָט זיך דיעזער קאַמפף ערשט דאַן, ווען עס איז געקומען צו אונזער לוסט־בעפרידיגונג...

אָט דיעזעס לעצטעס איז געווען יענער מיטעל, דורך וועלכען

די נאטור האט געגעבען צו פערשטעהן דעם מענשען, אז ס'איז כדאי אנצופאנגען א קאמפף אומ'ס־דא־זיין...

ער איז בלייך געוואָרען, איז געוועזען שרעקליך אויפגערעגט.

אָבער איך בין ניט געקומען ארויפצוווארפען אויף אייך אן אומעט מיט מיינע טהעאָריען. ניין, ניט צוליעב דעם בין איך גע־קומען. פאר מיר איז עטוואס אנדערעס וויכטיג... עטוואס גאנץ אנדערעס.

ער האט זיך אונרוהיג ארומגעקוקט.

— איך וועל אייך זאָגען עפּעס, אָבער נור אייך אליין... איהר האט אויף מיר געמאכט א זאנדערבארען איינדרוק... דער מענש, וועלכער האט פערפיהרט מיין פרוי, מיין איך וועמען מיין פרוי האט פערפיהרט, האט מיר דערצעהלט זאנדערבארע זאכען וועגען אייך.

פאלק האט אלץ מעהר פערלאָרען זיין גערולד. קיין העלפט פון דעם אונבעקאנטען'ס רייד האט ער ניט פערשטאנען.

— איילט זיך צו א ביסעל! איהר זעהט, איך בין קראנק. מיך פיבערט שטארק.

דער אונבעקאנטער האט מאָדנע א שמייכעל געטהאָן.

— אויך דאָס האָב איך אריבערגעטראָגען. מיר איז זעהר שלעכט געוועזען די לעצטע צייט.

ער איז נאָך בלייכער געוואָרען, זיין פנים איז דאבט זיך אין גאנצען גרין געוואָרען, און נאָך נעהנטער האט ער זיך צוגערוקט צו פאלק'ען.

— מיך האט עטוואס געשטויסען צו קומען צו אייך, גליקליך מאכען אייך. הייגט, ווען איהר זיינט אזוי געלאָפען פון מיר...

א ציטער איז דורכגעלאָפען איבער פאלק'ס קערפער. איז עס ווירקליך ניט מעהר ווי א היץ־פאנטאזיע? איהם האט בעפאלען אן אונרוהיגקייט. דעם אונבעקאנטען'ס אויגען האָבען זיך די גאנ־צע צייט איינגעזויגען אין איהם.

— וואָס? וואָס זאָגט איהר?

— איך וויל אייך גליק געבען.

דער אונבעקאַנטער איז געבליבען שטיל און האָט זיך פערקלעהרט.

פאַלק האָט געקוקט אויף איהם צושטריים. א קאַלטער שוויים האָט ארויסגעטראָטען אויף זיין שטערען. ער האָט געציטערט ווי א בלאַט. אויפ׳ן אונבעקאַנטענ׳ס סורדוט האָט געפעהלט א קנעפעל. אָבער וואו, וואו האָט ער דיעזען מענשען געזעהן? נעכטען, יאָ, נעכטען — אָבער דאָס איז דאָך ניט געווען קיין חלום — אַך, ניין, אין יענעם פערפלוכטען רעסטאָראַן.

דער אונבעקאַנטער האָט, דאַכט זיך, מיט מיה געזוכט ווערטער אויסצודריקען זיינע געדאַנקען.

— איז איך בעקאַנט אזא מין מאָדנער געפיהל פון רוהיגקייט? ניין, געוויס, איהר קענט עס ניט וויסען... דאָס איז א געפיהל פון אזא וואונדערבארער הארמאָניע... פיהלסט ניט קיין שמערץ, פיהלסט ניט דיין אייגענעם קערפּער; דער מענש בעפרייט זיך פון אַלע קערפּערליכע קייטען. ער פערטיעפט זיך אין עטוואָס ענדלאָזעס. עס ווערט ברייטער דער שטח; מיילען ציהען זיך אויס אין מיליאָנען מיילען. שמוציגע קאַנורעס וואַנדלען זיך אום אין פּאַלאַצען. און איהר אליין ווייסט ניט וואו איהר זיינט, איהר שטעלט זיך ניט פאָר קיין וועג, קיין ריכטונג...

זיינע אויגען האָבען געברענט מיט בעגייסטערטען עקסטאַז.

און ווידער איז א ציטער דורכגעלאָפען איבער פאַלק׳ס קערפּער.

— אין איין סעקונדע לעבט איהר דורך יאָהרהונדערטע גאַנצע; אויף א קליינעם אונבעדייטענדען שטח זעהט איהר טויזענדע גרויסע שטעדט... ווי שעהן, ווי פּראַכטפאָל!

זיינע אויגען זיינען מיט א מאָל אויסגעלאָשען געוואָרען. דאָס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין א פּייַנליכער מינע.

— צוערשט בעפאַלט דעם מענשען א שווינדעל־שרעק. ווען די ערד הויבט אָן ציטערען אונטער די פיס, הויבט אָן צו שוואַנקען, ווען מיט א מאָל וואַקסט מען אויס אין א פרעמדער שטאָדט, אין אן אונבעקאַנט לאַנד, — עס פלעגט טרעפען, אז איך פלעג טאַקע פּשוט פאַלען אויף די קניע פאַר די פארבייגעהר, און בעטען זיי

זאָלען ערלויבען כאָטש צוריהרען זיך צו די זוימען פון זייערע קליי־דער... אָה, דאָס זיינען געוועזן שרעקליכע נסיון־מינוטען?...

— ליידט איהר ניט פון עפּילעפּסיע? — האָט פאַלק געפרעגט אַ פּערטרייסעלטער.

— אָך, ניין, ניין... — דער אונבעקאַנטער האָט וואהנזיניג געשמייכעלט. — איך בין ניט קראַנק, כ'בין גליקליך. און איך בין געקומען אהער צו געבען אייך אויך אזא גליק...

ער האָט זיך צוגערוקט נאָך נעהנטער צו פאַלק'ען און שוין אויפ'ן אויער געשעפּטשעט איהם:

— דיעזע נסיון־מינוטען זיינען זעהר שווער. איהר וועט זיי אָבער קענען אריבערטראָגען. שליידערט אָפּ פון זיך אַלע געדאַנ־קען. אַלע, אבסאָלוט אַלע... זיי זיינען דאָך די זיכערסטע גייס־טעס־אָנשפּארונג פאַר דעם, וואָס צווייפעלט אין אַלץ, וואָס ווידער־שפּרעכט אַלץ. וואַרפט ארויס אַלץ פון אייער מאַרך, בעפרייט זיך פון צווייפעל, און דערנאָך זעצט זיך און קאָנצענטרירט זיך אין גאַנצען אזוי, אַז אַלע כחות פון אייער אָרגאַניזם זאָלען זיך צונויפגיסען אין איין פונקט, אַז איהר זאָלט זיך קענען דערפיהלען אַלס אַטאָם, אַלס זיך בעוועגענדער, קליינינקער אַטאָם אין דעם וועלט־אַל און דערנאָך וואַרט לאַנג און געדולדיג... אייך וועט פּלוצ־לונג איבערוועלטיגען אַ מין שרעקליכער כאָאָס, אַ תהום וועט זיך פאַר אייך עפענען, עקעלהאַפטע, זאָנדערבאַרע בעשעפעניסען וועלען ארויסקריכען פון אַלע ווינקלען.

זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַן אוננאַטירליכען פייער.

— איהר וועט דערהערען אַ העלישען יאָמער־געשריי, אַ רעַ־וועָן, די וועגד וועלען לעבעדיג ווערען, זיי וועלען זיך רוקען אויף אייך צו דערשטיקען, צוריבען אייך... איהר וועט דורכלעבען אזא פּיין, אין פערגלייך מיט וועלכען געוועהנליכער מענשליכער פּיין וועט שוין זיין אַ פערגניגען. און מיט אַ מאָל וועט אַלעס פערשוויג־דען... אייך וועט עטוואָס ארויספיהרען אין דער וועלט אריין, דאָס גאַנצע לעבען וועט מיט זעלטענער קלאָהרהייט פאַרבייטראָגען זיך פאַר אייערע אויגען... ניטאָ מעהר קיין געהיימניסע, קיין רעטעניש...

ניטאָ מעהר קיין פּיין, קיין שמערץ, קיין צאָרן, קיין האַס... איך האָב ליעב דעם מענשען, וועלכער האָט צוגענומען מיין ווייב, איך בין איהם נאָכגעגאַנגען היינט, ווען ער איז געגאַנגען זיך דאָס לעבען נעהמען, — צוזאַמען מיט אייך בין איך איהם נאָכגעגאַנגען. איך האָב איהם געוואָלט ראַטעווען, אָבער אין אַ מינוט פון טויט דאַרף מען ניט שטערען.

פּאַלק איז געוועזן אויסער זיך.

— אָבער וואָס ווילט איהר פון מיר?

— איהר זיינט שולדיג אין זיין טויט. ווי וואַקס איז ער געוועזן אין אייערע הענד. איהר זיינט געוועזן זיין גאָט און איהר האָט רואינירט זיין נשמה, מיט גיפט האָט איהר זיך אָנגעטרונקען. איהר האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער איז געוואָרען אַ פער־ברעכער געגען זיך און געגען אַנדערע. הערט מיך אויס, הערר פּאַלק, געהט נאָך מיר...

דער אונבעקאַנטער האָט שטרענג געקוקט אויף איהם. אָה, ווי פערהאַרטעוועט אייער הארץ איז געוואָרען! וואָס זיינט איהר געוואָרען אזוי בלאַס? וואָס ציטערט איהר? יאָ, ער ליעגט אויף אייער געוויסען.

— ווער? ווער?

— גראָדסקי, — האָט דער אונבעקאַנטער ארויסגעשעפּטשעט.

פּאַלק האָט ארויסגעלאָזט אַ קרעכץ; זיין קאָפּ האָט אויפ'ן ברוסט אראָפּגעהאַנגען. און פּלוצלונג האָט ער זיך אַ ריס געטהאָן און אויסגעשריען:

— איך האָב קיין חרטה ניט דערויף. די גאַנצע וועלט וואָלט איך געוואָלט חרוב מאַכען און פערניכטען. איך לאַך פון אייערע מיסטישע פּלוידעריייען. איך דאַרף זיי ניט. איך שפּיי אויף גליק. מיך פערדריסט בלויז איין זאַך: צו ווייניג האָב איך חרוב געמאַכט. — פערשטעהט איהר מיך?

— דער גייסט פון אַל־דאָס בייז! פון אַל־דאָס בייז! — האָט דער אונבעקאַנטער געשעפּטשעט אין שרעק.

באַלד אָבער האָט זיין געזיכט בעקומען אזא ווייכען אויסדרוק און זיין שטים איז געוואָרען כמעט אַ צערטליכע.

— איהר זיינט קראַנק. איך וויל אייך מעהר ניט מיעד מאַכען... איך בין אייך נאָכגעגאַנגען, געקימערט זיך פאַר אייך, ווען איהר האָט געוואָרט, אַז גראַדסקי זאָל שוין אַ מאָל אויסשיסען.

ווידער איז ער געוואָרען אויפגערעגט. זיין שטים האָט געציטערט.

— איהר האָט לאַנג גערעדט מיט איהם פאַר דעם. האָט ער אייך ניט געזאָגט עטוואָס וועגען מיין ווייב?... ער האָט זי אוועקגעוואָרפען... איצט וועט זי צו גרונד געהן.

— ער האָט מיר קיין זאַך ניט געזאָגט... אָבער געהט שוין אַ מאָל פון דאַנען! מיין נשמה ציהט איהר פון מיר... געהט אייך, געהט

פאַלק האָט געפיהלט, אַז מעהר קען ער שוין ניט אויסהאַלטען.

— איהר זיינט אַזוי קראַנק, אַזוי קראַנק... זייט ניט בייז אויף מיר, הערר פאַלק, איך געה שוין, כ'געה...

און לאַנגזאַם איז ער אַרויסגעגאַנגען. פאַלק אָבער האָט קיין זאַך ניט געהערט און ניט געזעהן. זיין קאָפּ האָט זיך געדרעהט, דער צימער האָט געשפּרונגען פאַר זיינע אויגען — און ער איז געפאַלען אין חלשות...

.11

פאַלק האָט מיט אַ מאָל אויפגעוואַכט. וואָס איז דאָס? ער הערט קלאָר אַ געזאַנג, אַ מין מיסטישע באַסאָווע שטים, און ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג טראָגט זיך פון ערגעץ אַן איינציג טרויעריג קול, אַ דיסקאַנט. זיין נשמה האָט אויפגעציטערט און זיך געריסען צו יענער געטליכער מעלאָדיע פון וועלכער ער איז געוואָרען אַזוי בעטרונקען בעצויבערט. ווי געטליך דאָס איז! דער טרויער, דאָס בענקען, און די שווערינקייט, וואָס האָט געפּרעסט זיין ברוסט, אַלץ האָט, דאַכט זיך, גענומען צוגעהן, אין עטוואָס געמליכעס זיך אין דעם ווילד־טיעפען, דאָך צאַרטען אומעט פון דיעזע טענער. נאָך קיינמאָל האָט ער ניט געפיהלט אַזאַ זאַנפטע אַנגענעהמע טרויעריגקייט.

ס'איז נאָך נאכט אַ פּנים. ער האָט אָבער מורא געהאַט צו עפענען די אויגען. אזוי זיס, אזוי אַנגענעהם איז איהם געווען דיעזער טרויער־געפיהל. יאַ, איצט איז נאכט; ער האָט דער־פיהלט אַ שטילען נאַאיווען וואונש פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג, פאַר אַ גליקליכען ווארימען, קורצען, לויטערען הערבסט־טאָג. איצט גיסט אודאי אַ רעגען, מאָרגען אָבער וועט זיך די זון ווייזען, זי וועט דורכטריקענען די ערד, און וועט ווידער אַרומבערענען די בלעטער מיט אַזאַ העלער קראַנקהאַפטער פּורפּור־געלבקייט...

אָבער צו האָט ער ווירקליך אויפגעוואכט? ער האָט נאָך גע־הערט די מעלאָדיע, וועלכע האָט געקלונגען אַלץ זאַנפטער, אַלץ טרויעריגער, און ער איז געלעגען דורכגעדרונגען פון יענעם קראַנק־האַפטען אומעט, וועלכער האָט שוין גאָר אויפגעהערט צו פערשאַ־פען שמערץ... דאָס איז געווען ווי אַ מין וואסער־אַפּפאַל, אַן ער־אינערונג וואָס ווערט אויסגעלאָשען, אַ גרענצלאָזער בענקען נאָך ווייטע לענדער מיט זייער רייכער נאַטור, וואו יעדער בליהמעלע ווערט צוואוואַקסען אין אַ גיגאַנטישע בוים, וואו יעדער שפּיץ באַרג בעהאַלט זיך אין די וואָלקענס וואו יעדער טייך פליסט מעכטיג, בע־דעקט מיט שוים...

זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּען אונרוהיג. ער האָט עס שטאַרק צוגעדריקט מיט ביידע הענד. ער האָט געפיהלט ווי עס קלאַפּט צווישען דער פינפטער און זעקסטער ריפּ. צוערשט האָט עס געשלאָגען הינטער דער גאַנצער האַנד, דערנאָך בלויז אונטער צוויי פינגער, און דערנאָך האָט ער עס געקענט צודריקען בלויז מיט איין פינגער... ווי דאָס האָט אַ ביסעל געאַרבייט! צו האָט גראָדסקי זיין האַרץ אויך אַזוי אָנגעטאַפּט?...

האָט זיך געזעצט אויפ'ן בעט און דעם קאָפּ מיט די הענד אונ־טערגעשפּאַרט.

גראָדסקי האָט זיך געשאָסען. דאָס ווייסט ער זיכער. ער האָט זיך געשאָסען דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט שטאַרבען. ער איז געשטאָרבען פרייוויליג, אויס עקעל־געפיהל. ער האָט ניט גע־וואָלט מעהר זעהן דעם לויטערען טאָג, און די קראַנקהאַפטע פּורפּור געלבקייט פון די בלעטער.

אָבער צו וואָס טראַכטען וועגען דעם ? צו וואָס שטערען די גליקליכע האַרמאָניע, וואָס הערשט אין דער נשמה ? וואָס, פון דעסטוועגען, האָט ער געזאָגט יענער אונבעקאַנטער ?... פאַלק. פאַלק, אייך איז פרעמד יענע האַרמאָניע, זי איז העכער פון יעדער רוהיגקייט העכער פון יעדער הייליגקייט און גליק"... ער איז דאָך אָבער אַ משוגע'נער...

פאַלק האָט אויפגעציטערט. ווידער האָט ער קלאָהר געזעהן פאַר זיך יענעם משוגע'נעם ; און ער האָט קאָנוואולסיוו אָנגע־כאַפּט די קאָלדרע מיט זיינע פינגער. איהם האָט ווידער בעפאַלען שרעק, אָבער דעם מאָל האָט ער זיך באַלד בערוהיגט.

ער איז, שיינבאַר, געקומען צו זיין פולען בעוואוסטזיין.

ער איז אַ פּנים געפאַלען אין חלשות אין שטוהל זיצענדיג, נאָך דעם ווי יענער אונבעקאַנטער איז פערשוואונדען פון צימער. איצט אָבער ליעגט ער אין בעט, איז דאָך אַ סימן, אַז מען האָט איהם אַ גע'חלש'טען איבערגעטראָגען. נו, און די זאַפּאָנקע ? די גאָלדענע בלישטשענדע זאַפּאָנקע איז געלעגען אויפ'ן שרייב־טיש... איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז איצט האָט ער זיך פאַלשטענדיג אויפגע־כאַפּט און איז ביים פולען בעוואוסטזיין.

ביי דיעזען געדאַנק האָט איהם איבערוועלטיגט אַן אמת טהיי־רישע פרייד.

און באַלד האָט ער זיך ווידער אַ וואָרף געגעבען אויף די קיי־שענס און איז געלעגען לאַנג, בעוועגלאָז ווי בעוואוסטלאָז.

און ענדליך, ווידער צו זיך קומענדיג, איז ער אַראָפּגעשפּרונ־גען פון בעט און זיך גענומען אָנטהאָן. אָבער זיין אָבגעשוואַכט־קייט האָט זיך נאָך גאָר נישט־קשה'דיג געלאָזט פיהלען.

האַלב־אָנגעטהאָן האָט ער זיך ווידער געלעגט און זינלאָז אָנ־געשטעלט די אויגען אויפ'ן סטעליע...

ווי לעכערליך און אונגלומפּערט איז דאָס אויסגעמאָלטע דאָרט ! דער רינג פאַר'ן לאָמפּ וואָלט דאָך גאָר בעדאַרפט זיין אין מיטען... דער גאַנצער צימער איז איהם מיט אַ מאָל מיאוס געוואָרען. ער מיט זיין קלעמעניש איז איינגעשפּאַרט דאָ, אין

ענגען שטיקעל רוים, און דאָרט, אויסער דיעזע וואַנד, איז די וועלט אַזוי ברייט...

און ווידער האָט איהם איבערוועלטיגט אַ ליידענשאַפטליכער וואונש אוועקצוגעהן ערגעץ ווייט, וואָס ווייטער פון דאַנען — אויפ'ן שטילען אָקעאַן.

אָ, אויפ'ן שטילען אָקעאַן! אָט דאָס וואָלט געווען אַ בע־פרייאונג. דאָס וואָלט געווען עביגע רוה, עביגע האַרמאָניע, אָהן ליידען, אָהן פריידען, אָהן ליידענשאַפט...

ווי עס האָט געפלאַטערט דאַן זיין יונגעס האַרץ! אַלע גליע־דער זיינע זיינען אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון שטענדיגען שרעק. אָהן אַ צאָהל מענשען האָט ער געזעהן פאַר זיך, און אַלע זיינען זיי געשטאַנען אויף די קניע אַרום אַ קלויסטער און האָבען געבעטען רחמים ביים רבונו של עולם. ער האָט געקוקט אויף זיי, און זיין האַרץ האָט געשלאָגען אַלץ שטאַרקער, די אונרוהיגקייט איז גע־וואַקסען אַלץ גרעסער, די זינד האָט ווי אַ שאַנד־צייכען געברענט אין זיין ברוסט. ער מוז זיך באַלד מתודה זיין, אַ גאַנץ פרעמדען מענשען דאַרף ער דערצעהלען וועגען דעם שענדליכען, מיאוסען טהאַט, וועלכען ער האָט בעגאַנגען... און מיט פיינליכען שרעק האָט ער געעפענט אַ געבעט־בוך, עטליכע מאָל איבערגעזאָגט אַ תפילה צום הייליגען גייסט. און בערוהיגונג האָט אויף איהם אַראָפּגעגנידערט, זיין האַרץ האָט אַ פרומע פרייד אָנגעפילט, און זיין נשמה איז געוואָרען לויטער און גרוים ווי דער היים־ברענענדער טאָג, וואָס האָט געלויכטען איבער איהם. אָט באַלד וועט ער אַריינגעהן אין קירכע; איהם האָט אָבער מיט אַ מאָל אַ שרעק בעפאַלען. צו דען זעהט קיינער ניט, ווי אין מיטען טאָג איז אין קירכע אַריינגעפאָהרען אַ שוואַרצער רייטער אויף אַ שוואַרצען פערד ... פאַרזיכטיג האָט ער זיך צוגע'גנב'עט צו דער טיהר פון דעם וידוי־שטיבעל... האָט זיך צוגעהערט, דערנאָך שטיל, זעהר שטיל קוים אויפגעמאַכט די שווערע טיהר, און אין שוידער־שרעק צוריק אָפּגעשפרונגען: פאַר איהם איז געשטאַנען דער אונבע־קאַנטער.

— איהר האָט זיין נשמה רואינירט! — האָט יענער פייערליך ארויסגערעדט.

— איך רעד פון היץ! פון היץ! — האָט פאלק אויסגעשריען, אויפבאפּענדיג זיך, און איז אראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

נעבען איהם איז געשטאַנען איזא.

— דאָס בין איך עריק, איך; שוין־זשע דערקענסטו מיך ניט?

פאלק האָט א ווײַלע שטום געקוקט אויף איהר, דערנאָך אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— דאנקען גאָט, וואָס דו ביסט עס.

— זאָג מיר, עריק, וואָס איז מיט דיר? ביסט נאָך אלץ קראַנק? דיר איז איצט ניט בעסער? איך האָב זיך אזוי געשראָקען פאר דיר.

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט פאלק ווי עס איז זיך בעהערשט.

צום טייפעל! ווי קען מען עס ניט בייקומען וועלכע ניט איז אונבעדייטענדע שלאָפקייט, ווי קען איך עס ניט פערגעסען איינמאָל פאר אלע מאָל מיינע קליינליכע, קלעגליכע הארץ־קלעמעניש? — איז ביי איהם פּלוצלונג דורכגעלאָפען א געדאנק אין קאָפּ.

— ניין, איצט בין איך שוין ניט קראַנק, — האָט ער כמעט לוסטיג ארויסגערעדט. — א מין קליינער היץ־קריינק אָנפאל האָט מיך אפּנים ערשט געמוטשעט. דאָס איז דאָך אלץ א זכר פון יענער היץ־שלאָפקייט, נאָך דעם — כע, כע, — וואָס איך האָב זיך דאַן פערקיהלט ביי מיין מוטער, מעהר גאָרניט.

אין זיין מארך איז מיט א מאָל אלעס געוואָרען אויסערגעוועהנליך קלאָר.

— ניין, עריק, דו ביסט קראַנק. דו האָסט היץ... לעג זיך צו, איך בעט דיך, טהו עס. היינט אין דער פריה האָט מען דיך געפונען ליגענדיג אויף דער ערד, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז ס'איז נויטיג זאָלסט עטליכע טעג זיין אין בעט...

פאלק האָט שוין אָנגעהויבען פערליר׳ען זיין געדולד.

— אך, לאָז מיך צורוה. שוין לאַנג האָב איך זיך ניט געפיהלט אזוי גוט און גרינג ווי איצט. די דאָקטוירים זיינען אידיאָ־

טען. וואָס ווייסען זיי וועגען מיר? כע, כע... וועגען מיר...

דערנאָך האָט ער זי צוגעצויגען צו זיך. זיין האַרץ איז מיט אַ מאָל פול געוואָרען מיט אַזאַ טיעפער צערטליכקייט צו איהר.

— אַ וואונדערבאַרען אָבענד וועלען מיר היינט צוזאַמען פערברענגען. ווערסט ברענגען וויין און מיר וועלען דאָביידע זיצען, מיר וועלען טרינקען און אַ גאַנצע נאַכט וועלען מיר רעדען... ווי דעמאָלט אין סאַן־רעמאָ, בעת אונזער האָכצייט לוסט־רייזע...

זי האָט געקוקט אויף איהם.

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ שטאַרקען מענש ווי דו. זאַנדערבאַר, ווי שטאַרק דו ביסט!

— בין איך, הייסט עס, געלעגען אויפ'ן פאַל?

— קענסט זיך ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ גערודער האָסט אָנגעמאַכט איבער'ן גאַנצען הויז.

— נו, איצט געה ארויס, דערנאָך וועסטו אַלעס דערציעהלען...

— דאָ איז געוועזען אימיצער, אַן אונבעקאַנטער? — האָט איזאַ אַ פרעג געטהאָן.

— אַן אונבעקאַנטער? ניין.

— האָט זיך עס מיר אפּנים אַלץ געמוזט חלום'ען.

— מעגליך.

איזאַ איז אַרויסגעגאַנגען.

פאַלק האָט זיך גענומען אָנטהאָן.

— יאָ, איזאַ, דיר האָט זיך עס אפּנים גע'חלום'ט.. און איבערהויפּט זעהסטו מאָדנע חלומות...

ער האָט צופריעדען אַ שמייכעל געטהאָן. האָט אַ קלעהר געטהאָן אויב ער זאָל ניט אָנטהאָן היינט זיין פראַק און אַ ווייסען קראַוואַט. היינט איז דאָ אַ גרויסען יום־טוב פון פריעדען, רוה, און עביגער האַרמאָניע.

זיין שטימונג איז געוועזען אַזאַ גליק־זעעליגע, אַ פייערליכע.

ענדליך האָב איך געפונען זיך זעלבסט, זיך — גאָט. אָבער צו איז עס נאָר ניט אַ מין קראַנקהייט?... די געדאַנקען זיינען אַזוי צוהיצט... און די אינערליכע אויפרעגונג רייסט זיך אַזוי פון האַרצען...

און אפשר איז עס נישט מעהר ווי א פיזישע רעאקציע נאך אלע זיינע קלעמענים און שרעק?

אבער וואס געהען איהם אן די אלע זאכען? אלץ איז פער־געסען.

זיין קערפער האט זיך אויסגעגלייכט מיט א געפיהל פון גליק־זעליגקייט און ענערגיע, וועלכע ער האט שוין לאנג נים געפיהלט.

— אך, איזא, ביסט שוין דא צוריק?

— מאכסט גימנאסטיקע איצט?

— איך פערטרייב די קראנקהייט... גיב מיר פון דעסטוועגען עפעס אפעסען.

— קום אין עס־צימער.

ער האט אבגעגעסען עטוואס, אבער אהן בעזאנדערען אפעטיט.

— איצט, איזא, בין איך עפעס ווי נייגעבארען, יא, גאר פון דאס ניי. איך פיהל זיך אזוי יונג. איך האב פיעל געליטען. כ'רעד דא נים פון קיין פערזענליכע ליידען, אויף מיר אבער האט זיך עפעס ווי ארויפגעווארפען דאס ליידען פון דער גאנצער מענש־הייט און האט מיך געמאכט אונגליקליך.

איזא האט מיט פרייד א קוק געגעבען אויף איהם.

— וואונדערבאר! דער דאקטאר האט געזאגט, אז דו וועסט מוזען ליעגען דריי טעג אם ווענינגסטען, און איצט זעה איך אויף דיין געזיכט אזא אויסדרוק פון קראפט און ענערגיע, וועלכען דו האסט שוין לאנג נים געהאט. דו ביסט גאר נים ענהליך צו אנדערע מענשען.

— יא, יא, דאס איז גאר א נייע קראפט. טרינק זשע, טרינק אוים צוזאמען מיט מיר... איך בין דאך אזוי זעלטען מיט דיר אינאיינעם... טרינק אוים ביז'ן דעק...

זיי האבעןביידע געטרונקען. פאלק האט ווידער אנגעפילט די גלעזער, זיך געזעצט נעבען איהר, האט גענומען איהרע הענד אין זיינע און אנגעהויבען קושען זיי.

— שוין לאנג, אז מיר האבען נים גערעדט איינער מיט'ן אנדערען, — האט ער א זאג געטהאן.

— נישט אמת, הא? איצט איז דאָך שוין אַלצדינג גוט?

— האָט זי צערטליך געפרעגט.

— יא, אַלץ וועט זיין גוט. מיר וועלען אוועקפאָהרען פון דאַנען... וואָס וואָלסטו געזאָגט וועגען פאָהרען קיין איסלאַנדיע?

— זאָגסט ערנסט? דו האָסט דאָך אַלע מאָל אזוי פיעל פראָיעקטען.

— יא, דאָס מאָל רעד איך ערנסט, און גראָדע דערפאַר, ווייל עס איז ניט קיין פראָיעקט. דיעזער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלען היינט אָדער נעכטען; איך ווייס נאָך ניט אַקוראַט ווען, אָבער אוועקפאָהרען פון דאַנען מוז איך.

איזאַ'ס געזיכט האָט ווי אויפגעלויכטען ביי דיעזע ווערטער. איהר האָט דיעזע שטאָדט אויסגעזעהן אונערטרעגליך לאַנגווייליג, כאָטש זי האָט עס איהם קיינמאָל ניט געוואָלט זאָגען.

— שטעל זיך פאָר אַ קליין פישער־שטיבעל ביים ברעג פון ים. וואונדערבאַר! נישט אמת, אפשר? און היינט די אָסיען־נעכט, ווען די כוואַליעס זינגען ביים ים־ברעג יענע שרעקליכע ליעד פון עביגקייט. צו וועסטו אָבער ניט פיהלען לאַנגווייליג דאָרט?

— האָב איך דען אַ מאָל געפיהלט לאַנגווייליג נעבען דיר? ווען דו ביסט מיט מיר, דאַרף איך קיינעם ניט, און קיין זאַך ניט.

— איך אָבער וועל דיך אָפט, זעהר אָפט איבערלאָזען אַליין. איך וועל אויף גאַנצע נעכט אוועקפאָהרען מיט די פישערס, כ'וועל אוועקגעהן אויף די בערג. און, ווען מיר וועלען זיך דערנאָך וויע־דער דערזעהן, וועלען מיר ליגען אויפ'ן גראָז און מיר וועלען קוקען אויפ'ן הימעל... אָבער טרינק־זשע, טרינק.... אָה, דו קענסט שוין איצט ניט טרינקען אזוי פיעל ווי אַ מאָל.

— זעה: איך האָב ביז'ן דעק אויסגעטרונקען.

— און אין דיזער געגענזייטיגער איינזאַמקייט וועלען מיר לעבען: דו וועסט זיין אַ טהייל פון מיר, אוןביידע צוזאַמען וועלען מיר זיין די ענטפּלעקונג פון יענעם עיקר־סובסטאַנץ...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— איזאַ, מיר וועלען זוכען דעם גאָט, וועלכען מיר האָבען פערלאָרען.

איזא איז געווען ווי היפּנאָטיזירט.

— דעם גאָט, וועלכען מיר האָבען פערלאָרען, — האָט זי איבערגעזאָגט האלב־אונבעוואוסטזיניג.

— דו גלויבסט ניט אין גאָט? — האָט ער מיט א מאָל א פרעג געטהאָן.

— ניין, — האָט זי געענטפערט פערטראַכט.

— און דו גלויבסט אויך ניט אין דעם, אז מען קען א י ה ם געפינען?

— ניין, קוים פיהלט מען איהם ניט אין זיך.

— איך קלעהר עס אויך: געפינען גאָט, ד. ה. פיהלען ווי מיין גוף, זיין זיכער אז ער איז דאָ מיט מיר, בעזיצען א ווילדע, איבער־נאַטירליכע קראַפט, וועלכעס נור א גאָט־געפיהל קען געבען.

— דו ווילסט, הייסט עס, זוכען א גאָט, אויסער גאָט? צו וואָס? איך וויל א י ה ם ניט, איך נויטיג זיך ניט אין איהם, ווייל איך בעזיץ אן אונמיטעלבארען גאָט־געפיהל, איך פיהל איהם אזוי לאַנג ווי דו ביסט מיט מיר. קיין העכערעס דאַרף איך ניט... איך וויל אָבער ניט, אז דו זאָלסט אויך האָבען פונקט אזא געפיהל. איך וואָלט דעמאָלט ניט געקענט געהן מיט דיר.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף איהר.

— ווי וואונדערליך שעהן דו ביסט, עפּעס ווי א מין שיין וואָלט דיך בעלויכטען.

ער האָט מיט א מאָל פערלאָרען קאָנטראָל איבער זיך, איז גע־וואָרען שטארק אויפגערעגט.

יא, יא, איך מיין אזא גאָט, וועלכער איז — איך און דו; איך מיין דעם הייליגען, גרויסען א י ך ־ ד ו. פערשטעהסטו, וואָס „דו" איז? מיין נישט קלאָרער דו? מיין דו — איז די נשמה, וועלכע דער מארך קען קיינמאָל ניט מאַכען שלעכט, צולאָזען. מיין דו — דאָס איז א נשמה יתירה, וועלכע ניעדערט אראָפּ צו מיר זעלטען, זעלטען, מעגליך אז ניט מעהר ווי איין איינציג מאָל, גראדע ווי דער הייליגער גייסט האָט נאָר איינמאָל אראָבגענידערט צו זיינע תלמידים אויף דער ערד. מיין דו — איז מיין ליעבע, מיין שיק־זאַל, מיין פערברעכערישער ווילען. צו געפינען דעם אייגענעם

גאָט, מיינט: ערפאָרשען דיזען דו, וויסען זיינע וועגען, פערשטעהן זיינע ציעלען, כדי נישט צו בעגעהן קיין שום קליינליכעס, געמיי־נעס, עקעלהאַפטעס....

איזא איז הינגעריסען געוואָרען פון זיינע רייד. זיי האָבען זיך שטאַרק געדריקט די הענד.

— און דו ווילסט מיך לערנען ווי צו געפינען עס אין זיך זעלבסט?

— יא, יא...

ער האָט אויף איהר אַזוי געקוקט, עפּעס ווי ער וואָלט זי נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געזעהן.

— און דו וועסט אין מיר זיין?

— יא, יא...

פאַלק איז מיט אַ מאָל געוואָרען צוטראָגען.

— מיר זיינען אָרים, איזא, — האָט ער נאָך אַ קליינער פּאַוזע ארויסגערעדט. איך האָב אויסגעבראַכט דיין גאַנץ פערמעגען.

— וואַרף ארוים אויף דאָס, וואָס איז נאָך געבליבען, — האָט זי מיט געלעכטער אויסגעשריען, און האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן אויף זיין ברוסט.

איהם האָט פּלוצלונג אַ שרעק בעפאַלען.

—הער אויס, איזא, און ווי וועט זיין אויב דאָס וועט ביז מאָר־גען פערשווינדען? איך געטרוי זיך אַזוי ווענינ...

— דאַן וועל איך דיך מיט זיך מיטרייסען.

— אָבער אפשר איז עס בלויז אונזער צופיעל ערהעגטע שטי־מונג, וואָס ברענגט אונז אין אַזאַ עקסטאַז?

פאַלק האָט מיט אַ מאָל אויפגעשפּרונגען.

— איך זאָג ליגען, ליגען... — האָט ער ארויסגערעדט מיט אַ הייזעריג קול... — צופיעל האָב איך געליינט... איצט...

ער האָט מיט אַ מאָל אָבגעהאַקט. דער געדאַנק צו דערצעהלען איהר אַלץ ביז די מינדעסטע איינצעלהייטען, האָט פּלוצלונג אויפ־געבליצט אין זיין מאַרך, און האָט זיך צוואוואַקסען אין אַן אונגע־הויערער דורכדרינגענדער אידעע.

— איזאָ! — און ער האָט אויף איהר אַזאַ קוק געגעבען, עפּעס

ווי ער האָט געוואָלט אריינדרינגען אין דער סאמע טיעפעניש פון איהר נשמה. — איזא, איך דארף דיר עטוואָס דערצעהלען.

זי האָט דערשראָקען אויפגעציטערט.

— ביסטו פעהיג צו פערגעבען מיר אלעס, אלעס שלעכטעס, וואָס איך האָב ווען געטהאָן?

דער פערלאַנג זיך מודה צו זיין אין אלעס איז איצט געוואָרען אונבעזיגבאר, די ווערטער האָבען זיך פון צונג געריסען. איצט האָט ער זיך שוין ניט געקענט צוריקהאלטען. ער האָט אָנגעכאַפּט איהרע הענד.

— אלעס? אלעס?

—יא אלעס, אלעס!

— אפילו, ווען איך האָב טאקע ווירקליך געטהאָן עס?...

— וואָס?

זי האָט זיך אָבגעוואָרפען אין שרעק.

— יענעם... מיט אַן אנדער פרוי.

זי האָט דורכדרינגליך געקוקט אויף איהם, און דערנאָך אויס־געשריען ניט מיט איהר קול.

— מוטשע מיך ניט!

פאלק איז באלד צו זיך געקומען. ער האָט דערפיהלט פלוצלונג ווי א קאלטער שוויים גיסט זיך איבער זיין קערפער.

זי איז צוגעלאָפען צו איהם און א ציטערענדע האָט זי ארויס־געשטאַמעלט:

— וואָס? וואָס?

ער האָט מאָדנע, מיט געצוואונגענער רוהינקייט, א שמייכעל געטהאָן.

איזא האָט בעמערקט בלויז, ווי טויט־בלייך ער איז געוואָרען, און ווי זיין געזיכט האָט זיך קאָנוואולסיוו אויסגעקרימט.

— דו ביסט קראַנק!..

— יא, קראַנק; איך האָב נישט גוט אויסגערעכענט מיינע כחות.

ער האָט זיך א וואַרף געגעבען אויפ'ן זאָפע און אלע פאסירונגען

פון די לעצטע טעג האָבען זיך, ווי א ווירבעל־ווינד דורכגעטראָגען אין זיין מארך.

ווידער האָט ער מיט א מאָל דערזעהן פאר זיך גראָדסקי׳ן.

— מען דארף האָבען ווילענס־קראפט צו טהאָן עס!

12.

— איצט דארפסטו זיך זעהן מיט העיסלער׳ן, אלץ ארומרעדען מיט איהם, דאן װעלען מיר איבערמאָרגען קענען ארויספאָהרען.

פאלק איז געשטאנען א װײלע טיעף פערטראכט.

— יא, יא... מאָרגען װעלען מיר ארויספאָהרען.

ער האָט צושטרייט א שמייכעל געטהאָן.

— דו ליעבסט איהם שטארק? — האָט ער מיט א מאָל א פרעג געטהאָן

— װעמען?

— נו, העיסלער׳ן, פערשטעהט זיך. װען מיט מיר װאָלט עט־װאָס פאסירט, װאָלסטו געקענט חתונה האָבען מיט איהם. נישט אמת?

— דו שטארב נאָר פריהער, און דערנאָך װעט מען שוין זעהן,

— האָט זיך איזא געװיצעלט.

— אלזא, דערװייל בלייב געזונד, — האָט ער געקושט איהרע אויגען.

— אָבער קום ניט אזוי שפעט צוריק. איך בין איצט זעהר אונרוהיג פאר דיר.

— כ׳װעל גיך צוריק קומען.

ער איז ארויס אויפ׳ן גאס.

דער זייגער האָט געשלאָגען פונקט זעקס. די ארבייטער זיינען מענגעס־װייז געגאנגען פון די פאבריקען.

ער האָט זיך מיט שרעק פערקירעװעט אין א קליין, שמאָל גע־סעל. מערקװירדיג, װי אלץ האָט איהם איצט געשראָקען. זיין הארץ האָט איצט שטענדיג אונרוהיג געקלאָפט.

ביים מינדעסטען קלאפ אין טהיר איז ער מיט אימפעט אויפ־געשפרונגען און האָט זיך לאנג ניט געקענט בערוהיגען. אפילו װען

יאניק האָט גענומען שרייען, האָט ער זיך אויך שטאַרק געשראָקען, און האָט לאַנג ניט געקענט פערשטעהן, ווי עס קומט צו איהם אַ זוהן. — און איצט שוין גאָר צוויי זיהן: דער קליינינקער יאַניק, און דער קליינינקער עריק, צוויי אַזעלכע טהייערינקע, ליעבינקע קינדערלאַך.

אַך, דיעזע וואונדערשעהנע פאַטער־אידיליע! וואָלט זי גאָר ניט געוועזן אַזוי לעכערליך...

ער איז געגאַנגען פערטראַכט איבער׳ן גאַס.

די פאַסירונגען פון די לעצטע טעג האָבען זיך ווי אַ וויכער געדרעהט ביי איהם אין קאָפּ און זיך צונויפגעגאָסען אין אַ גע־פיהל פון טיעפען טרויער. איהם האָט זיך געדוכט, אַז באַלד וועט ער דער שטיקט ווערען. מיט מיה האָט ער געצויגען דעם אָטהעם. וואָס וועט העלפען זיין אנטלויפען? ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין רייזע, דאָס איז דאָך טאַקע פשוט אַ שענדליכער עוקר זיין. מילא, זאָל זיין אַז ער וועט אנטלויפען כדי עס זאָלען ניט פערעפענטליכט ווערען זיינע ליעגען. אָבער ער אַליין האָט דאָך שוין אויך לענגער ניט געקענט לעבען מיט דיעזע ליעגען זיינע. ניט געקענט קוקען רוהיג איזא׳ן אין די אויגען: איהר צוטרויען, איהר אונענדליכער גלויבען אין איהם האָט איהם געפייניגט. ער האָט געפיהלט אַן עקעל צו זיך זעלבסט, און איז גרייט געווען אויף זיך אַליין צו שפייען.

אַ מאָדנע פרוי איז איזאַ. זי איז פערהיפּנאָטיזירט אין איהר גלויבען. געהט אַרום ווי אין אַ סאָמנאַמבולישען שלאָף. זי בע־מערקט גאָר ניט ווי ער ליידט. און האָט אפילו ניט דעם מינדסטען פאַרגעפיהל, פון דער מעגליכקייט אַזוי צו ליידען. עס וועט זיין שרעקליך, ווען זי וועט פלוצלונג ערוואַכען פון איהר שלאָף.

איך בין אַלזאָ אַ צווייענדיגער פערברעכער. איך האָב גע־בראָכען די טרייהייט פון אַ מאַן צו זיין ווייב, און אַ חוץ, בין איך בעגאַנגען אַ פערברעכען געגען זיך זעלבסט. איך האָב אונטער־געשניטען די וואָרצלען פון מיין עקזיסטענץ. אָהן איזא׳ן קען איך דאָך ניט לעבען. רק איך קלעהר, צו וועל איך זיין אימשטאַנד לעבען אָהן איהר און קען עס ניט בעקלעהרען. און אַזוי ווי אַ י ך

בין א י ך, פאלגליך א גאט, ווייל א גאט איז דאך יעדער, צוליעב וועמען אלעס עקזיסטירט, און אלעס עקזיסטירט דאך נור דורך מיר, אלזא, האב איך, הייסט עס, בעגאנגען א פערברעכען נעגען גאט פאלגליך — בין איך א גאט־לעסטערער.

און ער האט זיך מיט אמאל פערטראכט.

ער אבער האט דאך אזא זאך ערנסט ניט געקענט זאגען. ער האט דאך אפילו ניט אנערקענט קיין שום פארשטעלונג איבער פערברעכען. און חוץ דעם אלעס האט ער דאך שוין דערפאר אליין ניט געקענט בעגעהן קיין פערברעכען, ווייל דערצו איז נויטיג אזא נשמה־שטימונג, וועלכע איז בנאמנות נאר א קליינער מהותן מיט גוטהערציגקייט... כע. כע... גוטהערציגקייט... וועלכעס אנדערע רו־פען הארט־הערציגקייט. און איך, צום טייפעל, בעזיץ שוין צופיעל פון דיעזער גוטהערציגקייט. אין מיין הארץ וועט זיך געפינען מעהר מיטלייד צו די מענשען און זייערע ליידען, ווי דאס איז צו גע־פינען ביי דער גאנצער וועלט צוזאמענגענומען.

איך בין, אלזא, א פערברעכער.

ער האט אנגעהויבען פלאנטערען זיך אין דיעזע פערפיינערטע חקירות.

— נו, אפשר ענטשטעהט איצט א מין נייער געפיהלען־צו־שטאנד, וואס איז ביז איצט ניט געווען. אפשר ווערט איצט גע־רעכענט פאר א פערברעכען דאס,וואס איז נאר פריהער ניט בע־טראכט געווארען אלס א ריק־צוג פון עוואלוציע, פון ציוויליזאציע, למשל פון מאנאגאמיע.

זיין מוח איז אזוי מיעד געווארען אז ער האט שוין ווייטער ניט געקענט ענטוויקלען זיינע געדאנקען ; און איברינגענס איז עס דאך ניט וויכטיג ; דער גאנצער מארך מיט אלע זיינע אדוואקא־טארישע דריידלאך איז דאך אזוי מאכטלאז פאר'ן געפיהל. טו צו וואס נאך ליינגער טראכטען ?

איהם איז מיט א מאל קלאר געווארען, אזוי אונבעשטרייט־באר קלאר, אז עס איז גאר אומזיסט : אז דאס שרעקליכע, אלעס־פערניכטענדע וועט זיך אויף איהם ארופלאזען מיט א מין אייזער־נע אונפערמיידליכקייט.

ער האָט אויפגעציטערט און האָט זיך אומגעקוקט. קיין איין באַנק איז ניט געווען צו זעהן.

א פערצווייפעלטער האָט ער זיך קוים אוועקגעשלעפּט ווייטער.

זיינע געדאַנקען זיינען זיך אַלץ מעהר צולאָפען און ער האָט זיי בשום אופן ניט געקענט קאָנצענטרירען.

דערפאַר האָט ער מיט זאָנדערבאַרער קלאָהרהייט בעמערקט פערשיעדענע פוסטע קליינינקייטען; ערגעץ אויף א שילד האָט ער בעמערקט א קרומען בוכשטאַב, אַן אויסגעבוינענעם שטאַכעט האָט ער בעמערקט אין א פּאַרקאַן פון א דערבייאיגען גאָרטען, און צום סוף האָט א כאַראַקטערנער גאַנג פון איינעם, וועמען די שיך האָבען שטאַרק געקוועטשט, געצווינגען זיין אויפמערקזאַמקייט.

זיין מאָרך האָט זיך געגאָגט אין דיעזע פלאַכע קליינינקייטען. און מיט א מאָל האָט ער שטיל אויסגעשריען.

דער געדאַנק, וועלכער האָט זיך שוין עטליכע טעג גערודערט אין די טיעפסטע ווינקעלעך פון זיין נשמה, און וועלכען ער האָט מיט אַלע כחות געפּרואווט פערשטיקען, דיעזער געדאַנק האָט זיך איצט ארויסגעריסען פון אויבען־אויף.

ער מוז טהאָן דאָס זעלבע וואָס גראָדסקי.

ניט איינמאָל האָט ער געטראַכט פון זעלבסט־מאָרד. איצט אָבער איז דיעזער געדאַנק געוואָרען אַן אידעע־פיקס — א שרעקליכער געדאַנק, וועלכער דערלאָזט ניט קיין שום תירוצים. ער האָט אויפגעציטערט, און זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנד פון א הויז ניט אומצופאַלען.

יא, קיין אַנדער זאַך בלייבט איהם ניט צו טהאָן. און מיט א מאָל האָט ער דערפיהלט אין הארצען א מאָדנע טיפע שטילקייט. ער האָט זיך געצוואונגען צו טראַכטען וועגען עטוואָס און האָט ניט געקאָנט; אָהן אַן איינציגען געדאַנק איז ער געגאַנגען אַלץ ווייטער, פערזונקען אין א טויבער, טויטער שטילקייט.

מיט א מאָל פערטשעפּעט זיך און שיער ניט געפאַלען. דיזעס האָט איהם צו זיך געבראַכט.

און איבריגענס איז עס גאָר ניט אַזוי שווער צו נעהמען זיך דאָס לעבען. עס איז בלויז נויטיג אויסצומושטירען דעם ווילען פון

מאַרך, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען צו פאָלגען דעם ווילען פון דעם אינסטינקט, אָדער פערקעהרט.

דערפאַר אָבער וועט ענדליך נעהמען אַ סוף צו דיזע אַלע ליידען.

לאַנג האָט ער געקלערט וואָס איינענטליך וואָלט ניט געווען קיין ליידען, און האָט נאָר ניט געקאָנט צוקלעהרען. דערנאָך האָט ער גענומען קלעהרען, וועלכעס וואָלט ניט געווען קיין ליגען, — אָבער אַלעס איז דאָך ליגען, און מעגליך, אַז נור אַ פאַקט, אַ ווירק־ליכער פאַקט וואָלט געקאָנט זיין דער אמת. אָבער וואָס איז אַ פאַקט ? — האָט געפרעגט פילאַט און האָט אָפּגעוואַשען די הענד.

ניין ! פילאַט האָט געפרעגט : וואָס איז אמת ? — און דערנאָך ערשט האָט ער אָפּגעוואַשען זיינע הענד.

ווידער האָבען זיך ביי איהם אָנגעהויבען היץ־רייד.

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז וואו העיסלער האָט געוואוינט, איז ער געוואָרען שטאַרק צוטומעלט.

יענע הויז האָט דאָך דאַכט זיך, אויסגעזעהן גאַנץ אַנדערש, און אפשר האָט ער פשוט פערגעסען דעם אויסזעהן. ער האָט גע־נומען לעזען אַלע שילדען און אויפשריפטען, און צווישען אַלע האָט ער מיט אויפמערקזאַמקייט איבערגעלעזען : אַדוואָקאַט וואָלטער העיסלער, — ער האָט עס אָבער אַלץ ניט געקאָנט בענעהמען.

ער איז אריין אין טויער, דערנאָך צוריק אַרויס אויפ׳ן גאַס און ווידער גענומען לעזען די אויפשריפטען, און ענדליך צו זיך גע־קומען ; ער האָט אויפגעציטערט אין טוידט־שרעק.

איז ער ווירקליך אַראָפּ פון זינען ?

אָה, נאָט מיינער, נאָט, נאָר נים דאָס, ניט דאָס... מיט גרוים מיה האָט ער זיך בעהערשט.

אַ קראַנקהאַפטער געפיהל פון שאַנדע איז אין איהם געוואַק־סען : עס זאָל כאָטש אימיצער ניט בעמערקען, וואָס מיט איהם טהוט זיך.

און ער האָט גענומען שמייכלען, אַרויפצווינגענדיג אויף זיך אַן אויסדרוק פון אַ מענשען, וואָס איז זיך גלאַט אַזוי אַריינגעגאַנגען

א ביסעל דורכשמועסען מיט זיין נומען ברודער, און ער איז ארויף אויף די שטינען.

— ווארט איין מינוטקעלע.

העיסלער איז געווען שטארק פערנומען.

ענדליך האט ער זיך אפגעקעהרט פון טיש און האט פריינדליך געדריקט פאלק'ן די האנד.

— וואס האט דיך געבראכט צו מיר ?

— איך וויל ברענגען אין ארדנונג מיינע מאטעריעלע אינטערעסען.

העיסלער האט זיך צולאכט.

— עס איז דאך ניטא וואס צו ברענגען אין ארדנונג. דו האסט גאר קיין בעגריף ניט וועגען דיין מאטעריעלע לאגע. דו פערמאגסט ניט מעהר ווי דריי טויזענד מארק.

— גוט נו, וועל איך צו דיר מארגען אריינגעהן. וועסט קאנען אלעס צונרייטען צו יענער צייט ?

— מיר וועלען זעהן.

פאלק האט זיך פלוצלונג פערטראכט.

— איינענטליך וועסטו מיר געבען נור 500 מארק. און דאס איבעריגע וועסטו מאנאטליך צו־ביסלעך ארויסשיקען אויף דיזען אדרעס.

ער האט אנגעשריבען יאנינא'ס אדרעס.

— ווער איז דאס ?

— עט, פשוט, אן אונשולדיגער קרבן פון דער געוועהנליכסטער נידערטרעכטיגקייט.

— יא ?... נו, און דו ? רעכענסטו אוועקגעהן אין דער מדבר און פאסטען תעניתים ?

— מעגליך.

פאלק האט א שמייכעל געטהאן. ער האט זיך פלוצלונג דערמאנט אן זיין ראל און האט זיך פרעהליך צולאכט.

— דו בערעכען נאר, איך האב זיך שיער ניט אריינגעריסען צו דיר מיט גוואלד.

— וואו ? וועןן ?

— נעכטען, אין א לחלוטין פרעמדער שטוב. איך האָב גע־וואָלט פערקעהרען מיין סליאַד, ווייל נאָך מיר האָט א פּנים נאָכגע־שפּירט א שפּיאָן, נו, איז מיר איינגעפאַלען הויך צו פרעגען אויף דיר ערגעץ אויף א צווייטען עטאזש... די גאַנצע זאַך האָט אויסגעזעהן זעהר נאַריש. און ערשט איז עס מסתמא נאָר ניט געווען קיין שפּיאָן.

— נו, דערצעהל, דערצעהל...

— ניין עס איז אזוי לאַנגווייליג.

ער איז מיט א מאָל אריינגעפאַלען אין א טיעפער פערטראַכט־קייט.

העיסלער האָט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט.

— ביסטו ניט קראַנק ?

— קראַנק בין איך, אייגענטליך, ניט ; בלויז א שטאַרקען פיבער־אַנפאַל האָב איך געהאַט.

— אַך, יא — און העיסלער האָט לייכט א שנאַל געגעבען מיט די פינגער, — און וואָס ווענסטו זאָגען אויף גראַדסקי'ס זעלבסטמאָרד ?

— אויף גראָדזסקי'ס ? א ציטער איז דורכגעלאָפען איבער זיין גאַנצעם וועזען.

— די גאַנצע שטאָדט רעדט נור וועגען דעם. ער איז אוועק עפּעס מיט א קינסטלער'ס ווייב, דערנאָך צוריקגעקומען אליין, און זיך דערשאָסען.

— מיט א קינסטלער'ס ווייב ?

— יא, נו ; דער קינסטלער איז אראָפּ פון זינען, גראַדסקי האָט אוים מורא זיך דערשאָסען...

— אוים מורא ? פאַר וואָס ?

— עפּעס א קרימינאַלען פערברעכען, זאָגט מען, איז ער בע־גאַנגען — מען וואָלט איהם, יאַקבע בעדאַרפט ארעסטירען... די פרוי איז פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען ערגעץ, און מען איז חושד, אז ער האָט זי אַפּגעראַמט.

פאַלק האָט זיך צולאַכט.

— איז נאָר אָט פאַר וואָס מענשען נעהמען זיך דאָס לעבען.

חא, חא, אבי איך האב געמיינט, אז מען מוז בעזיצען א שטארקען ווילען אום צו זיין בעל הבית איבער'ן לעבען און טויט.

— עט, דאס מוז אודאי נור זיין פלאיאטקעס... איך גלויב עס ניט. אבער א זעלטען פעהיגער מענש איז ער געווען. דו אליין האסט דאך איהם אזוי גוט געקאנט. רק מען דערמאנט זיין נאמען אין צוזאמענהאנג מיט דיינעם.

— מיט מיינעם ? — פאלק איז געווען מאדנע צושטרייט.

— יא, מען זוכט צו בעשטימען וועלכע פערבינדונגען צווישען אייך.

— מען זוכט ?... זאנדערבאר...

העיסלער האט אויפמערקזאם א קוק געגעבען אויף איהם.

— אבער גאר נישט-קשה'דיג האט דיך א פנים דיין שלאפ־קייט צוגעקוועטשט. דארפסט זיך צוהיטען. נו, און וואס־זשע מאכט עפעס איזא ?

פאלק האט אויפגעציטערט.

— זאג, האסט זי זעהר געליעבט, וואלטער ?

— צום משוגע ווערען.

— און איצט ליעבסטו שוין ניט מעהר ?

— חע, חע... דאס געהט ניט איבער אזוי גיך.

פאלק האט זיך עפעס ווי שטארק דערפרעהט מיט זיינע ווער־טער.

— מערקווירדיג איז וואס דיר טהוט עס אזוי הנאה.

— איך ברענג אין ארדנונג מיינע געשעפטען, — האט זיך פאלק פרייליך צולאכט.

— וואס ? וואס זאגסטו ?

— נון, און ווי, אויב מיך וועט, למשל, טרעפען פלוצלונג אן אונגליק...

— רעד ניט קיין דומהייט. ביסט קראנק, און וואלסט גע־דארפט ליגען אין בעט.

— יא, ביסט גערעכט — האט פאלק צוטראגען אויסגערעדט

— אבער וואס האב איך געוואלט זאגען, דו וועסט דאך קומען צו אונז ?

— מיט פערגעניגען.

ארונטערגעהענדיג די שטיגען, האָט זיך פאַלק דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך אייגענטליך געדאַרפט ארומרעדען מיט העיסלער'ן אַלעם וועגען זיין רייזע. אָבער ער האָט שוין איצט געוואוסט, אַז פאַהרען וועט ער אין ערגעץ ניט.

אויפ'ן גאַס האָט ער ווידער געגומען קלערען פון געזעגענונג וויזיטען... דער געדאַנק אוועקצופאָהרען האָט ווידער בעהערשט זיין מארך. ער האָט אָבער ניט געוואָלט קלערען וועגען דעם. ער האָט געוואוסט, אַז דיזער געדאַנק וועט מיטברענגען פיעלע פאָלגען. — ער וואָלט זיך דאַן געמוזט צוריקקעהרען צו העיסלער'ן, דערנאָך צוגרייטען אין וועג אריין פיעלע זאַכען, און אַזוי אָהן אַ סוף. ניין, ניין, איצט מוז זיין קאָפּ פריי זיין.

אפשר אריינגעהן איצט צו אַלגאַ'ן ?

ער האָט לאַנג געטראַכט איבער דעם, און איז כמעט מעכאַניש צוגעגאַנגען צום הויז, וואו זי האָט געוואוינט.

דיזער שטענדיג אָפענער רעסטאָראַן האָט איהם שרעקליך אויפּ־געדעגט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי נאָך אַלס קינד פלעגט איהם שטאַרק אויפרעגען דאָס נר תמיד אין קלויסטער. לעבערליך, וואָס יענע ליכט האָט זיך קיינמאָל ניט געטאָרט אויסלעשען.

און איצט אַלגאַ — איז זי צום מאָל ניט עהנליך אַ ביסעל צו אַ הייליגער פריסטערין, בעוואַכענדיג דאָס אייביגע פייער פון דיע־זען עקעלהאַפטען טראַקטיר... נו, נו פאַלק, שוין צופיעל ציניש־באַנאַל ווערסטו.

ער איז ארויף אויף די שטיגען און האָט אָנגעקלונגען.

אין אַלגאַ'ס צימער איז געזעסען קוניצקי אָהן אַ סורדוט און שטאַרק אויפגערעגט.

ער האָט דערשאָסען אַ חבר אויף אַ דועל — האָט דורכגעע־בליצט אין פאַלק'ס מארך, און אין דער זעלבער מינוט איז ביי איהם בעשאַפען געוואָרען אַ שרעקליכער פּלאַן. קוניצקי טרעפט אימער אין ציעל.

— וואָס קאָכט איהר זיך אַזוי שטענדיג, איז עס אַ געוואוינ־הייט אייערע, אַ געוואוינהייט ?

פאלק האט געשמייכעלט פריינדליך און צו דער זעלבער צייט בייז.

קוניצקי האט געקוקט אויף איהם אויפגערעגט.

— נו, ליעבער קוניצקי, טו וואס פארט, האט געטראפען? אייער אויסזעהן איז אזעלכער, עפעס ווי איהר וואלט ברעה געהאט טאקי שוין מארגען אריינברייננען די אלגעמיינע הארמאניע.

פאלק האט געלאכט אלץ פרעהליכער און האט פריינדליך בעדריקט אלגא'ס ביידע הענד.

— ווי שעהן דו ביסט היינט!

— פלוידער ניט קיין נארישקייט. קוניצקי איז בייז פאר וואס מיר האבען געשיקט טשערסקי'ן אויפ'ן אגיטאציאנס־טור.

— אפשר האט הערר קוניצקי אליין געוואלט פאהרען? — פאלק איז געווען אזוי פריינדליך. — דאס איז דאך בלויז ארדעלע אייפערזוכט און נאבעלע ארביים.

קוניצקי האט געווארפען אויף פאלק'ן א בליק פול שנאה, און האט ארויסגערעדט מיט אויפרעגונג:

— באהאלט, איך בעט אייך, אייערע חכמות אויף אן אנדערש מאל. דא איז די זאך ערנסט. איהר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז טשערסקי איז אן אנארכיסט.

— קיינער ווייס עס ניט אזוי גוט ווי איך. מיר האבען לאנג און גרינדליך גערעדט דערפון.

— דאס ערגער איז עס פאר אייך. איצט וועט איהר מיר ניט פערדענקען, ווען איך וועל עפענען די אויגען דעם לאנדאנער קאמיטעט אויף אייער ריכטיגען געשטאלט.

— וואס געהען מיך אן אייערע קאמיטעטען? איך טהו ווי מיר געפעלט.

— מיר וועלען עס אייך אבער ניט ערלויבען, — האט קוניצקי אויסגעשריען אין שרעקליכער רציחה, — איהר, צוזאמען מיט יענעם טשערסקי'ן, ברענגט צו גרונד אונזער גאנצע דריי־יעהריגע ארביים...

— אייער ארביים, אייער ארביים! — האט זיך פאלק פערעכטליך צולאכט, — צו האט איהר שוין פערגעסען, וואס איהר

האָט אָנגעמאַכט מיט אייער אַרבייט? כע, כע, — מיט אַנדער־האַלבען יאָהר צוריק האָט איהר פאַר מיר ענטוויקעלט אַ פאַנטאַסטישען פּלאַן... קלאָר און פּינקטליך ווי אויפ'ן האַנד האָט איהר מיר אויסגערעכענט מיט אַלע ברעקעלעך, ווי אַזוי איהר וועט בעזייטיגען אַלע הינדערנישע, און וועט אָרגאַניזירען אַן אַלגעמיינעם סטרייק פון מינען־אַרבייטער. איך האָב אייך געגעבען געלד דערויף, כאָטש אין אייערע חלומות האָב איך ניט געגלויבט. דערפאַר האָב איך געגעבען, ווייל איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגען צו בעזיצט איהר כאָטש די מינדעסטע פעהיגקייט צו ווירקען אויף די מאַסען. כאַ, כאַ... און וואָס איז געוואָרען פון דעם אַלעם? אין אַ וואָך אַרום זיינט איהר שוין געווען צוריק, און טאַקע גאָר נישט־קשה'דיג צוקנייטשט...

— איהר ליינט, — האָט קוניצקי אויסגעשריען אין ווילדער אויפרעגונג, אָבער נאָך אַלץ איינגעהאַלטען, — אייך גלוסט זיך בלויז אויסלאַכען מיך. אויב דאָס מאַכט אייך פערגעניגען, דאַן פערגיב איך אייך גערן אייער קינדערשע, פאַר אייך אין צווייטען קאָמישע — כע, כע — אַריסטאָקראַטיש־עסטעטישע ניטשעאַנער נעיעג נאָך מאַכט און גרויסקייט...

קוניצקי האָט געלאַכט ניפּטיג, געצוואונגען.

— רעדט ווייטער... — האָט פאַלק בייז געשמייכעלט, — איך האָב כלל ניט געמיינט צו בעליידינען אייך, איבערהויפּט איצט, ווען איך זעה ווי אייך פּלאָגט אַזוי שטאַרק די לעבערליכע ראָלע אייערע, וואָס איהר האָט דאַן געשפּיעלט.

— איהר האָט אַ טעות! — פאַלק'ן האָט געפרעהט צו זעהן קוניצקי'ס אָנשטרענגונג צו רעדען רוהיג. — יאַ, איהר האָט אַ טעות, אויב איהר מיינט דאָס איך קען זיך פיהלען בעליידיגט פון אַזאַ מענשען ווי איהר.

פאַלק האָט געלאַכט אַזוי פרעהליך און מיט'ן גאַנצען האַרצען.

כאַ, כאַ, כאַ, איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז כ'קען אַזאַ מענשען, ווי איהר, ניט בעליידיגען. אָבער אָביסעל צו הויך האָט איהר עס געזאָגט, נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט אייער אָנשטרענגונג ניט צו פיהלען זיך בעליידיגט... אָבער לאָמיך זיך צוריק אומקעהרען צו

טשערסקי'ן. גלויב איך ניט, ווי איהר זעהט, איז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גאולה. איך גלויב ניט, אז א פּאַרטיי, וועלכע חלום'ט פון א פריעדליכער, ראַציאָנאַלער ענטשיידונג אין דער סאָציאַלער פראַגע, זאָל זיין אימשטאַנד צו טהאָן עטוואָס. די גאַנצע דאָגמאַטישע געביידע אייערע איז דאָך אייגענטליך געבויט אויף דער אַלמעכטיגקייט פון פערנונפט, און דעריבער איז עס טאַקע אזוי נאַריש. אַלץ וואָס די אַרבייטער האָבען ביז איצט אויסגעקעמפּפט פאַר זיך, איז עס צו פערדאַנקען דער דומהייט, דער בלינדער ריזיקע און דעם צופאַל.

— און איהר, הייסט עס, האָט געשיקט טשערסקי'ן, אז ער זאָל מיט נאַרישע ניט בערעכענטע מיטלען אַרויסרופען צוועקלאָזע אונרוהען?

— מיט'ן גאַנצען הארצען וויל איך, אז טשערסקי זאָל אויפטהאָן וועלכע ניט איז אונמעגליכע נאַרישקייט. איך וויל עס אויס דער איבערצייגונג, אז עטליכע געהאַנגענע אָדער געקעפּטע רעוואָלוציאָנערען וועלען אין דעם אַרבייטער'ס זכרון לאָזען א סך א טיעפערען שפּור נאָך זיך איידער אייער פּאַרטיי מיט איהרע וואָסערדיגע מאַרקסיש־לאַסאַלישע טהעאָריען.

קוניצקי האָט פערעכטליך געלאַכט און ענדליך דורכגעזאָגט צווישען די צייהן: מען וואָלט איצט געקענט פאַסען ווענען אייך א זאַנדערבאַרע און ווייט ניט גינסטיגע מיינונג. גראַד אזוי האָט זיך אין ציריך אויסגעדריקט א פּראָוואָקאַטאָר.

עס איז געקומען דער פּאַסענדער מאָמענט — האָט פאַלק א קלעהר געטהאָן.

— האַלט איהר מיך, הייסט עס, פאַר א שפּיאָן?

קוניצקי האָט געלאַכט נאָך גיפטיגער.

— איך ווייז אייך בלויז אָן אויף דער מערקווירדיגער און זעהר פערדעכטיגער עהנליכקייט...

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך פאַלק אַריבערגעבויגען איבער'ן טיש און מיט'ן גאַנצען כח אַראָפּגעלאָזט קוניצקי'ן א פּאַטש אין פּנים אריין.

קוניצקי איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אווארף געגעבען אויף פאלק'ן.

פאלק אבער האט איהם אנגעכאפט פארביידע הענד און האט זיי אזוי פערדרעהט, אז קוניצקי האט געקרעכצט פאר וועהטאג.

פאלק איז געווען עטוואס אויפגערעגט.

— צו וואס מאכען דא א געשלעג? אויב איהר פאדערט בע־פריעדיגונג וועל איך עס אייך גערן געבען. און חוץ דעם בין איך דאך שטארקער פון אייך, און וואלט אייך געקענט נישקשה'דיג אנ־ברעכען די ביינער.

מיט די ווערטער האט ער ארויסגעלאזט קוניצקי'ס הענד און האט איהם אזא שטויס געגעבען, אז יענער איז שיער אומגעפאלען.

קוניצקי איז געווען טויט־בלייך, מיט שוים אויף די ליפען. ער האט אנגעטהאן דעם סורדוט און איז ארויס פון צימער.

פאלק האט זיך געזעצט, אלגא איז געשטאנען ביים פענסטער און האט געקוקט אויף איהם.

א גוטע האלבע שעה האט זיך געצויגען א שווערער שווייגען.

מיט א מאל האט ער זיך אויפגעהויבען.

— ער וועט דאך זיכער שיקען צו מיר סעקונדאנטען, הא?

— א מין פערבארגענע פרייד האט געקלונגען אין זיינע ווערטער.

— דו האסט איהם ארויסגערופען דערצו. האסט איהם גע־צוואונגען דערצו. ווילסט ער זאל זיך דער'הרג'ענען, כדי אויסצו־מיידען זעלבסטמארד.

זי האט זיך נערוועז צולאכט און האט אויסגעשטרעקט די האנד.

— דו האסט, אלזא, מעהר קיין קראפט ניט. האסט געזאגט, אז דו האסט ליעב מיין ליעבע. און איך האב געמיינט, אז דו וואלסט געקענט לעבען צוליעב מיין ליעבע. נאר דו האסט געזאגט ליגען. קיינעם האסטו ניט ליעב.

— דיך האב איך ליעב, — האט פאלק מעכאניש ארויסגע־רעדט.

— ניין, ניין קיינעם האסטו ניט ליעב. דו ליעבסט בלויז דיינע ליידען, דיין קאלטע, גרויזאמע נייגעריגקייט, אבער ניט מיך.

זי איז געווען זעהר ערדעגט. איהרע אויגען זיינען געווען אונ־געוועהנליך ברייט, די ליפען האָבען געציטערט.

— לייג ניט, לייג ניט מעהר. האָסט מיך קיינמאָל ניט גע־ליעבט. וואָס זעה איך זיך אָן ביי דיר ? האָסט געזאָגט צו מיר: זיי ליעבען מיר, איך נויטיג זיך אין דיין ליעבע, אָבער צו האָסטו באַטש אויף איין מינוט א קלעהר געטהאָן, אז נאָר פאר דיר לעב איך ? דיך רינגלען ארום א סך מענשען, וואָס ליעבען דיך. און וואָס האָב איך חוץ דיר ? האָסטו ווען א טראַכט געטהאָן וועגען מיר ?

— שטענדיג טראַכט איך וועגען דיר, — האָט פאַלק ארויס־געדערט מיט טיעפען טרויער.

אַלגאַ האָט געוואָלט זאָגען נאָך עטוואָס, נאָר איהר שטים האָט זיך איבערגעריסען, איהר געזיכט האָט אָנגענומען אזא טיעף־טרויע־ריגען אויסדרוק, און זי האָט בלויז געקוקט אויף פאַלק'ן מיט אויגען, פון וועלכע שטילע טרויעריגע טרעהרען האָבען זיך געגאָסען. דער־נאָך האָט זי זיך האַסטיג אָפּגעקעהרט צום פענסטער. נאָר באַלד איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און מיט ליידענשאַפטליכער פערצווייפ־לונג איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד.

— דו ווילסט שטאַרבען ?

ער האָט געקוקט אויף איהר עפּעס ווי ער וואָלט קיין זאַך ניט פערשטאַנען.

— ווילסט שטאַרבען ? — האָט זי וויעדער מיט ליידענשאַפט געפרעגט.

— יאָ !

— יאָ ? — האָט זי אויסגעשריען.

— יאָ, — האָט ער איבערגע'חזר'ט כמעט מיט שרעק. איהרע הענד האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען.

— איך ליעב דיך ניט מעהר. ניט מעהר אזוי, ווי איך האָב דיך פריהער געליעבט... פאַר וואָס ווילסטו מיר אפילו קיין גראַ־שען ניט געבען פאַר די מיליאָנען וואָס דו נעהמסט ביי מיר. צו ביסטו שוין מאַקי אזוי אָרים ? ווירקליך אזוי אָרים ?

זי האָט אָפּגעטראָטען עטוואָס צוריק און האָט געקוקט אויף איהם מיט א בליק פון פּיין און פערצווייפלונג.

און פאלק איז געפאלען אויף די קניע, האָט אָנגעכאפּט דעם זוים פון איהר קלייד און כמעט מיט עהרפורכט געקושט.

זי האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויף די קניע נעבען איהם, האָט ארומגעכאפּט זיין קאָפּ, האָט לײדענשאַפטליך געקושט זיינע אויגען, די האָר, די ליפּען, און האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסען פון דעם קאָפּ, וועלכען זי האָט געליעבט אזוי פיינליך, אזוי האָפנונגסלאָז.

זי איז מיט א מאָל אויפגעשפּרונגען.

— דו האָסט קיין ברעקעל ליעבשאַפט ניט פאר מיר!

איהר שטים איז געווען אזוי פערמוטשעט, צובראָכען.

פאלק האָט גאָר ניט געענטפערט. ער האָט זיך געזעצט, האָט אנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף די הענד און האָט שטיל געליטען. אזא לײדען האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געפיהלט.

ער האָט זיך געפיהלט אזוי צובראָכען; קיין שום אויסוועג ניט געזעהן. זיין נשמה איז ווי פערשטאָרבען געוואָרען; בלויז א מין גלייכגילטיגער געדאנק האָט פון צייט צו צייט אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ.

אַלגא האָט זיך געזעצט אויפ׳ן בעט און האָט די גאנצע צייט געקוקט אויף איהם, די אויגען ניט אראָפּגענומען.

ער האָט א קוק געגעבען אויף איהר. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט; ער האָט אונבעוואוסטזיניג א שמייכעל געטהאָן און האָט ווידער גענומען קוקען פאר זיך, ניט זעהענדיג קיין זאך.

דערנאָך האָט ער פלוצלונג ארויסגערעדט ווי פאר זיך:

— איך האָב איהם דערלאַנגט איבער׳ן פּנים, ווייל ער איז בלויז א קלעגליכער וואָרעם.

— דו ביסט קראנק, פאלק. ערשט איצט זעה איך, ווי קראנק דיין מארך איז.

זי האָט געקוקט אויף איהם אַלץ מעהר פערוואונדערט.

— און שטענדיג ביסטו אייגענטליך געווען קראנק. דו ביסט ניט קיין נאָרמאַלער מענש.

— נישט קיין נאָרמאַלער מענש; מעגליך אז דו האָסט רעכט.

אפט פרעג איך עס אליין ביי זיך, צו בין איך ניט משוגע. אבער מיין משוגעת איז ניט אזא, ווי דאס טרעפט געוועהנליך ביי אנדערע מענשען... יא, יא, מיין מארך איז קראנק... א געפיהל פון עקעל מוטשעט מיך...

ער איז לאנג געזעסען דעם קאפ אראפגעלאזען און האט שטיל געראדט:

— אן עקעל צו זיך אליין, אן עקעל צו אלע מענשען צופרעסט מיין נשמה ווי א גיפט. איך וואלט אפשר ווירקליך אימשטאנד־ געווען אויפטהאן עטוואס, אבער די לוסט צו גענוס האט ביז'ן דעק צופרעסען מיין נשמה. איך בין געגאנגען, האב צושטערט און האב געליטען. אה, ווי שרעקליך איך האב געליטען! און ניט קוקענדיג דערויף בין איך געווען געצוואונגען נאך א מאל צו טהאן דאס זעל־ בע. א טייפעלשע קראפט האט מיך דערצו געשטויסען. מענשען האבען זיך אונטערגעגעבען צו מיין איינפלוס... אבער צו וואס רע־ דען דערפון: מעגליך, אז דאס רעדט אין מיר מיין אייטעלקייט... מיך פרעהט דאך אייגענטליך, וואס איך האב געהאט אזא קראפט...

ער האט זיך אויפגעהויבען.

— איצט וועל איך געהן. דו ביסט געווען אונגערעכט. איך האב דיך שטענדיג זעהר געליעבט.

האט זיך צוגעבויגען צו איהר האנד און לאנג געקושט זי. איהר האנד האט געציטערט. ביים טיהר האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט.

— אויב עס וועט זיך ענדיגען שלעכט. — דו ווייסט דאך ווי גוט קוניצקי קען שיסען... — טו ווער געוואהר א מאל צו יא־ נינא'ן... זי איז געווען זעהר גוט צו מיר. ווי מיאוס, וואס איך האב איהר לעבען רואינירט.

ער האט געקוקט אויף איהר און האט געשמייכעלט אזוי מאדנע.

— ועסט עס טהאן?

— כ'וועל עס טהאן.

— זיי געזונד, אלגא — נו — און... און... ווער ווייס אויב מיר וועלען זיך נאך ווען זעהן.

.13

מען האָט פאַלק'ען אויפגעוועקט בענינען.

עפּעס א דזשענטעלמאַן האָט געוואַרט אויף איהם אין גאַסט־צימער. ער מוז איהם זעהן וועגען א זעהר וויכטיגען ענין.

— אהא! — האָט פאַלק א זאָג געטהאָן און האָט זיך גענומען אָנטהאָן.

אריינגעהענדיג אין גאַסט־צימער האָט ער דערזעהן פאַר זיך אַן אונבעקאַנטען יונגענמאַן, וועלכער האָט זיך זעהר העפליך און צערעמאָניעל פאַרנייגט צו איהם.

— איהר זיינט פון קוניצקי'ן? ניט אמת?

ער האָט מיט אונגעדולד אויסגעהערט דעם אונבעקאַנטען.

— שווערע בעדינגונגען? אָה, געוויס. איהר לאָזט מיר נאָר אייער אדרעס. אָבער אום גאָטעס ווילען אָהן צערעמאָניעס. געוויס, שיסען ביז דער לעצטער מעגליכקייט. אָבער געדענקט — קיינע לאַנגע צערעמאָניעס...

דער אונבעקאַנטער האָט געקוקט אויף פאַלק'ען עטוואָס פערוואונדערט, האָט זיך פאַרנייגט און איז ארויסגעגאַנגען.

— אויסגעצייכענט! — האָט פאַלק געשעפּטשעט מיט צופריעדענהייט.

ער האָט גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער, און מיט א מאָל האָט ער דערפיהלט א שטאַרקען בענקען נאָך איזא'ן.

ער וועט געהן צו איהר, וועט זי נעהמען אויף די הענד, ער וועט איהר אַלעס דערצעהלען וועט זי צערטליך גלעטען און בעטען...

נאָר אין א מינוט ארום האָט שוין א בילד וואָס האָט גהאַנגען איבער דער פּיאַנאָ צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט.

הימעל: א רייהע ברייטע, גראָבע פּאַסען, שרייענדע פלעקען וואָס קענען זיך ניט צוזאַמענגיסען אין איינס; איין לאַנגער שווידערליכער געשריי פון פערצווייפלונג... דער ברעג פון ים, א לאַנגער בריק צוויי מענשען. זי איז אָנגעטהאָן אין ווייסען. געזעהן האָט מען אייגענטליך בלויז איהרע ווייסע קליידער. און דיעזער ווייסער פלעק אין מיטען דער ווילדער הימעל־אָרגיע האָט געהאַט אזא שרעקליכען געהיימניספולען אויסזעהן, אז אַלע נערווען האָבען

זיך אַנגעשטרענגט אין שוידער־שרעק. די גאַנצע נשמה האָט זיך ווי איינגעזויגען אין יענעם ווייסען פלעק. יאָ, דאָס איז געווען דער שיקזאַל, אַ בליק אַ ווייסער, די גאַנצע וועלט, וועלכע טאַנצט אין כאָאָס.

ער האָט זיך אָפּגעקעהרט און מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף אַ וועלקענדער בלום.

איצט דאַרף מען זוכען סעקונדאַנטען. נו, געוויס, העיסלער, — ער וועט שוין אַלעס צוגרייטען.

ער האָט לאַנג געזוכט זיין הוט, האָט זיך צוגעהערט ביים טיהר פון איזאַ׳ס שלאָף־צימער, און ווידער גענומען שפּאַנען איבער׳ן צימער...

נו איצט מוז איך געהן, וועט ניט קען איך נאָך העיסלער׳ן אין דער היים ניט טרעפען.

ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען איז איזאַ אריין אין צימער. שווערע חלומות האָבען זי געמוטשעט די גאַנצע נאַכט ; עס האָט זי געפיבערט.

האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס פאַלק איז שוין אוועק פון הויז. זי האָט אַזוי געוואָלט איצט רעדען מיט איהם, אַ ביסעל זיך בערוהיגען. אַ טיעפער אומעט האָט זי דורכגעדרונגען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט.

דער צימער האָט איהר מיט אַ מאָל אויסגעוויזען גאָר פרעמד. זי האָט זיך עפּעס דערפיהלט דאָ ניט היימליך. עפּעס אַזוי ווי די לופט אפילו וואָלט דאָ, אין דעם צימער, געווען אַן אונגעזונטע, מיט פיבער אָנגעזאַפּט. פּאַפּירען האָבען זיך געוואַלגערט אין גרויס אונאָרדנונג, און אויפ׳ן טיש איז געלעגען אַ בעשריבענער בויגען. זי האָט פערטראַכט געקוקט אויף דעם. פון אָנהויב ביז׳ן סוף איז עס געווען בעשריבען מיט איין וואָרט : אַנענקאַ.

עפּעס אַ מאָדנער פאַרגעפיהל האָט פערדריקט איהר האַרץ. עס האָט איהר געשטיקט עטוואָס. אויפ׳ן האַרצען אַזאַ אומעט. איהר גאַנצעס גליק איז עפּעס ווי אַ רויך צושוואומען געוואָרען.

זי האָט אליין ניט פערשטאַנען פון וואַנען דיעזער אומעט האָט זיך גענומען. האָט געפּרופט פערטרייבען איהם מיט פרעהליכע גע־

דאַנקען. זי האָט אָבער ניט געקענט בעפרייען זיך פון איהר מערק־ווירדיגער אונרוהיגער שטימונג.

זי איז אריין צוריק אין שלאָף־צימער און זיך גענומען אויס־טהאָן. און פּלוצלונג איז אריין די דיענסט.

— עפּעס א יונגער הערר וויל אונבעדינגט רעדען מיט אייך.

זי האָט דערלאַנגט א וויזיט־קאַרטע: סטעפאַן קרוק.

איזא האָט איבערגעלעזען דעם נאָמען און זיך שטאַרק פער־וואונדערט. ניין, דאָס איז אונמעגליך. קרוק האָט דאָך געמוזט לויפען פון גערמאַניע. ער איז דאָך פעראורטהיילט צו עטליכע יאָהר טורמע... זי האָט בעפאַלען אַן אונקלאָהרע אונרוהיגקייט. א פאָרגעפיהל פון אונגליק האָט פערפרעסט איהר האַרץ. זי איז קוים געווען אימשטאַנדע אָנצוטהאָן זיך.

אין גאַסט־צימער האָט זי פאַר זיך דערזעהן קרוק'ען. ער איז געווען שרעקליך בלייך, די אויגען רויט, און זיי האָבען אַזוי ווילד אומגעבלאָנדזשעט.

איזא איז געבליבען שטעהן דער־שראָקען.

— וואָס האָט געטראָפען? וואָס?

— וואו איז אייער מאַן?

זיין הייזעריג קול האָט שטאַרק געציטערט.

— ער איז נאָר וואָס ארויס פון הויז. אָבער וואָס איז מיט אייך? ווי אַזוי האָט איהר זיך געקענט איצט צוריקקעהרען?

קרוק האָט זיך אַרומגעקוקט, עפּעס ווי ער וואָלט זיך ניט גע־קענט אָפּגעבען קיין רעכנונג וואו ער געפינט זיך.

איזא האָט אָפּגעטראָטען אין א טויט־שרעק.

— אייער מאַן איז א לומפּ! — האָט ער מיט א מאָל אויס־געשריען, — ער האָט געשענדעט מיין שוועסטער...

נאָך עטליכע ווערטער האָט איזא געהערט: ליובאָווניצע, אונ־געזעצליך קינד, פערפיהרער, און ווייטער האָט זי שוין קיין זאַך ניט פערשטאַנען. קרוק איז צו זיך געקומען, האָט בעמערקט ווי דאָס בלוט איז אין גאַנצען פערשוואונדען פון איהר געזיכט, די ליפּען זיינען געוואָרען בלאָה. איזא האָט זיך א שאָקעל געגעבען אויף אומצופאַלען, נאָר ער האָט זי צייטליך אונטערגעכאַפּט.

— אייער שוועסטער האָט אַ קינד געבאָרען. איצט, איצט...
פון מיין מאַן? מיט עטליכע וואָכען צוריק? אייער שוועסטער?

זי האָט צומישט געקוקט אויף קרוק'ען און אַלץ איבערגע־חזר'ט: אַ קינד, אַ קינד...

זי איז מיט אַמאָל אויפגעשפרונגען.

— איך מוז זי זעהן, כ'מוז... דאָס איז אונמעגליך, ניין, ניין...

זי האָט האַסטיג געשפּאַנט איבער'ן צימער.

פאַרוואָס זאָגט איהר ניט עפּעס? זאָגט אַז עס איז ניט אמת, אַז דאָס איז אונמעגליך... אָה, גאָט, גאָט! העלפט מיר גע־פינען מיין הוט, גיכער... אָה, גאָט, ניין, דאָס איז אונמעגליך... כאַ, כאַ, כאַ, ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך וואָלט דערויף גע־זאָגט... גרויסער גאָט, דאָס איז אונמעגליך... אַך, ווי בלייך, ווי פינסטער איהר זיינט... טו קומט שוין, גיכער...

זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס זי טהוט, און וואָס זי רעדט. ערשט זיצענדיג אויפ'ן איזוואָזשטשיק איז זי אַביסעל צו זיך גע־קומען.ביידע האָבען געשוויגען.

איהר האָט זיך געדוכט עפּעס ווי אַ שוואַרצער קאַלטער שאָ־טען האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן מאַרך. זי האָט קאָנוואולסיוו געלאַכט, שטיל געוואָרען און באַלד ווידער געלאַכט.

און מיט אַמאָל האָט זי אַ קוק געגעבען אויף קרוק'ען מיט אַזאַ ביטרען שמייכעל.

— איך האָב אייך באַלד דערקענט, — צוויי מאָל געזעהען אייך אין פּאַריז. אָבער ווי שטאַרק איהר האָט זיך געביטען זייט דאַן, — אַזוי בלייך געוואָרען... ווי שרעקליך דאָס איז, ווי שרעק־ליך!...

האָט געקוקט אויף די פענסטער מיט אַ בלאָנזשענדען בליק.

דאָס פּלוצלונגע קלאַפּען פון אַ ברידזשקע האַרט הינטער זייע־רער, האָט זי אין גאַנצען פערטויבט; זי האָט שוין קיין זאַך ניט געזעהען און ניט געהערט, האָט בלויז מעכאַניש איבערגע'חזר'ט: ס'איז שרעקליך!

ענדליך איז זייער איזוואָזשטשיק געבליבען שטעהן, און נעבען זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך די אַנדערע פּוהר.

קרוק איז שרעקליך בלאס געווארען.

אין דעם מאמענט, ווען איזא איז אראפגעקראכען פון איז־וואזשטשיק, האבען זיך צוויי פאליציי־לייט א ווארף געגעבען צו קרוק'ען.

— אין נאמען פון געזעץ!

מיט א בליץ־האסטיגער בעוועגונג האט קרוק ארויסגעכאפט א רעוואלווער, נאר אין דעם זעלבען אויגענבליק האט מען איהם אומגעווארפען אויף דער ערד.

איזא איז אריינגעלאפען אין הויף.

האט זיך צוגעשפארט צום וואנד ניט אומצופאלען. דער קאפ האט זיך אזוי געדרעהט.

זי האט אונבעוואוסטזיניג געקוקט ארום זיך.

וואס דארף זי דא? בעזוכען עריק'ס געליעבטע? כא, כא, כא... גרויסער גאט!

זי האט זיך בעהערשט, איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די פיעלע וואוינונגען, און איז מיט אמאל געבליבען שטעהן ווי איינגעגראבען. אין איין פענסטער האט זי דערזעהען א בלאס, אויסגעמוטשעט געזיכט — א מיידעל מיט א קינד אויף די הענד. זיי האבען לאנג געקוקט איינס אויף דאס אנדערע...

— דאס איז זי! — האט איזא ארויסגעשעפטשעט.

זי האט געזעהען ווי יאנינא האט אין שרעק אפגעווארפען זיך פון פענסטער.

איזא איז אריין און האט אנגעקלאפט. די טיהר האט מען געעפענט אויף האלב און עפעס ווי מיט שרעק.

— לאזט מיך דאך אריין... — זי האט אבגעשטויסען יאנינא'ן פון טיהר... — איך וועל דאך אייך קיין זאך ניט טהאן... בלויז אויף אייער קינד וויל איך א קוק טהאן... מיין מאן איז דאך — זיין פאטער.

זי איז אריין אין צימער.

— וואס ציטערט איהר אזוי?... איך וועל אייך ווירקליך קיין שלעכטס טהאן.

זי האט זיך נערוועז צולאכט.

— נו, עריק האָט גאָר ניט קיין שלעכטען געשמאַק; איהר זיינט אַ גאַנץ שעהנע. נאָך גאָר אַ קינד און שוין עריק'ס ליובאָווניצע, כאַ, כאַ, כאַ... אָבער זעצט זיך... איהר זיינט אַזוי בלייך געוואָרען... גאָט מיינער, ווי אויסגעמוטשעט דאָס אָרימע קינד איז... דאָס גאַנצע בלוט האָט ער פון אייך אויסגעזויגען... און אַט דאָס עופה'לע איז אייער קינד, און עריק איז זיין פאָטער.

און זי האָט זיך היסטעריש צולאַכט און האָט געקוקט אויף יאַנינאַ'ן מיט ווילדער פיינדשאַפט. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז איין מינוט.

— איהר האָט נאַטירליך, ניט געוואוסט, אַז פאַלק איז פערהייראַטעט. אָך, ווי ער ליגט, ווי ער ליגט.

די כחות האָבען זי אין גאַנצען פערלאָזען.

יאַנינאַ האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן בעט און האָט זיך הויך צושלוכצט.

— האָב איך אייך בעליידיגט? — האָט זי קאַלט געפרעגט. און ניט וואַרטענדיג אויף קיין אַנטוואָרט איז זי צוגעגאַנגען צום בעט, וואו עס איז געלעגען דער קליינינקער עריק, און האָט לאַנג און אויפמערקזאַם געקוקט אויף איהם.

— אָבער הערט אויף וויינען. איך האָב אייך ניט געוואָלט בעליידיגען... אַ זעלטען שעהן קינד! איהר זיינט דאָך אין קיין זאַך ניט שולדיג, — איהר זיינט אַליין אַן אָרים שוואַך קינד...

און זי האָט ווידער אָנגעהויבען לאַכען.

— ווי מאָדנע עס איז, וואָס איהר האָט שוין אַ קינד... וויפיעל זיינט איהר אַלט? אַכטצעהן, ניינצעהן? נו, אַ גוטען טאָג. וויינט ניט, איך וועל איהם אייך שיקען! ער וועט צוריקקומען צו אייך!

— מוטשעט מיך ניט אַזוי שרעקליך! — האָט יאַנינאַ געשלוכצט.

— איך מוטשע אייך? איך זאָג דאָך, כ'וועל איהם אייך שיקען... באַלד... באַלד.

אויפ'ן גאַס איז זי געבליבען שטעהן... איז לאַנג געשטאַנען. עס זיינען פאַרבייגעגאַנגען עטליכע גאַסען־ליידאַקעס. ווי מיט

א האַגעל האָבען זיי זי בעוואָרפען מיט אונאַנשטענדיגע וויצען.

זי האָט זיך אומגעקוקט און איז אוועק ווייטער. איז געגאַנגען אַלץ שנעלער.

— נור צו דיזען ליגנער זיך נישט צוריקקעהרען, — האָט זי געשעפּטשעט.

— אָבער גאָט מיינער, וואָס פאַר א מענשען וואוינען עס דאָ? פאַר וואָס פערפאָלגען זיי מיך? וואָס האָב איך זיי געטהאָן?

זי האָט געקריצט מיט די צייהן אין איהר מאַכטלאָזען צאָרן.

און פּלוצלונג האָט זי דערפיהלט א שטאַרקען וועהטאָג: א פאַרביי־געהענדער ארבייטער האָט איהר אזא שטאַרקען שטויס געטהאָן, אז זי איז שיער ניט געפאַלען.

פון שאַרפען וועהטאָג איז זי צו זיך געקומען.

איצט האָט זי גענומען געהן לאַנגזאַם נעבען די שטיינערנע מויערען. זי האָט זיך געשראָקען, ווי א קליין קינד. א קאָנוואול־סיווער געוויין האָט איהר געשטיקט, זי האָט זיך מיט מיה איינגעהאַלטען פון שלוכצען, גרויסע טרעהרען בלויז האָבען זיך געקייקעלט איבער'ן געזיכט.

זי איז ענדליך צוגעקומען צו א לעערען פּלאַץ, האָט זיך געזעצט אויף א באַנק און זיך אביסעל בערוהיגט. איצט ערשט איז זי ענדליך צו זיך געקומען, און האָט גוט בעגריפען וואָס עס האָט פּאַסירט. זי האָט דערפיהלט א שרעקליכען פּיין; א פּיין, וואָס וועט זי, דאַכט זיך, צום וואַהנזין טרייבען. זי איז אויפגעשפּרונגען.

— העיסלער וועט געבען געלד. אך, נור פון איהם אוועקגעהן, אנטלויפען פון איהם ווייט... ווייט... העיסלער וועט געבען געלד... העיסלער... — האָט זי אַלץ איבערגע'חזר'ט.

זי האָט זיך געזעצט אויף אַן איזוואָזשטשיק און האָט געהייסען פאַהרען צו העיסלער'ן.

איהרע ליידען זיינען אַלץ שטאַרקער געוואָרען... עפּעס ווי דער גאַנצער גהינם וואָלט אויף איהר אַרויפגעפאַלען... כאַ, כאַ, כאַ!... ניט שלעכט, ניט שלעכט, פערקעהרט, עס איז גוט, גאָר אַן אנטיק, אַן אַנטיק... ס'אַרע אונגעהייער גרויסע אותיות: איזאַאַק

איזאַקסאָן... ווי לעכערליך... פאַלק איז אַ געניאַלער מענש... ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל אויסבעסערען דעם מענשליכען דור, אַז ער וועט פּלאָדיען קינדער מיט וואָס מעהר פרויען... אָט דאָ קען איך מיר קויפען וואַרע אויף אַ קלייד... פרידריכשטראַסע 183, אָבער ווי הייסט ער דאָרט? איזאַאַק איזאַקסאָן, 183...

זי האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַ טיעפען עקעל. פאַלק האָט דאָך זי גראָדע אַזוי גענומען, ווי יענע מיידעל, מיט די זעלבע ליפּען געקושט... זי האָט געציטערט; אַלעס האָט זי אַזוי געשטיקט, אַזוי געפּרעסט איהר ברוסט, אַז זי האָט געוואָלט צורייסען אויף זיך דאָס קלייד.

פאַרוואָס האָט ער שוין ניט געבראַכט יענע מיידעל צו מיר, אויף מיין בעט. ער וואָלט דאָך גראָדע אַזוי גוט געקענט בעגעהן דיעזע הויך־קולטורעלע טהאַט פאַר מיינע אויגען.

זי האָט זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען. האָט זיך גע־קאָרטשעט פון וועהטאָג, איין דרייען געדרעהט זיך, און ווידער זיך אויסגעגלייכט. זי האָט געפיהלט אַ שטאַרקען שטעכען אין הארצען, אין קאָפּ, אומעטום... — אַך, אומעטום... אָה, ווי קראַנק איך פיהל זיך, ווי קראַנק... גרויסער גאָט, ווי קראַנק איך בין!!...

זי איז אריין אין העיסלער׳ס קאַבינעט אַ פרעהליכע.

— אַך, ווי צערטליך, ווי גוט די קוקסט אויף מיר. זעהסט אויס ווי אַ שעהמעוודיגער אינגעל, כאַ, כאַ, כאַ... ס׳אַראַ ווייכען פלאַנעלנעם גאַרניטער דו טראָגסט! וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי, אַקוראַט ווי דער הימעל פון דעם הייליגען אַנטאָני וואָלט זיך אי־בער דיר געעפענט... איך בין דאָך עריק פאַלק׳ס געזעצליכ־סטע פרוי... פערשטעהט? געזעצליך פערהייראַט מיט איהם אין פאַריזער 15טען דיסטריקט.

זי האָט הערצליך געלאַכט.

העיסלער האָט געקוקט אויף איהר פערוואונדערט. זי האָט אָבער, דאַכט זיך, אַזוי הערצליך געלאַכט, אַז ער האָט אויך גענומען לאַכען מיט איהר אין איינעם.

— הער אויס, וואַלטער, פון גרויס אימפּעט האָבען מיר זיך

גאָר פערגעסען צו גריסען... — זי האָט גענומען זיין האַנד אין איהרער.

— דיין האנד איז אַ גרויסע, אַ גוטע, אַ וואַרימע.

— האָסטו זיך ניט בעגעגענט אונטען מיט דיין מאַן? — האָט העיסלער געפרעגט אונרוהיג.

— מיט עריק פאלק'ן, מיין מאַן... — האָט זי געלאַכט היס־טעריש, — מיין מאַן, כאַ, כאַ, כאַ... ווי מאָדנע, ווי שפּאַסהאַפט, איז עס ניט צום מאָל מעהר פילאָזאָפיש ווי אָרינינעל? — זי האָט זיך ארומגעקוקט און געזעצט זיך.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי טרויעריג... און... ער איז געוועזען דאָ... האָט דיר אַלעס דערצעהלט...

העיסלער האָט זיך אָפּגעקעהרט און גענומען איבערקלייבען זיי־נע פּאַפּיראָסען.

— ער האָט דיר דערצעהלט פון זיין קליינינקען זוהנדעלע? און פון זיין אָרימער, קליינינקער ליובאָווניצע, כאַ, כאַ, כאַ. אפשר האָט ער געזוכט זיין הארץ אביסעל אויסצורעדען פאַר דיר?

— הער אויס, איזאַ, נעהם עס ניט אזוי צום הארצען... דו ביסט דאָך אַ פרוי. אַ מאַנסביל איז דאָך גאַנץ אַנדערש אָרגאַ־ניזירט...

זי האָט זיך געזעצט, דערפיהלענדיג זיך פּלוצלונג אַזוי מיעד. איהר האָט זיך געדוכט, אַז באַלד וועט זי איהר בעוואוסטזיין פער־לירען.

— גיב וואַסער.

זי האָט מיט איין מאָל אויסגעטרונקען אַ גרויסע גלאָז וואַ־סער.

— כאַ... כאַ... כ'האָב ניט געזעהן מיין מאַן... פינף טעג ניט געזעהן איהם, — האָט זי צוגעזעצט אין פראַנצויזיש.

— עס איז אַזוי אָנגענעהם צו רעדען די מוטער־שפּראַך... האָב זי שוין כמעט פערגעסען. האָב זיך געלערענט אין אַן עקעל־האַפטען דייטשען פּאַנסיאָן... האָב געמוזט אויפשטעהן פינף אַ זייגער אין דער פריה... אָה, בררר!... בררר... ווי אַנדערש דו ביסט עפּעס איצט... אַזאַ גוטער, און די האַנד דיינע איז אַזאַ שטאַר־

קע, און אויך א גוטע...

זי האָט געקוקט אויף איהם.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אזוי טרויעריג? איך נויטיג זיך ניט אין דיין רחמנות. גיב מיר בלויז פינף הונדערט מאַרק, — דו מוזט זיי מיר געבען, — האָט זי פעסט צוגעלעגט.

ער האָט א קוק געגעבען אויף איהר מיט שרעק.

— אויף וואָס דאַרפסטו זיי?

— אָט דאָס הייסט א דזשענטעלמען! כא, כא, כא... פרעגט די דאַמע אויף וואָס זי דאַרף געלד? גיב מיר געלד, ווייל איך דאַרף עס זעהר נויטיג.

— איזא, זיי דאָך אויף איין מינוט פערנינפטיג; וועסט דאָך ניט טהאָן קיין שום נאַרישקייט?

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— הער אויס, דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס דו ביסט פאַר מיר... אין אייער הויז האָט עטוואָס געטראָפען — עטוואָס זעהר שלעכטעס... פערשטעהסט דאָך מיך... טו וויפיעל דאַרפסטו?

— דריי הונדערט, פיער הונדערט...

— איך וועל געבען זעקס הונדערט.

זי האָט איהם ניט פערשטאַנען, האָט נור געקוקט אויף איהם אַלץ מיט גרעסערער ענטציקונג. דער קאָפּ האָט זיך איהר געדרעהט.

— אַך, וואָס פאַר א טהייערער, וואָס פאַר א גוטער דו ביסט!... גיב מיר דיין גרויסע, גוטע, ווארימע האַנד... דריק מיינע שטאַרקער, נאָך שטאַרקער. אָה, ווי קראַנק איך בין, ווי קראַנק!

און זי האָט זיך צושלוכצט קאָנוואולסיוו, היסטעריש.

.14

דעם גאַנצען טאָג האָט פאַלק אונרוהיג אומגעבלאָנקעט איבער'ן שטאָדט.

ענדליך איז ער אריין אין א קאַפע־הויז און איז דאָרט אָפּגעזעסען עטליכע שעה. ער האָט זיך געפיהלט אזוי מיעד, אז ער האָט

קיין כח ניט געהאט אויפצוהויבען זיך און בעטען ביים קעלנער א ציימונג. אך ניין, ניין, עס איז דאך אזוי פיינליך שווער אופי־צועפענען דאס מויל...

ביז א געוויסען גראד האט עס איהם געפרעהט, וואס אלעס געהט אזוי צו... און קוניצקי שיסט דאך אויסגעצייכענט... מארגען וועט זיך אלעס ענדיגען... זעהר גוט!

איהם האט געוואונדערט וואס ער איז געווארען אזוי גלייכ־גילטיג צו אלעס. איצט, ווען עס האנדעלט זיך ווענען זיין לעבען... זיין לעבען.... — ער האט מאדנע א שמייכעל געטהאן. — זיין לע־בען... און איז מיט אמאל אויפגעשפרונגען.

קומענדיג אהיים האט ער זיך דערפיהלט אזוי צובראכען, מיעד, אז ער האט זיך באלד א ווארף געטהאן אין בעט, האט אבער אומזיסט געפרופט איינשלאפען.

ער מוז דאך רעדען מיט איזא'ן. רעדען ווענען זעהר וויכ־טיגע זאכען. אבער זעהר פארזיכטיג מוז ער עס טהאן, נישט אויפצוואועקען אין איהר דעם מינדעסטען פערדאכט.

אמת, מען קען עס טהאן דורך א בריעף. ער האט עס לאנג ארומגעקלעהרט. זאנסט קענען איהר נאך איינפאלען שלעכטע, אדער ריכטינער, גוטע געדאנקען. בעסער שרייבען איהר א בריעף.

ער איז אין גאנצען צו זיך געקומען. זיין מארך האט זיך אויסגעלייטערט און האט אנגעהויבען ארבייטען.

איהם איז ענדליך קלאר געווארען, אז מארגען וועט איהם, וואהרשיינליך, דער טויט פערמאכען די אויגען... א ציטער איז איהם דורכגעלאפען איבער'ן לייב... יא, א ציטער און א שרעק, כאטש די ריטערס פון רעוואלווער פיהלען ניט געוועהנליך ניט דאס ערשטע, און ניט דאס אנדערע.

דער גאנצער פראצעס פון דיעזען טויט דורכ'ן דועל איז איצט אונגעוועהנליך קלאר געשטאנען פאר זייע אויגען.

ער וועט, אלזא, מוזען רוהיג שטעהן און קוקען אויפ'ן מויל פון פיסטאליעט, ער וועט זעהן, ווי דאס הענטעל וועט זיך אראפ־לאזען — זעהר קלאר, און דערנאך א שווערער פאלען...

א קאלטער שוויים האט ארויסגעטראטען אויף זיין שטערען.

ענדליך איז איהם געלונגען צו פערטרייבען דיעזע געדאנ־קען.

ער האט א גענעץ געטהאן. און באלד טאקע האט ער א טראכט געטהאן, אז גענעצען איז אייגענטליך כמעט דאס זעלבע וואס שרע־קען זיך.

קוניצקי — ער האט דאך מיט'ן ערשטען שאס דער'הרג'עט יענעם רוסישען... דאס מאל וועט ער אויך טרעפען אין ציעל... און אט דאס אלעס מוז מען פערלאזען... איזא'ן, די גאנצע צוקונפט...

און מיט אמאל האט ער זיך בערוהיגט.

הײנט פון וואנען א שטייגער נעהמט זיך דיעזער ליגען איבער דער צוקונפט? וואס פאר א נארישער ליגען. כא, כא, כא... מיין ליגנערישע נשמה האט, שיינבאר, געוואלט חקירה'ן אט ווי אזוי: דאס אלעס איז נאך גאר ניט אזוי שלעכט ווי עס ווייזט זיך אויס... מען וועט נאך אלעס קענען פעררעכטען... ער איז מיט אמאל אויפ־געשפרונגען ווי משוגע.

קרוק קען דאך בשום אופן ניט צוריקקעהרען זיך קיין דייטש־לאנד. ער איז דאך פער'משפט צו פינף יאהר טורמע. ער, אלזא, קען איהם אין וועג ניט שטעהן.

אין ווילדער אויפרעגונג האט ער גענומען לויפען הין און צו־ריק איבער'ן צימער.

פאלגליך, וועט זיך איזא קיינמאל ניט הערוויסען פון דעם אלעם. זיינע בריעף עפענט זי דאך ניט.

נאך קיינמאל האט ער ניט דורכגעלעבט אזוינע מאמענטען פון ריין־טהירישעס, אונמיטעלבארעס גליק.

א ליידענשאפטליכע דורשט נאך לעבען האט אנגעפילט זיין ברוסט. ער האט פון קיין אנדער זאך שוין ניט געקענט קלעה־רען. איין מעכטיגער פער'עקשנ'טער געדאנק האט איבערוועלטיגט זיין מארך:

אוועקפאהרען וואס גיכער!

קוניצקי? קוניצקי? וואס געהט איהם איצט אן קוניצקי? וואס ארט עס איהם איצט פאר עהרע אדער שאנד? אבי וואס ני־בער אוועקפאהרען!

מיט דער לעצטער פערצווייפעלטער אנשטרענגונג האט זיך זיין מארך אנגעכאפט פאר דיעזען געדאנק.

און מיט א מאל האט ער זיך צולאכט אזוי ווילד, לאנג.

כא, כא, כא... עס האלט אפנים שמאל מיט מיר; איך הויב שוין אן שפיעלען א קאמעדיע מיט זיך אליין. דאס איז שלעכט... און וואס וועט עס מיר העלפען, ווען איך וועל שוין אפילו אנט־לויפען? וועל איך חען דאדורך פטור ווערען פון עקעל און לינען? כא, כא, כא... וואס פאר א וואהנזין עס איז צו גלויבען, אז אלעס קען נאך פעררוכט ווערען.

ער האט זיך מיט אמאל דערמאנט אן דעם קליינינקען, הינ־קענדען אידעל, ביי וועמען ער האט, אלס סטודענט, געוואלט לייהען געלד. דער איד האט ניט געהאט, אדער האט מסתמא ניט געוואלט געבען איהם קיין געלד, און האט דעריבער אויף פאלק׳ס אלע נע־בעך־רייד גענטפערט, אז אלעס וועט נאך אמאל גוט ווערען.

און זיין הארץ איז מיט אמאל פול געווארען מיט פרייד. איהם האט זיך געדוכט, אז קיינמאל איז איהם נאך אזוי פרעהליך ניט געוועזן.

איצט קען ער געהן צו איזא׳ן אין דיעזער פרעהליכער שטי־מונג.

אריינגעהענדיג אין גאסט־צימער האט ער ווידער דערזעהען יענע זאנדערבארע בילד מיט איהר זילבערנער, משוג׳ענער ארגיע, דעם הימעל׳ס פערצווייפלונג...

אין עסס־צימער איז ער געבליבען שטעהן און זיך צוגעהערט. פון איזא׳ס צימער האט זיך געהערט א שלוכצען, קרעכצען, געוויין...

ער איז ווי פון א דונער געטראפען געווארען. האט אפגעטרא־טען צוריק. דאס הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפען. ער איז צוגעלאפען צום טיהר און האט אנגעקלאפט. קיין ענטפער.

און מיט אמאל האט זיך דערהערט א פערצווייפעלטער געשריי פון דארט. ער האט געקלאפט שטארקער, דערנאך מיט אלע כחות געקלאפט מיט די קולאקעס אין טיר.

— איזא, איזא! — האט ער געשריען פערצווייפעלט.

שטיל. ער איז געשטאַנען צומישט, אין ווילדער פערצווייפ־לונג.

— עפען! — האָט ער געשריען. — עפען!

קיין שום אַנטוואָרט.

אַ ווילדע אויפרעגונג האָט איהם בעפאַלען. מיט דער גאַנצער משא פון זיין קערפער האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף דער טיהר און זי אויפגעבראָכען.

איזאַ האָט אויפגעשפרונגען איהם אַנטקעגען אַ צוטומעלטע, אַ ווילדע.

— וואָס דאַרפסטו געה פון דאַנען! געה! געה צו דיין ליוּ־באָוניצע! — האָט זי געשריען אין פערצווייפלונג.

פאַלק איז געשטאַנען און האָט אַזוי געציטערט, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנשפאַרען אָן טיש.

— טו געה שוין, געה שוין! — האָט איזאַ געשריען, ארומלוי־פענדיג איבער'ן צימער, עפּעס, ווי זי וואָלט מורא געהאַט ער זאָל זי פלוצלונג ניט אָנכאַפּען.

— איזאַ! — האָט ער צום סוף געשריען.

— לאָז מיך צורוה, לאָז מיך! — האָט זי פערשטאָפּט מיט די פינגער איהרע אויערען. — איך וויל קיין זאַך, קיין זאַך ניט הערען, און קיין זאַך ניט וויסען. איך קען אויף דיר ניט קוקען. אָה, ווי אָבשייליך, ווי עקעלהאַפט דו ביסט מיר...

פאַלק איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ בלאָנדזשענדען בליק. ער האָט בלויז געהערט איהר הייזעריג־קוויט־שעדיג קול אָט אין אַ היסטערישען געלעכטער, און אָט אין אַ קאָנ־וואולסיוועז געוויין. ער איז געווען שטאַרק פערוואונדערט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט ביי איזאַ'ן אַזאַ קול.

איהר אויפרעגונג האָט דערגרייכט ביז דער העכסטער שטופע. זי האָט געטופעט מיט די פיס, האָט ארויסגעלאָזט משונה'דיגע קולות, איז ארומגעלאָפען ארום טיש, און איז ענדליך צוגעלאָפען צום טיהר.

פאַלק איז צו זיך געקומען. האָט אָנגעכאַפּט איהרע הענד. זי האָט געפּרואווט זיך באָרען מיט איהם. האָט ער נאָך שטאַרקער

פערדריקט איהרע הענד אזוי, אַז זיינע פינגער האָבען זיך איהר איינגעזויגען אין לייב.

— לאָז מיך, לאָז! — האָט זי געשריען מיט איהרע לעצטע כחות.

— איך געה באלד אוועק. אָבער פריהער מוזטו מיך אויס־הערען! — האָט ער געשריען אין ווילדער אויפרעגונג.

— איך וויל קיין זאך ניט הערען. איך האס דיך, איך פעראַכט דיך, ביסט מיר אבשייליך. געה אוועק, געה צו דיין געליעבטער!

זי האָט זיך א וואַרף געטהאָן אויפ׳ן זאָפע אין א ווילדען קאָנ־וואולסיוועו שלוכצען.

פאלק איז צוגעלאָפען צו איהר שטאַרק דערשראָקען. איזא׳ס שלאַנקער, צאַרטער קערפּער האָט זיך געדרעהט אין דרייען, געצאַ־פּעלט זיך אין זיינע הענד, און פון האלז האָבען זיך ארויסגעריסען שלוכצען און געשרייען ניט פון קיין מענשליכע יסורים.

פאלק האָט זי ארויסגעטראָגען אויפ׳ן באַלקאָן, האָט געבאַפּט א גראַפין וואסער און האָט גענומען נעצען איהר דעם שטערען, די שלייפען, נאָר זי איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען און מיט איהר גאַנ־צען כח געגעבען איהם א שטויס אין הארצען מיט׳ן קולאַק. א ציטערענדע איז זי געבליבען שטעהן א ווייַלע אזוי שוואך, אָפּגע־לאָזען, און איז באלד אומגעפאַלען אויפ׳ן זאָפע, שווער ציהענדיג דעם אָטהעם. ביסלעכווייז איז זי געוואָרען אַלץ שטילער, שטילער, איז אראָפּגעקראָכען פון זאָפע, און איז געבליבען זיצען אויפ׳ן פּאָל. און מיט אמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבען; א געלאַסענע, א שטאָלצע איז זי געשטאַנען פאַר פאלק׳ן.

— נו, וואָס נאך ווילסטו פון מיר?

— איצט שוין גאָר ניט... גאָר ניט, — האָט ער געשטאַמעלט און האָט געקוקט אויף איהר מיט גלעזערנע אויגען. — איצט גאָר ניט... — האָט ער שטיל איבערגע׳חזר׳ט.

— דו פערשטעהסט געוויס, אז צווישען אונז איז אַלעס גע־ענדיגט. אויף איין מינוט וועל איך ניט פערבלייבען אונטער דיין דאך... כ׳וועל אוועקגעהן... אוועקגעהן...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם, און געוואָלט אָבשטויסען איהם פון טיהר.

פאַלק'ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. ער האָט זיך לענגער ניט געקענט בעהערשען, און מיט אַלע זיינע קרעפטען האָט ער זי אַוואָרף געגעבען אויפ'ן בעט. זי איז אויפגעשפּרונגען, האָט געוואָלט לויפען, איהרע האָר האָבען זיך צוואָוואָרפען, און פאַלק האָט ווילד אָנגעכאַפּט זי פאַר די האָר, אַ ריס געטהאָן, און צוגעצויגען זי צום דיוואַן.

— כוועל דיך דער'הרג'ענען! — האָט ער געקריצט מיט די צייהן, און געלאַכט מיט אַ משוגענעם געלעכטער.

זי האָט זיך מעהר ניט געוועהרט. אַלעס אין איהר איז ווי איבערגעבראָכען געוואָרען. עס איז ענטשטאַנען אַ מינוט פון שווינדעליכער שטילקייט.

אין גרויס שרעק איז פאַלק צוגעפאַלען צו איהרע פיס. ער האָט דערהערט ווי זי ווײנט אַזוי שטיל, ווי אַ מיעד קינד.

— עריק, עריק, ווי האָסטו געקענט טהאָן אַזאַ זאַך? עריק, ווי אַזוי האָסטו עס געקענט טהאָן?...

פאַלק האָט געקושט איהרע פיס. דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט איהרע הענד, און בעדעקט זיי מיט אונצעהליגע קושען. זיינע טרערען האָבען גערונען איבער איהרע הענד...

— עריק, וואָס האָסטו געטהאָן?

ער האָט גאָר ניט געענטפערט, בלויז שטאַרקער צוגעדריקט איהרע הענד צו זיינע ליפּען.

— שטעה־זשע שוין אויף שטעה אויף, מוטשע מיך ניט מעהר, — האָט זי זיך בעגאָסען מיט טרעהרען.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעזעהן רוהיג, האָט בלויז געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס.

— געה ניט אוועק פון מיר, — האָט ער געמורמעלט. — איך... איך האָב דיך צו שטאַרק געליעבט.

און איז אַנשווייגען געוואָרען. ניין! ער דאַרף עס איהר איצט ניט זאָגען.

— איך האָב מיין פערשטאַנד פערלאָרען. יענער, דער פרעמ־

דער, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר מיינע אויגען.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט שרעק, און האָט, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט פערשטאַנען.

— ווער ? וואָס ?

— ווער ? — האָט פאַלק איבערגעפרעגט און איז צו זיך געקומען.

— ניין... ניין... קיינער ניט... — ער האָט אָפּגעטראָטען אויף עטליכע שפּאַן. — נור געה ניט אוועק פון מיר... טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט... נור געה ניט אוועק !...

זיין שטים האָט געקלונגען אַזוי מיעד.

— איצט וועט שוין קיין זאַך נישט העלפען. דו ביזט מיר לחלומין פּרעמד. דאָס, וואָס איך האָב געליעבט אין דיר, איז אויף אייביג פערשוואונדען. דו ביזט פּונקט אַזוי לעבערליך ווי אַלע אַנדערע. ביזט א טיהר — גראַדע ווי אַלע אַנדערע מענער, מיט זייער נאַרישער טהירישער לוסט נאָך נענוס... און איך האָב געמיינט אַז דו ביזט אַנדערש... אָבער איצט מוטשע מיך ניט מעהר... איך פעראַכטע דיך, דו ביזט מיר אַזוי אָבשייליך... ערלויב מיר אוועקצוגעהן, עריק, ערלויב... קיין מינוט לענגער קען איך מיט דיר ניט בלייבען.

זי האָט זיך געלאָזט געהן צום טיהר.

א ווילדער צאָרן איז פאַלק'ן בעפאַלען.

— איך וועל דיך ניט לאָזען !... מוזט בלייבען מיט מיר ! מוזט ! איך הייס ! דער'הרג'ענען, פערניכטען וועל איך דיך, אויב דו וועסט געהן !

ער האָט געוואָלט אָנכאַפּען זי. איזא חאָט אָפּגעשפּרונגען אין שרעק.

— ביזט פון זינען אראָפּ ? — חאָט זי אויסגעשריען.

ער האָט זי ענדליך אָנגעכאַפּט און געדריקט אין א ווילדער ליידענשאַפטליכע אומארמונג. זי האָט זיך געוועהרט מיט אַלע כחות. ער האָט זי אָבער געהאַלטען אַזוי שטאַרק, אַז ארויסרייסען זיך האָט זי ניט געקענט. א ליידענשאַפט, א קראַנקהאַפטע ליידענשאַפט האָט איהם פערדונקעלט דעם מאַרך, איהם האָט איבער־

וועלטיגט א טהירישער פערלאנג צו האבען דיזע פרוי, דעם לעצטען מאל צו האבען זי אלס זיינע.

— לאז מיר, לאז! — האט זי געשריען אין שווידער־שרעק. ער האט שוין אבער מעהר ניט געקענט בעהערשען זיך, האט זי קראמפהאפט געהאלטען אין זיינע הענד, דערנאך גענומען שלעפען זי צום בעט...

מיט א מאל האט זי בעפרייט איין האנד האט זיך, ווי א שלאנג אויסגעבויגען און מיט'ן גאנצען כח דערלאנגט איהם מיט'ן קולאק אין פנים אריין. ער האט זי אין דער זעלבער מינוט אבגעלאזען. זיין נשמה איז, דאכט זיך, פערשטארבען געווארען.

זי האט ער ניט געזעהן. האט געקוקט ערגעץ אין אן אבגרונד, וואס האט זיך געעפענט פאר זיינע אויגען. דערנאך האט ער א קוק געטהאן אויף איהר דורכדרינגליך, און איז צו זיך געקומען.

איהר געזיכט איז געוועזן ווי פערשטיינערט, בלויז אין די אויגען האט זיך אפגעשטעמפעלט אן אויסדרוק פון עקעל און האס.

איצט ערשט האט ער פערשטאנען, אז זי ליעבט איהם ניט מעהר.

— האסט מיך ניט ליעב? — האט ער געפרעגט מיט אן אייזקאלטען שמייכעל. איינענטליך איז גאר איבעריג געוועזן צו פרעגען עס.

— יא, איך האב דיך ניט ליעב, — האט זי געענטפערט קאלט און ענטשידען.

פאלק האט א שמייכעל געטהאן אונבעוווסטזיניג, האט אבגעשטויסען מיט'ן פוס די שטיקלעך פון דער צובראכענער טיר און האט גענומען אוועקגעהן.

איזא איז אויפגעשפרונגען מיט ווילדער שנאה.

— נו, און יענע מיידעל... — האט זי געלאכט, ווי א פערריקטע... — די מיידעל וואס האט זיך דערטרונקען... כא, כא, כא... צופעליג, בעת זי האט זיך געבאדען... דו ביסט דעריין שולדיג, דו, דו, דו... א יאהר נאך אונזער חתונה איז עס געוועזן! כא, כא, כא...

— נו, דערצעהל, וואס נאך ליעגט אויף דיין געוויסען, מיין עהרענהאפטער טרייער געמאהל? וועסט דארט זיכער געפינען דעם סוף

פון נאָך עטליכע מיידלעך? אפשר האָט זיך איינע געהאַנגען דורך דיר?...

זי האָט אומגעשפּרייזט הין און צוריק איבער'ן צימער, און האָט געערדט שוין אַליין ניט וויסענדיג וואָס זי רעדט.

— אַך, דיעזער ליגען דיעזער איביגער ליגען... כא — אָבער לאָמיר עס לאָזען... איצט איז שוין אַלעס געענדיגט. געה, געה! וועסט גוט טהאָן, אויב דו וועסט זיך אַביסעל אָפּגעבען מיט יענער מיידעל. דער אויסזעהן איהרער איז זעהר אַ בעדויערנסווערטהער... זיי געזונד, מיין ליעבער מאַן, מעהר האָב איך דיר גאָרניט וואָס צו זאָגען.

פאַלק האָט קיין זאַך ניט געהערט, קיין זאַך ניט געפיהלט. ער האָט בלויז געוואָלט צוזעצען זיך ערגעץ, און אַזוי זיצען אין מיטען אַ טיעפער שטילקייט.

איזאַ האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט. פאַלק איז שטיל ארויסגעגאַנגען. אימיצער האָט אָנגעקלונגען.

פאַלק איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און האָט געעפענט די טיר.

ער האָט זינלאָז געקוקט אויפ'ן שליח, און האָט געוואַרט.

— הערר פאַלק איז צו הויז?

— איך האָב אַ בריעף פאַר אייך.

פאַלק האָט גענומען דעם בריעף, איז אריין צו זיך אין קאַבינעט, און האָט איהם אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שטוהל, האָט לאַנג געקוקט אויף דיעזען מאָדנעם בריעף, ביז ער האָט זיך ענדליך געצוואונגען צו עפענען איהם.

פון העיסלער'ן. ער האָט געשריבען, אַז אַלעס איז פערטיג, אין אָרדנונג און אַז דער דועל וועט זיין מאָרגען פיער אַ זייגער אין דער פריה.

פאַלק האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט זיך ברייט צוזעצט אין שטוהל, און איז אַזוי אָפּגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט פערלאָרען יעדען בעגריעף וועגען צייט, עס האָט זיך איהם גאָר ניט געוואָלט שלאָפען. ער האָט בלויז געדויכערט איין סיגאַרעט נאָכ'ן

צווייטען, און האָט זיך געוואונדערט וואָס אין קאָפּ ביי איהם איז קיין איינציגער געדאַנק ניטאָ.

— איך האָב זיך כימיש אָפּגערייניגט פון יעדען געדאַנק, — האָט ער איבערגעחזר'ט מיט אַ שמייכעל.

ווען העיסלער איז נאָך איהם געקומען אין דער בעשטימטער שטונדע, האָט פאַלק אויפגעהויבען אויף איהם פערוואונדערטע שמייכלענדע אויגען.

— שוין צייט?

— צייט... ביסט גאָר ניט געשלאָפען?

— ניין, — האָט פאַלק געענטפערט אַפּאַטיש.

ער האָט גענומען זיין אַלטע הוט.

— וואָס טהוסטו עס? גאָט איז מיט דיר! מען קען דאָך אַזוי ניט געהן. טהו אָן דיין צילינדער־הוט.

העיסלער האָט געקוקט אויף איהם אונרוהיג.

פאַלק איז בייז געוואָרען.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי פערדעכטיג? צו מיינסטו נאָר ניט, אַז איך שרעק מיך? נור באַלד האָט ער זיך ווידער פערטיעפט אין זיין אַפּאַטיע.

ווען זיי זיינען געקומען אויף דעם בעשטימטען אָרט, האָט שוין דאָרט געוואַרט קוניצקי מיט זיינע סעקונדאַנטען.

מען האָט האַסטיג דורכגעמאַכט אַלע נויטיגע צערעמאָניעס.

פאַלק האָט בלויז צוגעקוקט מיט אונגעוועהנליכער רוהיגקייט, ווי קוניצקי ציעלט זיך איהם גלייך אין ברוסט אריין.

קוניצקי'ס שאַנסען זיינען גוט; ער טרעפט דאָך אימער אין ציעל, אַ מאָדנער ספּאָרט... ער וועט מיך באַלד אויפ'ן אָרט אוועקלייגען... אָבער ווי פערבינדט מען דאָ איינס מיט'ן צווייטען? קוניצקי איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און צו דער זעלבער צייט געהט ער אויף אַ דועל. כאַ, כאַ... אַן אינטערנאַציאָנאַלער בירגער, אַ בירגער פון דער ג אַ נ צ ע ר וועלט...

דיעזע געדאַנקען זיינען ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען אין זיין מאַרך. און איהם האָט זיך געוואָלט הויך צולאַכען זיך...

אין דעם אויגענבליק איז א קויל דורכגעפלויגען איבער זיין קאפ.

בלויז איין געדאנק האט איהם איצט אין גאנצען בעהערשט: אן אינטערנאציאנאלער בירגער מיט הינקענדע פרינציפען דארף אויך אליין הינקען...

ער האט מיט גרויס מיה פערשטיקט דאס געלעכטער אין זיך. האט זיך געציעלט זעהר רוהיג; א קאנוואולסיווער געלעכטער האט געשטיקט זיין ברוסט. די קויל האט געטראפען קוניצקי'ן אין קניע. קוניצקי איז אונטערגעשפרונגען און געפאלען.

— צום טייפעל! גיט מיר א סיגארעט — האט ער אויסגערופען.

— ר'וועט הינקען? — האט פאלק געפרעגט ביי העיסלער'ן, צוריקקעהרענדיג זיך מיט איהם אין שטאדט אריין. דאס איז געווען דער איינציגער געדאנק, וואס האט זיך געדרודערט אין זיין קאפ.

— כ'וויים נים.

— אן אינטערנאציאנאלער בירגער... א בירגער מיט הינקענדיגע פרינציפען... כא, כא, כא, דאס איז ווירקליך גאט'ס פינגער. איצט וועט ער אליין הינקען...

אויף העיסלער'ן האבען דיזע ווערטער אונאנגענעהם געווירקט. פאלק אבער האט עס נים בעמערקט.

— דאס איז יעדענפאלס א זעהר אונבעדייטענדע בעפרידיגונג.

— האט העיסלער א זאג געטהאן, אבי איבעררייסען דעם אונאנגענעהמען שווייגען.

פאלק האט געקוקט אויף איהם.

— איך בין מיט קוניצקי'ן א מאל געוועזען גוט בעפריינדעט... ער האט א גוטע קאפ אויף זיך. ער האט געמאכט אש פון ראדערטוס...

מען האט ווידער געשוויגען.

— איזא איז שוין אוועקגעפאהרען? — האט העיסלער א פרעג געטהאן.

— זי האט דען געדארפט אוועקפאהרען?

— מיר האט זיך אזוי אויסגעדוכט.

העיסלער האָט אויסגעזעהען אזוי צוטראָגען, אויפגערעגט.

— ווילסט געהן אהיים? — האָט פאַלק געפרעגט מיט שרעק.

— איך בין שרעקליך מיעד.

פאַלק האָט א קוק געגעבען אויף איהם מיט א מאָדנעם שמייכעל.

— דו קוקסט אוים עפּעס אזוי בעאונרוהיגט פון עטוואָס... כע, כע, כע... נו, געה, געה, איך וועל אויך געהן זיך צולעגען...

15.

נאָך פעסטער האָט זיך פאַלק צוגעדריקט צום וואנד. אין צי־מער איז געווען פינסטער.

ער האָט אויפגעציטערט: אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אימעצענס שטים. ער האָט זיך איינגעהערט אויפמערקזאַם.

— די ווירטהין מיט'ן קינד זיינען אוועקגעפאָהרען, און דער הערר זיצט דעם גאַנצען טאָג אין זיין צימער. וואהרשיינליך, קראַנק. ער עסט ניט, טרינקט ניט און ענטפערט ניט.

ער האָט דערהערט א קלאַפּ אין טיהר. האָט זיך אפילו קיין ריהר ניט געגעבען. נאָר מיט א מאָל האָט ער בעמערקט, אז די טיהר האָט זיך געעפענט, און אין צימער האָט זיך אריינגעריסען א פאַס ליכט. דערנאָך איז ווידער געוואָרען פינסטער.

— פאַלק! — האָט איהם אָלגאַ א רוף געטהאָן.

— שטילער... שטילער...

— וואו ביסטו?

— דאָ.

— וואָס טהוסטו? — האָט זי געפרעגט מיט שרעק.

— אימעצער איז געשטאָרבען.

— געשטאָרבען? ווער?

— זי, זי... זעץ זיך נעבען מיר... אָט דאָ, דאָ...

— וואָס האָלטסטו דאָס אין האנד? — האָט אָלגאַ געפרעגט.

— א בריעף פון איהר. זי איז אוועקגעפאָהרען און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקעהרען. געשטאָרבען, הייסט עס.

ביידע זיינען אזוי געזעסען איינס נעבען אנדערן, זיך האַלטענ־דיג פאַר די הענד.

פון דיזער געהיימניספולער שטילקייט און פינסטערניש האָט זיך איהר די קאָפּ אָנגעהויבען דרעהען.

— דו ביזט ניט אראָפּ פון זינען? — האָט זי געפרעגט מיט שרעק אין איהר שטים.

— דאָס איז געווען פריהער, איצט שוין ניט.

מען האָט לאַנג געשוויגען.

— ווי גוט דאָס איז, וואָס דו ביזט געקומען, — האָט ער ארויסגערעדט, אָטהעמענדיג שווער.

— און וואָס וועט איצט זיין?

ער האָט ניט געענטפערט. זי האָט ניט געוואגט נאָך א מאָל צו פרעגען.

א שטיק צייט שפּעטער האָט זי ווידער געוואָלט פרעגען, נאָר ער איז געשלאָפען. זי האָט זיך ניט געריהרט אויס מורא אויפ־צואוועקען איהם. אפילו אין שלאָף האָט ער זי געהאַלטען פאַר׳ן האנד. א סך צייט איז אזוי פאַראיבער. מיט אמאָל איז ער אויפ־געשפּרונגען.

— איך וועל אפשר פאָהרען צו טשערסקי׳ן. וועסט פאָהרען מיט מיר?

— כ׳וועל פאָהרען.

— עס לעבע די מענשהייט! חא, חא, חא! — האָט ער זיך צולאַכט מיט א ביטער־ניפּטיגען געלעכטער.

ענדע פון דריטען און לעצטען טהייל.